# ק

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ כ״ח כִּסְלֵו ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, זָאלְסְט וִויסְן בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן חִיזּוּק יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע, וָוארוּם עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹי פִיל צָרוֹת מִיט יִסּוּרִים מִיט בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ׳, וְכוּ׳, סְפֵיקוֹת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִּירְט, אַזוֹי דַארְף זַיין, אוּן אוֹיבּ עֶר דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן בֶּעט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, רֶעד אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אִים, דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס אִיז נָאר דָא, שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים וָואס עֶר וֶועט טוּן מִיט דִיר, חַזַ״ל זָאגְן (נִדָּה ל) לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ;

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט נִסִּים מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר אַ מֶענְטְשׁ אַנְעֶרְקֶענְט נִישְׁט דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים קלו, ד) ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת

גְדוֹלוֹת לְבַדוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה), וָואס שְׁטֵייט לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדוֹ? נָאר ס'אִיז דָא נִסִים אוּן ווְאוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ וָואס אִיז לְבַדוֹ, כִּבְיָכוֹל נָאר עֶר אַלֵיין ווֵייסְט וָואס עֶר טוּט פַאְרן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ כַּאפְּט גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶעט מֶען מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר טַעֲנוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', זֵיי הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וְכוּ', זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אִין אַלֶע צָרוֹת, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלַן, פַארְדֶעם קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן כו), עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה בּוֹרֵא קְלִפּוֹת הַמִתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו וְעוֹשִׂין לוֹ יְסוּרִין.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט בַּאקְלָאגְן אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי פִיל מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִיר אוּן מֶען רוֹדֶפְט דִיר

אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, דָאס אִיז דַיינֶע עֲווֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט הָאבְּן זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ גֶעוֶועןְ אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רוֹדְפְן דִיר. אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט זִיךְ צִיעֶן צוּ אִים, אוּן זָאלְסְט אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה, זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ מוֹרָא'דִיג חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אִיךְ זָאג דִיר צוּ אִיךְ

וֶועל שוֹין מֶער נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ בֶּעט דִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, זֵיי מְבַטֵל פוּן מִיר אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע מַחְלוֹקֶת, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי דִיר "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", סְ'וֶועלְן אַלֶעס בָּטוּל וֶוערְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן דִי אוֹתִיּוֹת מְנִיעוֹת וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוֹיף נְעִימוֹת, סְ'וֶועט דִיךְ זַיין זִיס אִין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

## קא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ, כ"ח כִּסְלֵו ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**בֶּאֱמֶת** טְרַאכְט אִיךְ אַרַיין צוּ דִיר עֶנְטְפֶערְן יָא אָדֶער נֵיין, וַוייל ווִי אִיךְ זֶע אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ דִיר, אוּן דוּ זוּכְסְט אוֹיף זִיךְ צָרוֹת וְכוּ'.

**וְזִיסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר אִיז פָּגוּם אָדֶער נִישְׁט, דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה

חַ.) אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁטֶענְדִיג וואו עֶר דַארְף נִישְׁט קוּקְן וְכוּ', אִיז דִי יֵצֶר הָרָע זִיךְ אוֹיף אִים מִתְגַּבֵּר, בִּיז עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כח, לד) "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגָּע פָּשׁוּט פוּן קוּקְן וואו עֶר דַארְף נִישְׁט קוּקְן וְכוּ', דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אִים מְשׁוּגָּע, קֶען מֶען שׁוֹין דֶערְקֶענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וואו זַיינֶע אוֹיגְן קוּקְן, אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן צַדִּיקִים גֶעטֵייטְשְׁט (בְּרֵאשִׁית לח) "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הוּא בָעֵינַיִם", אַז מֶען וִויל זֶען דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיבּ עֶר קוּקְט וואו מֶען דַארְף נִישְׁט וְכוּ', קֶען מֶען זֶען דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער עִיקָּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי אוֹיגְן, אַזוֹי אוֹיבֶּעט אַ נֵייגֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דַארְף צוּפִיל הֶערְן, יֶעדֶע זַאךְ דַארְף עֶר זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן צוּלֵייגְן דֶעם אוֹיעֶר, דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בְּסֵדֶר, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט כַּעַס דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז פָּגוּם זֵייעֶר שְׁטַארְק, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמט) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז) "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי הֲוָיָ"ה", פַארְוָואס שְׁטֵייט רַע, נִישְׁט רָשָׁע? נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען מִיט דֶעם חֵטְא רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג אִין כַּעַס, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג בַּייז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז פָּגוּם אִין דֶעם חֵטְא, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיבּ עֶר רֶעדְט צוּפִיל, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע

זַיינֶע צָרוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כא), "שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ", אַז אַ מֶענְטְשׁ הִיט דֶעם דִיבּוּר וֶועט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַרֵיין אִין קֵיינֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא), אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דִי מְנוֹרָה; דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז-לֶעכֶער, אוּן דָאס מוֹיל, דָאס אִיז דִי שִׁבְעָה קְנֵי הַמְּנוֹרָה, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הִיט דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז-לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ רֵיינֶע מֹחַ; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם אוֹיף זִיךְ צוּ הִיטְן דִי שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אוּן וֶועסְט הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן. דֶער עִיקָר מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַרֵיין אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן, דַארְפְסְט נִישְׁט קוּקְן אוּן הֶערְן וָואס יֶענֶער טוּט אוּן וָואס יֶענֶער רֶעדְט, דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועז אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל מג) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט בְּחִינַת אֶחָד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן דָאס אִיז גֶעוֶועז זַיין הַצְלָחָה.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

# קב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת ו' דַּחֲנוּכָּה ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אִין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וּבִפְרַט וֶוער סְ'גֵייט דוּרְךְ דֶעם נִסָּיוֹן פוּן עַנִיוּת, דֶער וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) עֲנִיּוּת מַעֲבֶרֶת אֶת הָאָדָם עַל דַּעְתּוֹ וְעַל דַּעַת קוֹנוֹ; עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווי אָרֶעמְקֵייט, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה לא, סִימָן יא) אֵין בָּעוֹלָם קָשֶׁה מִן עֲנִיּוּת, שֶׁהִיא קָשָׁה מִכָּל יִסּוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם; אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שֵׁם סִימָן יד) כָּל מִי שֶׁמְּדוּקְדָּק בָּעֲנִיּוּת כְּאִילוּ דְּבוּקִין בּוֹ כָּל יִסּוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם וְכוּ', אִילוּ נִתְקַבְּצוּ כָּל יִסּוּרִין לְצַד אֶחָד וְהָעֲנִיּוּת לְצַד אֶחָד הָעֲנִיּוּת מַכְרַעַת לְכוּלָן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווי אָרֶעמְקֵייט קֶען צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, מֶען פְּרָאבִּירְט דִיךְ אוֹיס פוּן הִימְל זֶען צוּ וֶועמֶען וֶועסְטוּ לוֹיפְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַנְטְלוֹיפְן דַארְף מֶען נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָאר אוֹיף פַּרְנָסָה,

וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַן עֵצָה, "וָואס זָאל אִיךְ בֶּעטְן פְרִיעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אָדֶער פַּרְנָסָה?" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "זָאלְסְט בֶּעטְן קוֹדֶם אוֹיף פַּרְנָסָה וַוייל דָאס שְׁפִּירְסְטוּ אַז עֶס פֶעלְט דִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט דָאס בֶּעטְן וֶועסְטוּ דָאס בֶּעטְן מִיט אַן אֱמֶת, מַה שֶּׁאֵין כֵּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הַאלְסְטוּ נָאכְנִישְׁט דֶערְבַּיי, אַז דוּ וֶועסְט דָאס בֶּעטְן וֶועט נִישְׁט זַיין מִיט קַיין אֱמֶת". אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פַּרְנָסָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶר וֶועט דִיךְ צוּשִׁיקְן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז אַ כְּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין אִין דֶעם אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת, אוּן זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין פב:) אֵין עֲנִיּוּת מִן הָאוּמְנוּת וְאֵין עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמְנוּת אֶלָּא לְמִי שֶׁהָעוֹשֶׁר שֶׁלּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (חַגַּי ב, ח) "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם הַוַיָ"ה צְבָאוֹת".

**אַן** עֵצָה אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיז צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין סִידוּר הוֹיעֶךְ,

וָוארְט בַּיי וָוארְט, עֶס אִיז בָּדוּק אוּן מְנוּסֶה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְפֶעלְט כִּמְעַט קַיין אֵיין מָאל בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן צוּ בֶּענְטְשְׁן אוֹיסֶער אַ סִידוּר, הָאט מִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעשָׁאנְקֶען עֲשִׁירוּת מוּפְלֶגֶת, אִיךְ בִּין דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט (אָן לֵיצָנוּת).

**נָאךְ** אַן עֵצָה אוֹיף פַּרְנָסָה בְּנִיקַל אִיז צוּ לֶערְנֶען זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנֶ"ה, בַּאקוּמְט מֶען אַסַאךְ פַּרְנָסָ"ה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימֶער שׁוּסְטֶער וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט, נָאר אֵיינְמָאל שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל קוֹרֵא צוּשְׁרִיגְן הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל (בְּרֵאשִׁית מג, יב) "וְכֶסֶף מִשְׁנֶה קְחוּ בְיֶדְכֶם" אוּן דָאס אִיז אִים אַרַיין אִין הַארְץ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָה, יֶעצְט וַויים אִיךְ שׁוֹין דֶעם סוֹד ווִיאַזוֹי מֶען קְרִיגְט כֶּסֶף גֶעלְט, אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנֶה!", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת בִּתְמִימוּת אָן חָכְמוֹת, אוּן וֶוער עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט כַּמָה וְכַמָה פְּעָמִים שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, הָאט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זַייעֶר זַייעֶר רַייךְ, אוּן פוּן אַ פָּשׁוּטֶער שׁוּסְטֶער הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט אַ גְרוֹיס פַאבְּרִיק פוּן שִׁיךְ אוּן עֶר הָאט זַייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. אִיבֶּערְדֶעם זֶע דוּ אוֹיבֶעט נֶעמֶען זִיךְ צוּם מִשְׁנַיוֹת, אוּן זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אָן חָכְמוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ.

**אוֹיבּ** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאָב" (עֵרֶךְ לִימוּד) אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שׁוּסְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גָארְנִישְׁט לֶערְנֶען נָאר עֶר הָאט יֶעדֶעס יָאר דוּרְכְגֶעזָאגְט גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן זַיין

פָּנִים האט אים גֶעלַאכְטְן אַזוֹי ווי אַ גְרוֹיסְן צַדִיק; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ פוּן נָאר זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אִיז דָאס מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז בַּאוואוּסְט אַז זָאגְן זוֹהַר אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אָבֶּער קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט אַיין דָאס זָאגְן גְמָרָא אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אִיז אוֹיכֶעט אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

**עֶס** אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם "אִמְרֵי אֱמֶת" אוּן הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה שְׁטֵיי אוֹיף פְּרִי, אוּן פַאר דֶעם דַאוֶונֶען לֶערְן אַ שָׁעָה גְמָרָא אָדֶער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה אָדֶער אֲפִילוּ אַ פֶערְטְל שָׁעָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער טָאג וֶועט דִיר גֵיין אַנְדֶערְשׁ, הָאט דֶער אִיד זִיךְ בַּאקְלָאגְט עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, "זָאג נָאר דִי גְמָרָא וֶועסְטוּ זֶען דָאס דִי תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וָואס דוּ וֶועסְט מַזְכִּיר זַיין זֵייעֶר נֶעמֶען וֶועלְן דִיר צוּ הִילְף קוּמֶען דֶעם טָאג". אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאסְט מִיךְ גֶעפָאלְגְט אוּן דוּ הָאסְט דוּרְכְגֶעזָאגְט גַאנְץ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן דוּ בִּיסְט שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן אִין אָנְפַאנְג מַסֶכֶת שַׁבָּת וְכוּ', פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא?, וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וָוארוּם גּ'מָ'רָ'א' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן וְכוּ',

און וָואס אַנְדֶערֶע שְׁפֶּעטְן פון דֶעם וְכוּ', דו קוּק נָאר אויף דִיר, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן און דו וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל, און דו וֶועסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַפָּאר דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ זֶען וָואסְפַארַא הַצְלָחָה דו וֶועסְט הָאבְּן אִין לֶעבְּן.

**נָאר** זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וָואס דָאס אִיז אוֹיבֶּעט אַ סְגוּלָה אויף פַּרְנָסָה, ווי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער שֵׁם פון פַּרְנָסָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פון פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ', סוֹפֵי תֵּיבוֹת חַתָ"ךְ, קוּמְט אויךְ אַרוֹיס פון פָּסוּק (דְבָרִים טז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', סוֹפֵי תֵּיבוֹת חַתָ"ךְ, אַז אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט, וֶועט עֶר הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א), מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ; הַצְלָחָה קוּמְט פון שִׂמְחָה.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶאֱמַר (בְּרֵאשִׁית יב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ, (תְּכַבְּדוּ וּתְיַיקְרוּ אֶת נְשׁוֹתֵיכֶם כְּדֵי שֶׁתִּתְעַשְּׁרוּ); דָאס הֵייסְט אַ סְגוּלָה אויף פַּרְנָסָה אִיז מְכַבֵּד צוּ זַיין דָאס וַוייבּ, און ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט) דֶער עִיקָר הָעֲשִׁירוּת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר אִין זְכוּת פון זַיין וַוייבּ. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען שָׁלוֹם צוּ מַאכְן מִיט דַיין

וַוייבּ, און איר זֵייעֶר מְכַבֵּד צוּ זַיין, וֶועסְטוּ זֶען אַז אִין זְכוּת פוּן דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**נָאר** וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, פַאל נִישְׁט אַריין אִין קַיין יִאוּש, און אִין קַיין דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', עֶס קֶען זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶעס לְטוֹבָה אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט בִּטָחוֹן אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָה יז, ז) "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּהֲוַיָ"ה וְהָיָה הֲוַיָ"ה מִבְטַחוֹ" מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵים זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן, דֶער עִיקֶר קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם? שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי חַיִים קָאסוֹבֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט (תּוֹרַת חַיִים לִיקוּטִים) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק א) עֲשֵׂה לְךָ רַב וְהִסְתַּלֵּק מִן הַסָּפֵק, אַז דֶער פֵּירוּשׁ אִיז: עֲשֵׂה לְךָ רַב - און גְלֵייבּ אִין אִים, וְהִסְתַּלֵּק מִן הַסָּפֵק - אוֹיבּ עֶר קֶען מִיךְ הֶעלְפְן. און אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵדֶר הַיּוֹם פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע, "הֶחָסִיד צָרִיךְ לְהַאֲמִין שֶׁכָּל מַה שֶּׁרַבּוֹ אוֹמֵר לוֹ מַסְכִּימִין כַּךְ לְמַעֲלָה", אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג׳ טֵבֵת ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵכִים הַיְקָרִים ... נֵרָם יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיווּ.

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק ווִי מֶען קֶען אַייךְ אַרָאפְּפִירְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג דוּרְךְ אַפָּאר בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס הֵייסְט גוּטְס אוּן וָואס הֵייסְט שְׁלֶעכְטְס וְכוּ׳, אוּן ס׳אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי דִי וֶוערְטֶער פוּן נָבִיא (יְשַׁעְיָה ה, כ) ״הוֹי הָאוֹמְרִים לְרַע טוֹב וְלַטּוֹב רַע שָׂמִים חֹשֶׁךְ לָאוֹר וְאוֹר לְחֹשֶׁךְ שָׂמִים מַר לְמָתוֹק וּמָתוֹק לְמַר״ וְגוֹ׳; וָואס וֵוייסְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? עֶס פַּאסְט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֵיין מִיט זֵיי אִין קַיין וִויכּוּחַ.

**וְזאוּ** אִיז גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז בַּיי יֶעדְן מִזְמוֹר פוּן דַאוֶונֶען זִינְגְט מֶען אַן אַנְדֶערְן נִיגוּן? מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען שְׁפִּילְט אִינְטֶער מוּזִיק, דָאס אִיז דָאךְ דִי וֶועג פוּן דִי רֶעפָארְמֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְז׳עֶר רָב זי״ע בְּרֶענְגְט אִין אַ תְּשׁוּבָה (דִּבְרֵי חַיִּים אוֹרַח חַיִּים סִימָן יז), אַ חַסִידִישׁ שְׁטִיבְּל הָאט גֶעוָואלְט אַיינְפִירְן אַז מֶען זָאל אִינְטֶער זִינְגֶען מוּזִיק אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען וְכוּ׳, גֶעט עֶר זֵיי אַ פָּארְצֵייעַ מוּסָר, ווִי פַּאסְט דָאס בַּיי חֲסִידִים נָאכְמַאכְן מִתְחַדְּשִׁים וְכוּ׳, רְשָׁעִים וְכוּ׳? זֶעט מֶען פוּן דֶעם ס׳אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט; אִיבֶּערְדֶעם וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק ווִי לָאזְטוּ צוּ אַז בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה זָאלְן דִיךְ פִירְן אִין בָּאד, אוּן וֶועלְן מְתַקֵן זַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים?

בִּכְלַל דֶעם גאַנְצְן עִנְיָן פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען גְרוֹיס רַחֲמִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו), דָאס אֲפִילוּ צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען דָּבוּק אוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּעֶן תְּשׁוּבָה יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע טָאמֶער הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג גֶעוֶוען הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, טָאמֶער נַארְן זֵיי זִיךְ, אוּן זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וְכוּ', אוּן דָא רֶעדְט מֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט מֵשִׂיחַ דַעַת אֵיין מִינוּט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן קִינְדְוַוייז אוֹיס וְכוּ'; אוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא אַ נֵייעֶ סְטֵייל, אַ נָאמֶען בַּעַל תְּשׁוּבָה וְכוּ'; אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָפְּגֶעטוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וְכוּ', מֵילֶא עֶר ווִיל פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע מַעֲשִׂים, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לד:) מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין צַדִּיקִים גְמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין; דָאס אִיז אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה צְווִישְׁן זִיךְ אוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אָבֶּער עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אַ הוֹגֶה דֵיעוֹת וְכוּ' אַ דֵיעוֹת זָאגֶער וְכוּ' אוּן נָאךְ זַיין אַ מַנְהִיג אוֹיכֶעט וְכוּ', אוּן זָאל פַארְפִירְן אַן עֵדָה אַז מֶען דַארְף זִינְגֶען יֶעדְן מִזְמוֹר אַן אַנְדֶערְן נִיגוּן, אוּן מִישְׁט צוּזַאם נִיגוּנִים אִין אַ פָּשׁוּטְן מִיטְוָואךְ, פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן פּוּרִים, פוּן חֲנוּכָּה, וְכוּ', וְכוּ', וָואס דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת, עֶר ווֵייסְט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל וְכוּ', זִינְגְט צַאם פַאר פַייעֶר אוּן פַאר וַואסֶער, נִיגוּנִים פוּן אַ חֲתוּנָה, נִיגוּנִים פוּן שַׁבָּת, אַלְץ אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען אִין אַ פָּשׁוּטְ'ן מִיטְוָואךְ? זֶעסְט דָאךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג, וְכוּ', אוּן ווִי קֶענֶען הַיימִישֶׁע אִינְגֶעלַייט נָאכְגֵיין אַזַא פַארְקְרִימְטְן מֹחַ? אוּן זָאלְן זִיךְ נָאךְ אָפְּנַארְן אַז דָאס אִיז נָאךְ עֶרְלִיכְקֵייט אוֹיךְ?

**איבּערדעם** בּעט איך דיר זייער, הייב אָן צו לערנען דעם הייליגן רבּינ'ס ספרים, זאָלסט זיין בּקי אין ליקוטי מוהר"ן, ספּורי מעשׂיות, ספר המדות, שׂיחות הר"ן, חיי מוהר"ן, ישר והפוך הפוך וישר, און זאָלסט גאָרנישט אָפּטרעטן פון הייליגן רבּינ'ס ווערטער, און מכּל שכּן וכל שכּן זאָלסטו לערנען אַסאַך שולחן ערוך, וועסטו זען פאַר דיר וואָס הייסט צו זיין אַ איד, און מען זאָל דיך נישט קענען אָפּנאַרן.

**איך** האָף אַז דו וועסט מעורר זיין די אינגעלייט די ווערטער, און עס איז באַוואוסט וואָס דער הייליגער חתם סופר האָט געזאָגט אויף די משנה (ערלה פרק ג) חדש אסור מן התורה; יעדע נייע זאַך וואָס מען זעט נישט בּיי היימישע אידן וואָס האָבּן מקובּל מדור דור, איז שוין אָסור, דאָס איז געווען די רעפאָרמער, די מתחדשים, זיי האָבּן געוואָלט מאַכן נייע זאַכן, די זעלבּע זאַך זענען אָנגעקומען אַ מחנה משׁגעים וכו', וואָס זיי רופן זיך בּעלי תשובה וכו', זיי נעמען סמים (דראַגס) און זיי ווילן אונז פירן אויפן דרך האמת וכו', איז דאָס נישט קיין געלעכטער?

**עטין** זאָלטס שוין מאַכן אַן אסיפה, און אַרויסטרייבּן די וואָס זיי האָבּן געוואָלט איינפירן דעם נאַרישן און שרעקליכן מנהג.

**זאָלסט האָבּן אַ געבּענטשטן טאָג.**

# קד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג' טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז אַ בָּחוּר אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה בְּזֶה הָעוֹלָם, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים צוּבְּרֶעכְן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא יִרְמְיָהוּ זָאגְט (אֵיכָה ג) "קָרָא עָלַי מוֹעֵד לִשְׁבּוֹר בַּחוּרָי", דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט אַ יוֹם טוֹב כְּדֵי צוּ צוּבְּרֶעכְן בָּחוּרִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע. ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת בַּיי דִיר, וָוארוּם ווִי יוּנְגֶער מֶען אִיז קֶען מֶען שְׁטַייגְן אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען דַארְף נָאר הָאבְן דִי אֶמֶת'ע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִין, בֶּענְקֶענִישׁ אוּן וֶועלְן, וְכוּ', וְכוּ'. אַוַודַאי וֵויים אִיךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוֹרְךְ וְכוּ', אָבֶּער דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער, אוֹיף יֶעדְן בָּחוּר גֵייט דוּרְךְ דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה זִיךְ אָפְּזוּנְדֶערְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן דָארְטְן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִים אוּן וָואס עֶס דְרִיקְט אִים וְכוּ', דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד

רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט גֶעהֶערְט אוּן מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין אַלֶע הִימְלֶען, נָאר מַחֲמַת מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, מֶען הָאט פִּיל מִיט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת מִיט דִמְיוֹנוֹת, בִּיז עֶס דַאכְט זִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה בָּאָדָם; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, בִּיז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים, אִין אִים, בַּיי אִים, אוּן הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ קוֹדֶם בֶּעטְן זַייעֶר אַסַאךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן לֶעבְּטִיגֶע אוֹיגְן,

אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, שְׁטַארְק מִיר מַיין אֱמוּנָה אַז אִיךְ זָאל פִּילְן אַז אִיךְ בַּאוֶועג זִיךְ נִישְׁט אָן דַיין כֹּחַ, גֶעבּ מִיךְ שִׂמְחָה אוּן הָאפֶענוּנְג וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ, אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט וְכוּ', קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דִיר, קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַן עַקְשָׁן, אוּן שְׁטַארְקְן זִיךְ יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אִין אַ בַּאזוּנְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז בַּיים סוֹף וֶועט אַלֶעס נִשְׁתַּנֶה וֶוערְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַז

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, און עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ, און דוּ קֶענְסְט מַצְלִיחַ זַיין.

**דֶער** עִיקָר אִין לֶעבְּן אִיז נָאר רָצוֹן, אַ מֶענְטְש דַארְף וֶועלְן און בֶּענְקֶען און הָאפְן, און דָאס זָאגְן מִיר דְרֵיי מָאל אַ טָאג (תְּהִלִּים קמה), "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן", שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁאֵלָה, וָואס אִיז דֶער וָוארְט רָצוֹן? מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים כִּבְיָכוֹל עֶפְן אוֹיף דַיינֶע הֶענְט און גֶעבּ אוּנְז פַּרְנָסָה עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', פַאְרוָואס שְׁטֵייט רָצוֹן, ווילְן? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְש הָאט אַ רָצוֹן אַ ווילְן וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס, דֶער עִיקָר אִיז עֶר זָאל וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּמְאָה עֶר זָאל וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת און כִּיסוּפִין, בֶּענְקֶענִישׁ און הָאפְן, לָאז נִישְׁט נָאךְ, וֶועסְטוּ זֶען סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַלֶעס פַארָאכְטְן וֶוערְן.

**דַארְפְסְט** וויסְן אַז אַלֶעס קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן דָאס אַרְגְסְטֶע וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵן; אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן און עֶר אִיז דִיךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלְסְדִינְג; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע אִין סִידוּר לְפִי דִי נוּסַח פוּן אַרִיזַ"ל, וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט

ווידוי, ס'נֶעמְט אִינְגַאנְצְן צְווישְׁן זֶעקְס און זִיבְּן מִינוּט, אָבֶער וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אֵיידֶער עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן און עֶר מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן דֶעם טָאג, און עֶר זָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיךְ מוֹחֵל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט זִינְדִיגְן, נָאר וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ אוֹיף מִיר מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען? אִיךְ בִּין פַארְבְּלֶענְדֶעט, אִיךְ זֶע נִישְׁט גָארְנִישְׁט, הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, אִיךְ גֵיי זִיךְ יֶעצְט לֵייגְן שְׁלָאפְן, מַיין נְשָׁמָה גֵייט יֶעצְט אַרוֹיף אוֹיבְן צוּ דִיר, בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי עֶס מְקַבֵּל, און רֵיינִיג דָאס מִיר, און בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַ נַייֶע נְשָׁמָה, אַן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְטֶע נְשָׁמָה, מִיט נַייֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ דִיר וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ ווִי אַ אִיד שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווִי אַ אִיד, און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג.

זֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּים שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה רַבָּה אֱמוּנָתֶיךָ" און דוּ וַואשְׁסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער און דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ צוּ און דוּ טוּסְט זִיךְ אָן, זָאלְסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און בֶּעטְן אַז דֶער טָאג וָואס מֶען הָאט דִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען זָאל זַיין אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג, אַ פְרֵיילִיכְן טָאג, זָאלְסְט וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁמוּץ, און אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַרְבֶּה זַיין מִיט דִיבּוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט אִיז אַן הַצְלָחָה נִצְחִיִּית, אַן אֵייבִּיגֶע הַצְלָחָה, דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט

נִישְׁט וָואס הֵייסְט דִיבּוּרִים צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹי וֵוי וָואסְפַארַא בַּטְלָן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז! וֶוען עֶר זָאל וויסְן דָאס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, וָואלְט עֶר דָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג גֶערֶעדְט צוּם אִים! נָאר דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר אִיז אַזוֹי צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, בִּיז עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן אִין אַ יִאוּשׁ וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא) אַזוֹי ווי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִי פְּרָטִיּוּת, קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעפִירְט אַלֵיין, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער בִּיז מֶען רוּפְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מִקְרֶה, מַזָל, טֶבַע, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה; אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז עֶר הָאט מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִין זַיין תּוֹרָה אִין זַיין מִצְווֹת, אוּן אִין זַיין פְרֵיילִיכְקֵייט.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן וואוּ דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ וֵויים גַאנְץ גוּט וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וַוארְף אַוֶועק דִי

אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע כְּלֵי מַשְׁחִית, ווידאו, אֵייפֶּאד וְכוּ׳, וְכוּ׳, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, וָוארוּם דִי חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ח ע״א) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; דֶער יֵצֶר הָרַע גֶעוֶועלְטִיגְט נִישְׁט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ נָאר וואוּ זַיינֶע אוֹיגְן קוּקְן, אוֹיבּ אֵיינֶער הִיט דִי אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף שְׁמוּץ וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן קַיין שְׁמוּץ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, עֶס וֶועט אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין וְכוּ׳, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטְן זִיווּג, אוּן דוּ וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישְׁן שְׁטוּב עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, זָאג מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע סְגוּלָה מְטַהֵר צוּ זַיין דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן וָואס מֶען הָאט פַארְפְלֶעקְט דִי נְשָׁמָה וְכוּ׳, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט גֶערֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד.**

# קה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיְחִי ה' טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט פוּן קַיין בָּשָׂר וָדָם.

סְ'אִיז אַ גְרוֹיס שְׁטוּת צוּ זָאגְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז תָּלוּי וְכוּ' וְכוּ'. עֶס דֶערְמַאנְט מִיר דֶעם בַּאקַאנְטְן סִיפּוּר, אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זַ"ל אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵוינְט, פְרֶעגְט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל, "וָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "מֵיין בְּרוֹיט גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן". הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל אַ צִיטֶער גֶעגֶעבְּן, אוּן פְרֶעגְט אִים "וָואס הֵייסְט?" זָאגְט עֶר אִים, "אִיךְ בִּין אַ בַּעַל עֲגָלָה, אוּן מַיין פֶערְד וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט דִי עֲגָלָה הָאט גֶעפֵּיינֶערְט, בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אָן פַּרְנָסָה", הָאט זִיךְ דֶער חָפֵץ חַיִּים זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ זִיךְ, "וֵויי וֵויי, ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזַא טִיפֵּשׁ אוּן זָאגְן אוֹיפְן פֶערְד אַז דָאס אִיז זַיין בְּרוֹיט גֶעבֶּער?"

זֶעט מֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אַז דִי פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם וְכוּ' וְכוּ', דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַסַאךְ וֶועגְן ווִיאַזוֹי מְפַרְנֵס צוּ זַיין

אַ מֶענְטְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין בִּטָחוֹן, אוּן זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אִים אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶוען דוּ וָואלְסְט יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף הָאבְּן פַּרְנָסָה, אִיךְ בִּין עֶנְג אִין גֶעלְט, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ קַיין עֵצָה נִישְׁט גֶעבְּן, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, זֵיי מִיר מַרְחִיב בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, וָואלְסְטוּ גֶעזֶען ווִי אַלֶעס וָואלְט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע טָאג**

## קו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיְחִי ה' טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוֹיךְ דַיין שְׁוָואגֶער אִיז דָא גֶעוֶוען.

**אִיךְ** בִּין גֶעקוּמֶען בְּזֶה הָעוֹלָם אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן שְׁטוּבֶּער נִישְׁט צוּ חָרוּב מַאכְן שְׁטוּבֶּער, אִיבֶּערְדֶעם ווִיל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם גֵט, וָוארוּם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען נָאר חֲתוּנָה מַאכְן בָּחוּרִים אָבֶּער נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין צֶענֶעמֶען שְׁטוּבֶּער. שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**בֶּעסֶער** גֵיי צוּ אַ רָב אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן רֶעד זִיךְ מִיט אִים אַדוּרְךְ; וָוארוּם דָאס אִיז דִינֵי נְפָשׁוֹת - גֵיין צוּבְּרֶעכְן בַּיי אֵיינֶעם אַ שְׁטוּב וְכוּ' וְכוּ', אוּן אֶמֶת סְ'אִיז דָא גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וִויל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִינְמִיטְן פוּן אַ גֵט וְכוּ'. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזֶענְט בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן הַלְוַאי זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נָאךְ עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, וַוייל סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי חֲתוּנָה מַאכְן בָּחוּרִים מִיט מֵיידְלֶעךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פט), **אַז** דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן, עֶר אִיז מְשַׁדֵךְ אַלֶע שִׁידוּכִים, אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק נָאר אִין שִׁידוּכִים, ווִידֶערְאוּם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט אִין הִימְל, וָואס וֶועט זַיין זַיין פַּרְנָסָה? הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, זַיין פַּרְנָסָה וֶועט זַיין אַז עֶר וֶועט זַיין אַ שַׁדְכָן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שַׁדְכָנוּת, וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז מְשַׁדֵךְ שִׁידוּכִים, אוּן פוּן צַדִיקִים זָאגְט מֶען נָאךְ דָאס דִי כָּשֵׁר'סְטֶע גֶעלְט אִיז גֶעלְט פוּן שַׁדְכָנוּת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר פִירְן אוֹיף דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן זָאלְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג מְבַשֵׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיְחִי ה' טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ . . . נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פוּן מִיר גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט בְּרַבִּים וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶע מְלַמֵּד, דֶער וָואס עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן עֶר קֶען זֵיי אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל וָואס זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען בִּפְרַט אוּן אִין לֶעבְּן בִּכְלַל, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן קַיין מְלַמְּדִים, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ), וָואס דֶער פָּשׁוּט'עֶר טַעַם אִיז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז עוֹסֵק אִין מַשָּׂא וּמַתָּן אוּן מֶען נֶעמְט פוּן אִים צוּ גֶעלְט בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד וְכוּ', קֶען עֶר עֶס שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק בַּאצָאלְן, אָבֶער אוֹיבּ מֶען נֶעמְט צוּ פוּן אַ קִינְד דִי צַייט, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן מִיט קַיין שׁוּם גֶעלְט, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין מְחִילָה.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא:) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָה מח, י) "אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת הַוָיָ"ה רְמִיָּה", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט נִישְׁט גוּט אוֹיס דִי קִינְדֶער עִבְרִי וְכוּ', אָדֶער ווִי צוּ לֶערְנֶען וְכוּ', אַזוֹי ווִי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט יוֹאָב דֶער שַׂר צָבָא פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט גוּט עִבְרִי וְכוּ', אַנְשְׁטָאט זֵכֶר עֲמָלֵק

(מִיט אַ צֵירֵי), הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זָכָר עֲמָלֵק (מִיט אַ קָמֵץ), אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ אִים אַ מִכְשׁוֹל, וְכוּ׳. אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעטְרַיי צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְצוּבוֹיעֶן, נִישְׁט זֵיי צוּבְּרֶעכְן, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן טָאר נִישְׁט זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין, אָדֶער טוּן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, וִוי דֵי רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה הֲלָכָה ג׳) מְלַמֵּד הַתִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּלִימוּדָן הֲרֵי זֶה בִּכְלַל אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה, לְפִיכָךְ אֵין רָאוּי לְהוֹשִׁיב מְלַמֵּד אֶלָּא בַּעַל יִרְאָה מָהִיר לִקְרוֹת וּלְדַקְדֵּק.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, וָוארוּם וֶוער עֶס קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן נָאר עֶר נֶעמְט צוּ דִי טַייעֶרֶע צַייט פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז אַן עַוְלָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן. אָדֶער מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער פַארְקְרוּמְט פְּשַׁט וְכוּ׳, אָדֶער פַאלְשֶׁע דֵיעוֹת וְכוּ׳, דָאס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אַ אִינְגְל קְלֵיינֶערְהֵייט דָאס בְּלַייבְּט אִים אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זוּכְן פַאר דִי קִינְדֶער אַן עֶרְלִיכְן מְלַמֵּד וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט אָן דִי צַייט, וָואס אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט אוּן נִישְׁט נֶערְוֶועז וְכוּ׳, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעפַּסְקֶנְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז) וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמוֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה אוֹ לַעֲצוֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה אוֹ

לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַּאי כִּי כָּל אֵלּוּ הַדְּבָרִים גּוֹרְמִים שֶׁלֹּא יוּכַל לִלְמֹד הֵיטֵב, וְכָל הַמִּשְׁנֶה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה וּמְסַלְּקִין לֵיהּ; אָבֶער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַלֶע מַעֲלוֹת, עֶר הָאט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיף זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד, עֶר קֶען שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין דָאס לֶערְנֶען, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס הֲלָכוֹת וְוִי צוּ זַיין אַ אִיד, דֶעמָאלְטְס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד.

וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב) "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד" אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת; אוּן דֶער פָּשׁוּטֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם אִיז, אַז אַזוֹי וְוִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְן, וָוארוּם שְׁטֶערְן קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן, זֵיי זֶענֶען אוּמְצֵיילְבַּאר, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסֶע שְׂכַר פוּן מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת וָואס זֵיי לֵייגְן אַרַיין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְרֵייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם אִיז וָואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז יָא אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס וְוִי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד.

**אַ** מְלַמֵּד דַארְף דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמח) דָאס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז

זייער אַ גְרויסע זאך, וואָרום ווען מען דערציילט אַ מַעֲשֶׂה פון אַ צַדִיק ווערט נתעורר דאָס הַארץ נאָכצוטון דעם צַדִיק, און ער אַליין איז געקומען צו זיין דַרְגָא נאָר ווייל ער האָט געהערט אסאך מַעֲשִׂיוֹת פון צַדִיקִים ווען ער איז געווען גאָר אַ קליין אינגל.

**עס** איז באַוואוסט אַז דער הייליגער צאַנזער רב זי״ע (בַּעַל דִבְרֵי חַיִים) האָט געפרעגט דעם מְלַמֵד פון זיינע קינדער אויב ער לערנט מיט זיי מוּסָר, האָט דער מְלַמֵד געענטפערט יאָ, ער לערנט מיט זיי ״חוֹבַת הַלְבָבוֹת״, האָט זיך דער הייליגער צאַנזער רב זי״ע אָנגערופן צום מְלַמֵד, נישט דאָס האָב איך געמיינט, איך האָב געמיינט דו זאָלסט דערציילן מַעֲשִׂיוֹת פון הייליגן רבּי׳ן רבּי אֱלִימֶלֶךְ זי״ע, און פון הייליגן רבּי׳ן רבּי זוּשָׁא זי״ע, וואָרום ער האָט פאַרשטאַנען אַז אויב מען וועט דערציילן די קינדער מַעֲשִׂיוֹת פון די הייליגע ברודער זי״ע, וועט דאָס אַריינברענגען אין די קינדער אַ געוואַלדיגע בענקעניש נאָכצומאַכן.

**אַ** מְלַמֵד דאַרף האָבן אויסטערלישע געדולד צו קינדער, נישט ווערן נערוועז, און אַוודאי נישט שלאָגן, ווי די חַזַ״ל דערציילן (מִדְרָשׁ אַגָדָה) אַז רַב סַפְרָא האָט געהאַט אַ תַּלְמִיד וואָס ער האָט געלערנט מיט אים פיר הונדערט מאָל איין הֲלָכָה, אַזוי פיל געדולד האָט ער געהאַט צו אים, און נאָכדעם האָט דער תַּלְמִיד פאַרגעסן וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלערנט מיט אים פיר הונדערט מאָל די הֲלָכָה, האָט מען אים פון הימל

גֶעשֶׁענְקְט פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּ לֶעבְּן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם וויפִיל גֶעדוּלְד מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ קִינְדֶער.

**יֶעדֶע** מְלַמֵד דַארְף וויסְן דָאס דִי תַּלְמִידִים קוּקְן אַרוֹיף אוֹיף אִים, אוּן זֵיי הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶע מְלַמֵד זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף, עֶר זָאל זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל פַאר דִי תַּלְמִידִים. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל צְווִישְׁן זֶעקְס אוּן זִיבְּן יָאר, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵד אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ יַעֲקֹב קַאלְמָאנָאווִיץ זַ״ל, (בַּאוואוּסְט מִיטְ׳ן נָאמֶען ר׳ יַעְנְקְל מְלַמֵד), אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער זֶעכְצִיג יָאר, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְוָואס זֶענֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶערָאטְן? ווַייל יֶעדְן טָאג בֶּעט עֶר אוֹיף יֶעדְן תַּלְמִיד בַּאזוּנְדֶער עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי אִים אִין קְלַאס, אִיז קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען לְתַרְבּוּת רָעָה ל״ע, עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער ווִי צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ אִינְגְל הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט הָאט עֶר אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַארְן אָרוֹן קוֹדֶשׁ, (אוּנְזֶער קְלַאס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ) אוּן עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסְן "בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער", אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי צוּ בֶּעטְן וְכוּ׳, זֶעט מֶען פוּן דֶעם, ווִי אַ מְלַמֵד דַארְף אוֹיסְזֶען.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וַוייזְן קִינְדֶער ווִידִיאָס אָדֶער אַנְדֶערֶע מוּאוִויס וְכוּ', וָוארוּם וֶוען דֶער קִינְד זֶעט אַז דֶער מְלַמֵּד וַוייזְט אִים דָאס, אֲפִילוּ גוּטֶע זַאכְן, וֶוען עֶר וֶוערְט גְרוֹיס קְרִיכְט עֶר נָאכְדֶעם צוּ שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (סוּכָּה מו ע"ב) לֹא לֵימָא אִינִישׁ לִינוּקָא דִיהִיבְנָא לָךְ מִידֵי וְלָא יָהִיב לֵיהּ מִשּׁוּם דְאָתִי לְאַגְמוּרֵיהּ שִׁיקְרָא שֶׁנֶּאֱמַר (יִרְמְיָה ט, ד) "לִמְּדוּ לְשׁוֹנָם דַּבֶּר שֶׁקֶר"; אַז מֶען זָאגְט צוּ אַ קִינְד עֶפֶּעס דַארְף מֶען אַיינְהַאלְטְן, וָוארוּם וֶוען מֶען הַאלְט נִישְׁט אַיין וָואס מֶען הָאט צוּגֶעזָאגְט, לֶערְנְט מֶען אוֹיס דֶעם קִינְד לִיגְנְט זָאגְן, זֶעט מֶען ווִי וַוייט אַ מְלַמֵּד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶעדֶעם וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט מִיט אַ קִינְד, וָוארוּם דָאס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג בַּיים קִינְד.

אִיךְ הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף הַצְלָחָה אוּן סַיַעְתָּא דִשְׁמַיָא אִין מְלוּמְדוּת, וֶועסְטוּ הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים, אוּן זֵיי וֶועלְן אַלֶע אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּן אַ מְלַמֵּד.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נָאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם זַייעֶר אַסַאךְ, אָבֶער פָּשׁוּט יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין צַייט, וְעוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע טָאג**

# קח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיְחִי ו' טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן אַז אוֹיף אַ בָּחוּר פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּבְּרֶעכְן אִים מִיט וָואס עֶר קֶען, בִּפְרַט וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ מִיט פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', וָואס דָאס קוּמְט גֶעוֶוענְדְלִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן הִרְהוּרִים רָעִים וְכוּ', וָואס דָאס קוּמְט פוּן נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ח.) אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת; אַז אַ אִיד הִיט דִי אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט וואוּ עֶר דַארְף נִישְׁט וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אָבֶער לֵיידֶער אִיז זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִתְגַּבֵּר אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס ס'קוּמְט דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, וָואס מֶען אִיז עוֹבֵר אַ לַאו (בַּמִּדְבָּר טו) "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זוֹנִים אַחֲרֵיהֶם" דַרְשֶׁנֶען דִי חַזַ"ל אוֹיף דֶעם פָּסוּק (בְּרָכוֹת יב ע"ב) "אַחֲרֵי לְבַבְכֶם" זוּ מִינוּת, "וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם" זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה; וָואס עֶס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, קוּמְט אִים אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִין אֱמוּנָה, אוּן עֶס וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אֱמוּנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן נִישְׁט קוּקְן וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט זֶען, וָוארוּם אָן תְּפִלָּה וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, מֶען דַארְף זַייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן, מִיר זֶעעֶן דָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים (תְּהִלִּים קיט, לז) "הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶיךָ חַיֵּנִי", אִיךְ בֶּעט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן נִישְׁט זֶען שְׁלֶעכְטְס אוּן פַאלְשְׁקֵייט וְכוּ', נָאר זַיי מִיר מְחַיֶּה מִיט דַיינֶע וֶועגְן, דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

**אִיךְ** וֵוייס וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, ווִי דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בַּאֲרִיכוּת וְכוּ', פוּנֶדעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן דָאס מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט בְּפֵרוּשׁ גֶעזָאגְט "דוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ, אִיךְ הָאבּ בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס" וְכוּ', דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז דֶער וָואס וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אַוַודַאי אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פָּארְן אוֹיף זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן בָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וָוארוּם עֶר הָאט בְּפֵרוּשׁ צוּגֶעזָאגְט דָאס דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן

הַכְּלָלִי" װעל איך אים אַרויסשלעפּן פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דערפאר איז א גרויסע זאך צו זיין כאטש איינמאל אין לעבן ביים היילִיגן רַבִּינ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן.

**עֶם** איז נאכנישט געווען א צַדִּיק אין דער וועלט וואס זאל צוזאגן אזא הַבְטָחָה מיט צוויי הייליגע עֵדוּת אַז ער וועט א טוֹבָה טון פאר די וואס וועלן קומען צו זיין צִיוּן אין אומאן, און געבן א פְּרוּטָה לִצְדָקָה, און זאגן די צען קאפיטלעך תְּהִלִּים וואס הייסן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", כאטש ס'איז דא רְשָׁעִים וואס זיי שפעטן אפ פון דעם, אבער מען דארף לייגן אויפן וואגשאל, דא איז דא אזא גרויסער צַדִּיק א וואונדערליכער געטליכער הייליגע נְשָׁמָה, וואס דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האט אראפגעשיקט מְחַיֶה צו זיין גאנץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און אריינבלאזן אין זיי אֱמוּנָה, און ער זאגט צו מיט צוויי עֵדוּת, איינער רַבִּי אַהֲרֹן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע און דער צווייטער רַבִּי נַפְתָּלִי מִנֶעמְרוּב זי"ע, וואס די צוויי זענען געווען זיינע גרויסע תַּלְמִידִים העכערע סארט מענטשן דָבוּק אינעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און ער האט זיי גענומען פאר עֵדוּת אז ווער עס וועט קומען צו זיין צִיוּן אין אומאן און ער וועט געבן א פְּרוּטָה לִצְדָקָה, און זאגן די צען קאפיטלעך תְּהִלִּים וואס הייסט "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וועל איך זיך לייגן אין די לענג און אין די ברייט, און איך וועל אים ארויסנעמען פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית, און דא פון די אנדערע זייט שטייען לֵצִים מְגוּשָׁמֶער מענטשן בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ', און שפעטן אפ וְכוּ' וְכוּ'; פרעג איך דיר: וועמען דארף מען פאלגן?

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ קֶענְסְט פָאְרן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. נַאטוּרְלִיךְ פָאְרט מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווייל דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס עֶר קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן אַ גַאנְץ יָאר אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר זֵיי אוֹיךְ פַארְרֶעכְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז אַוַודַאי בֶּעסֶער אוֹיבּ מְ'אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען פָאְרט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט וְכוּ', זָאל מֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין יָאר זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב. סִימָן קיב) אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז מֶען קֶען מְקַלְקֵל זַיין, זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען מְתַקֵן זַיין, דָאס הֵייסְט וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּבְּרָאכְן; אוּן וִויבַּאלְד דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וַוייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן עֶר וִויל נָאר אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אוּן זָאגְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דָאס אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן וְכוּ', מֶען דַארְף אַרוֹיסְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר מִצְוַות וִידוּי, וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד אִין תְּשׁוּבָה.

אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א) אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז ווידוי דְבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודּוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט ווערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי זִינְד אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה, גֵייעֶן אַרוֹיס דִי אַלֶע עֲווֹנוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר וֶוערְט אַ כְּלִי עֶס זָאל לַייכְטְן אִין אִים דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר שְׁפִּירְט גֶעטְלִיכְקֵייט. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, אַדְרַבָּה מִיט דֶעם וָואס דוּ זָאגְסְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן דִי שֶׁעמְסְט זִיךְ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:) כָּל הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּישׁ בּוֹ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו; אוֹיב אֵיינֶער הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאג אַרוֹיס מִיטְן מוֹיל פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פּוּנְקְטְלִיךְ, כָאטְשׁ דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ, דָאס אִיז דַיין תְּשׁוּבָה. נַאטוּרְלִיךְ דִי זַאכְן

טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר קַיין בָּשָׂר וָדָם, וָוארוּם מֶען טָאר נִישְׁט גְלֵייבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט, מָארְגְן וֶועט עֶר דִיךְ אוֹיסְשְׁפֶּעטְן, און אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת לד:) חָצִיף עָלַי מַאן דִמְפָרֵשׁ חַטָאֵיה שֶׁנֶאֱמַר (תְּהִלִּים לב) "אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה"; דָאס אִיז אַן עַזּוּת אַז אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט פַארְצֵיילְן פַאר קַיין מֶענְטְשְׁן זַיינֶע דוּרְכְּפַאלְן אִין לֶעבְּן, וָוארוּם מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן; מֶען דַארְף נָאר גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז מֶען קֶען פַארְגִיסְן הֵייסֶע טְרֶערְן אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער, דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעָלוּ; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן ס'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער מִתְפַּלֵל זַיין, ס'אִיז פַארְמַאכְט פוּן אִים דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה, ס'אִיז אִים שְׁוֶוער מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, אָבֶּער וֶוען עֶר גִיסְט טְרֶערְן דָאס בְּרֶעכְט אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעסֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַזַא גְרָאבֶּע עֲבֵירָה וְכוּ', דוּ טוּסְט שְׁטִילֶערְהֵייט שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וְכוּ'? אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ נִיצְט תְּשׁוּבָה, נָאר קוּם צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס פוּנְקְטְלִיךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, און שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, און אַדְרַבָּה אוֹיב דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ זָאג עֶס אַרוֹיס מֶער און מֶער, וָוארוּם מִיט דֶעם וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי עֲווֹנוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן ז"ע אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ לְוָיָה פוּן אַן אַלְטֶע מוּמֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּת תִּשְׁעִים, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, הָאט מֶען אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ קוּמְט דָאס אַז אִיר הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט אוֹיף אַן אַלְטְן אִידֶענֶע? אִיר רֶעדְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג פוּן יוֹם הַמִּיתָה, זִי הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַזַא אֲרִיכוּת יָמִים, וָואס הָאט אִיר אַזוֹי גֶעוֵויינְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי נִפְטֶרֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוֹיף מַיינֶע צָרוֹת, נָאר יֶעצְט אִיז דִי צַייט וֶוען אַלֶע וֵוינֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן מַיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים". אוּן ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חַזַ"ל (שַׁבָּת קה:), כָּל הַבּוֹכֶה עַל אָדָם כָּשֵׁר מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹונוֹתָיו; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט וֵוינֶען פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צוּבְרָאכְן, כָאטְשׁ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גוּט דַיין וֵוייטָאג, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת וֶוען אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה; אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן אַסַאךְ פַאר אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, וָוארוּם וָואס תְּפִלָה טוּט, טוּט קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט אוֹיף, פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קַיין שַׁדְכָן, אָדֶער אוֹיף אַ שַׁדְכָנְטֶע וְכוּ', פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעט אַסַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט מְקַרֵב זַיין דַיין יְשׁוּעָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק ב׳, סִימָן פ״ט) **אַז דֶער צַדִיק עֶר אִיז אַ שַׁדְכָן,** עֶר אִיז מְשַׁדֵךְ אַלֶע שִׁידוּכִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, ״לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״, ״סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת״, ״סֵפֶר הַמִדוֹת״, אוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אִין ״שִׂיחוֹת הָרַ״ן״, ״חַיֵי מוֹהֲרַ״ן״, אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס אַזוֹי פִּיל לֶערְנֶען בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס קֶענֶען אוֹיסְנֶווייניג, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַאֲרלָאזְן, אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצ״ב) **דָאס** אִין דִי סְפָרִים פוּן צַדִיק דָארְטְן אִיז פַארְשְׁטֶעקְט זַיין פָּנִים, זַיין שֵׂכֶל, זַיין נְשָׁמָה; אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען ווִיל זֶען דֶעם צַדִיק קֶען מֶען אִים זֶען אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוּן וָואס מֶער מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים אִיז מֶען מֶער מְקוֹרָב צוּ אִים; דָאס הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז תָּלוּי נָאר אִין ווִיפִיל מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ בֶּערְלֶען וְכוּ׳, אָדֶער צוּ שְׁמֶערְלֶען וְכוּ׳, אָדֶער צוּ זֶרַח׳ן וְכוּ׳, וֶועסְטוּ זַיין מֶער מְקוֹרָב, דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִמְיוֹנוֹת, וָוארוּם בֶּערְל וְכוּ׳ אוּן שְׁמֶערְל וְכוּ׳, אוּן זָרַח וְכוּ׳, דַארְפְן אוֹיךְ גְרוֹיס רַחֲמִים פַארְרֶעכְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן קַאלְיֶע גֶעמַאכְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאל מֶען דִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פוּן פְּלוֹנִי אוּן פוּן אַלְמוֹנִי, דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת אִיז נָאר תָּלוּי ווִי מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן כְּדֵי צוּ פָאלְגְן אִים, דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים,

און אויב דו וֶועסְט זיין שְׁטַארְק אין דֶעם וֶועסְטוּ הֶערְשְׁט זַיין מְקוּרָב צום הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**שְׁטַארְק** זיךְ מִיט שִׂמְחָה, און בֶּעט אַסַאךְ דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארום שִׂמְחָה דָאס אִיז דֶער תִּיקוּן הַבְּרִית, וָוארום דִי סִטְרָא אַחֲרָא וויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ נָאר טְרוֹיעֶרְדִיגְקֵייט, דִיפְּרֶעסְיֶע, בִּיטֶערְקֵייט, וְכוּ', וְכוּ', און מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ טְרַייבְּט עֶר אַוֶועק דִי קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרךְ זַיינֶע חֲטָאִים און עֲוֹונוֹת, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אַסַאךְ אויף שִׂמְחָה, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מְשַׂמֵחַ זַיין, און דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג.**

## קט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיְחִי ו' טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד) מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט נִישְׁט קַיין עֵצָה מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס אִיז דִי

מִצְוָה? נָאר מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ בִּשְׁעַת עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְווֹת פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה וַוייזְט עֶר אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אִיבֶּערְדֶעם גֵייט זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס קוּמְט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר זִינְדִיגְט קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ צוּ אִים אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים, אוּן זֵיי צוּבְּרֶעכְן אִים אִינְגַאנְצְן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ טְרַייבְּט עֶר פוּן זִיךְ אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קו) אַן עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, אַן עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיז צוּ רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, פְרֵיילִיךְ מַאכְן יֶענֶעם, רֶעדְן מִיט יֶענֶעם פוּן שִׂמְחָה, אַזוֹי וֶועט דִי וֶוערְטֶער צוּרִיק קְלַאפְּן צוּ אִים אוּן עֶר וֶועט אוֹיכֶעט זַיין פְרֵיילִיךְ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיר, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט הַאלְטְן אַז סְ'אִיז עֶק וֶועלְט, זָאלְסְט ווִיסְן אַז פוּן יֶעדֶע פְּלָאנְטֶער קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַן עֵצָה; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז) אַן אֶמֶת'ע עֵצָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת, וָוארוּם

זַיינֶע עֵצוֹת זֶענֶען עֵצוֹת פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַ צַדִּיק אִיז דָּבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ צַדִּיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אִינְגַאנְצְן פַאר יֶענֶעם.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע, עֶס פְלֶעגְט צוּ אִים קוּמֶען אַ אִיד יֶעדֶעס מָאל מִיט אַ קְוִויטְל אוּן פְלֶעגְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דָּבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ דְבֵיקוּת אוּן אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ דֶער אִיד מְיַישֵׁב גֶעוֶוען וָואס דַארְף אִיךְ גֵיין צוּם זוּן וֶוען אִיךְ קֶען גֵיין צוּם טַאטְן? הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זי"ע, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל מִיט אַ קְוִויטְל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע הָאט אַזוֹי גוּט בַּאטְרַאכְט דֶעם קְוִויטְל, פְרֶעגְט עֶר דֶעם אִיד: "זָאג, דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעפָארְן עֶרְגֶעץ אַמָאל זִיךְ פְּרַאוֶועוֶוען?" הָאט אִים דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט, "יָא, אִיךְ פְלֶעג שְׁטֶענְדִיג פָארְן צוּ אֵייעֶר זוּן", הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע פַארְוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעפְרֶעגְט, "מַיין יְחֶזְקֶאל'ע אִיז אַ רֶבִּי?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט בִּתְמִימוּת, "יָא", פְרֶעגְט אִים ווידֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, "מִיט וָואס אִיז מַיין יְחֶזְקֵאל'ע אַ רֶבִּי?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט, "עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט", הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, "אַז מֶען לֶערְנְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט אִיז מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין רֶבִּי, יֶעדֶער אִיד מוּז

לֶערְנֶען בַּייטָאג און בַּיינַאכְט", - "וָואס הֵייסְט?" - הָאט דֶער איד גֶעעֶנְטְפֶערְט, "רֶבִּי, עֶר דַאוֶוענְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, מִיט אַ חַיוּת מִיט אַ דְבֵיקוּת", הָאט אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט דֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, "מִיט דַאוֶוענֶען מִיט חַיוּת און מִיט דְבֵיקוּת וֶוערְט מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין רֶבִּי, יֶעדֶער אִיד דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט חַיוּת און מִיט דְבֵיקוּת", הָאט זִיךְ דֶער אִיד אָנְגֶערוּפְן, "רֶבִּי אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעוֶוען בַּיי אִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיי אִים אַ וואוּנְדֶער", פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, "און וָואס אִיז דֶער וואוּנְדֶער?", - "עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן פֶענְסְטֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶעגְנְדִיגֶע טָאג, און עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי אַ אִיד גֵייט מִיט צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ אִין רֶעגְן, הָאט עֶר שְׁנֶעל אוֹיסְגֶעטוּן זַיינֶע שְׁטִיוְול און הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, 'לוֹיף און גֶעבּ אַוֶועק דֶעם אִיד דִי שְׁטִיוְול, ווִי קֶען אַ אִיד גֵיין מִיט צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ?'" אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַזוֹי? מַיין יְחֶזְקֵאל'ע אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידְנ'ס וֶועגְן? אִיז עֶר אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי!".

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ אִיד אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אַנְדֶערֶע דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִין הִימְל און דָאס מַאכְט אִים פַאר אַ רֶבִּי, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל עֶס אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַזוֹיפִיל בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ', און יֶעצְט לַיידְסְטוּ אַסַאךְ בִּיטֶערְנִישׁ צָרוֹת און יִסוּרִים און מַכְאוֹבִים וְכוּ', זֶע צוּ טוּן פַאר אִידְנ'ס וֶועגְן. וָואס קֶענְסְטוּ טוּן? זָאג אִיךְ דִיר, מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע

נְשָׁמוֹת, מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן צֶוּבְרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם מְחַיֶה זַיין אַ אִיד אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ אִיד אִיז נִישְׁט קַיין פְּשׁוּטֶע זַאךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, שְׁטַארְק יֶענֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן פַאר דִיר אַלֵיין שִׂמְחָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיךְ נִתְרַחֵב וֶוערְן דִי דַעַת דִי שֵׂכֶל, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י), פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט יִשּׁוּב הַדַעַת ווִי דִי טֶעג פְלִיעֶן, אָט אִיז טָאג אָט אִיז נַאכְט, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צוּבְרָאכְן, פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? ווייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? ווייל זֵיי זֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַישֵׁב אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיבֶעט גוּטֶע נְקוּדוֹת, יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, נָאר מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְחַיֶה מִיט דִי מִצְווֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין, ווִי נִישְׁט גֵייסְטוּ דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. ווִי נִישְׁט הָאסְטוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, וָואס מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה זַיין, וָוארוּם אַ אִיד וָואס הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים עֶר הָאט גַאנְצֶע בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, עֶר שְׁטִיצְט זִיךְ נִישְׁט דִי בָּארְד אוּן שְׁטִיצְט זִיךְ נִישְׁט דִי פֵּיאוֹת וְכוּ',

פון אים לויפְן אַוֶועק די קְלִיפּוֹת, וָוארום די קְלִיפּוֹת הָאבְּן זַייעֶר מוֹרָא פון אַ צֶלֶם אֱלֹקִים. דו בִּיסְט אָנְגֶעטוּן מִיט צִיצִית, דו וֵוייסְט וָואסְפַּארַא שִׂמְחָה דו דַארְפְסְט הָאבְּן? דו דַארְפְסְט דָאךְ טַאנְצְן פון רוֹב שִׂמְחָה אַז אַ אִיד גֵייט מִיט צִיצִית, וָואס אויף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (בַּמִּדְבָּר טו) "וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת הַוָי"ה" אַז אַ אִיד קוּקְט אויף די צִיצִית דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. ווִי נִישְׁט דו טוּסְט אָן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עב) אַ אִיד וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט שֶׁעמֶען אָנְצוּטוּן די תְּפִילִין, דָאס אִיז דָאךְ דֶער קְרוֹין פון דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, און ווִי קֶען עֶר נֶעמֶען און אָנְטוּן די תְּפִילִין? און מִיר זֶענֶען זוֹכֶה יֶעדְן טָאג לֵייגְן מִיר תְּפִילִין, דָאס אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה. און אַזוֹי דו הִיטְסְט שַׁבָּת, וָואס עֶצֶם שַׁבָּת אִיז כִּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (חֵלֶק ב, קכח.) שַׁבָּת שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, עֵילָא וְתַתָּא; שַׁבָּת אִיז כִּבְיָכוֹל דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס נָאמֶען אַלֵיין, און וֶוען אַ אִיד הִיט שַׁבָּת גֵייט עֶר אַרַיין כִּבְיָכוֹל אִין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. און אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיסְרֶעכֶענֶען בַּיי דִיר יֶעדֶעס מָאל וויפִיל מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים דו הָאסְט, דֶער עִיקָר זָאלְסְט נִישְׁט צוּפַאלְן.

**אֱמֶת** אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס גֵייט אויף דִיר דוּרְךְ, דֶער שְׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר וְכוּ', דָאס וַוייבּ אִיז בְּרוֹגֶז וְכוּ', דו הָאט צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ פון די חוֹבוֹת וָואס עֶס דְרִיקְן

דִיר וְכוּ׳, הָאסְט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, אָבֶּער דַארְפְסְט וויסְן אַז וֶועגְן דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, מִיר הָאבְּן דָאךְ אַן עֵצָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט אִין לֶעבְּן, אוּן דֶער עִיקָר עֵצָה הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס עֶס דְרִיקְט אוּן צִיפְּט וְכוּ׳ וְכוּ׳ דַארְף מֶען קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ אַזוֹי וִוי מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶתְן גוּטְן חָבֵר, אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אָפּ, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ, וָואס עֶס טוּט דִיךְ וֵויי, וֶוער זָאגְט נָאךְ וֶוען מֶען לָאזְט אַ טְרֶער בַּיים דַאוֶונֶען, נָאךְ אַ טְרֶער בַּיים בֶּעטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי טְרֶערְן עֶפֶענֶען אוֹיף אַלֶע טוֹיעֶרְן אִין הִימְל, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט בַּיי דִיר אַזוֹי גֶעפַאלְן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, גֵיי יֶעצְט אִין אַ בַּאזוּנְדֶער אָרְט וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעם וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ, אוּן בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ מְיַישֵׁב זַיין זִיךְ מִיט אִים ווִיאַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן, וָוארוּם אַז מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה כִּבְיָכוֹל מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ רֵיינִיגְט עֶר דֶעם מֹחַ בִּיז מֶען הָאט אַלֵיין אַן עֵצָה.

מֶענְטְשְׁן לַאכְן פוּן דֶעם, עֶס קוּקְט אוֹיס אִין זֵייעֶר אוֹיגְן דָאס גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס נֶעמְט

זִיךְ נָאר מַחֲמַת כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וָואס עֶס אִיז דָא אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זִינְדִיגְט קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם, אוּן וֶועלְדִיג זַיינֶע זִינְד אַזוֹיפִיל כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אִיז דָא אִין אִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְלַיידְן דִי בְּרֵייטֶע אַרְבְּל וְכוּ' וָואס פוּן דָארְטְן קוּמְט אַרוֹיס אַסַאךְ כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ', (עֶס אִיז דָא וָואס זֵיי גֵייעֶן בְּרֵייטֶע אַרְבְּל אָן קְנֶעפְּלֶעךְ פַאר פְרוּמְקֵייט) אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אִין כָּשֶׁר'ע הֶערְצֶער אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

אוּן וִוי מִיר זֶעעֶן הַיינְט נֶעבֶּעךְ וִויפִיל הֵיימִישֶׁע אִידְן זֶענֶען אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דִי כְּפִירָה וְאַפִּיקוֹרְסוּת פוּן כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, פוּן דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה וָואס זֶענֶען לוֹחֵם אַקֶעגְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זֵיי רַייסְן אוֹיס אִידִישְׁקֵייט בְּשְׁאָט וּבְנֶפֶשׁ וְכוּ', מִילְיָאנֶען אִידְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶועןעַל הַדָּת, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן עִקְרֵי אֱמוּנָה, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעריסְן דֶעם שַׁבָּת אִינְגַאנְצְן, וְכוּ', מֶען אִיז מַאֲכִיל טְרֵיפוֹת וּנְבֵלוֹת פַאר מִילְיָאנֶען אִידְן, סְ'אִיז הֶפְקֵר אִין עִנְיְנֵי קְדוּשָׁה, פְּסוּלֵי חִתּוּן וְכוּ', הָאבְּן חֲתוּנָה מִיט אַבִּי וֶועמֶען וְכוּ', מֶען קוּקְט נִישְׁט וְכוּ', וָואס וְכוּ', וֶוען וְכוּ', עֶס אִיז אַ פַּחַד נוֹרָא, דִי גִלּוּי עֲרָיוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז מַבְהִיל הָרַעְיוֹן,

עֶס כַאפְּט אַ שְׁרֶעק וֶוער ס'ווייסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ בְּעִנְיָנֵי פְּסוּלֵי גִּטִּין וְקִידוּשִׁין רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן, צוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה צוּ וִויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה, דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים, וָוארוּם וֶוער אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דִי כְּפִירָה פוּן מַלְכוּת הַמִּינוּת? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז דֶער מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וֶועט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּן עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אֲפִילוּ אִין כָּשֵׁר'ע הֶערְצֶער, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים מֶען זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה, בַּיי דִי רֵיינֶע שִׁיטָה נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי קְלִיפָּה פוּן מַלְכוּת הַמִּינוּת, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער ס'הָאט לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר ווייסְט אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה, דֶער שְׁפֶּעט נִישְׁט אָפּ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעם וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁפֶּעט אָפּ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דֶער אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין מַלְכוּת הַמִּינוּת אִין כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט וּמִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָוארוּם יֶעדֶעם

דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן, וֶועסְטוּ חֲרָטָה הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער מוֹיל אִיז מִיר גֶעוֶוען פְּרֵיי וְכוּ', דֶער מוֹיל אִיז מִיר גֶעוֶוען אָפְּן וְכוּ', אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים וְכוּ' אַנְשְׁטָאט אַרוּמְרֶעדְן נַייעֶס פוּן דִי וֶועלְט וְכוּ', צוּ זַיין דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וְכוּ', צוּ זַיין דֶער פִינַאנְס מִינִיסְטֶער וְכוּ', צוּ זַיין דֶער דֶעפֶענְס מִינִיסְטֶער וְכוּ', הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין דֶער פְּרֶעזִידֶענְט אוֹיף מַיינֶע רְמַ"ח אֵיבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין דֶער דֶעפֶענְס מִינִיסְטֶער אוֹיף מַיינֶע רְמַ"ח אֵיבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין דֶער פִינַאנְס מִינִיסְטֶער אוֹיף מַיין גוּף אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר מִיר שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער דֶעמָאלְטְס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין כב.) הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם לְמָחָר לְקַבֵּל שְׂכָרָם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן בֶּעט אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַזַא מִין גְרוֹיסֶער לֶעבְּט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה, מֶען

דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ' וְכוּ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילֶעךְ, דֶערְוַוייטֶער פוּן מִיר עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין בִּתְפִלָּה, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ פִירְן ווִי ס'דַארְף צוּ זַיין.

**דֶער** עִיקָר פוּן אַלֶע עִיקְרִים אִיז זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט צוּבְּרָאכֶענֶע נְפָשׁוֹת, אַריינְבְּלָאזְן אִין זֵיי אַ הָאפֶענוּנְג אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ אַ תִקְוָה צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג, אוּן דִי דִיבּוּרִים וֶועלְן צוּרִיק טַאנְצְן צוּ דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קי

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיְחִי ו' טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיוו.

**מֶען** טָאר נִישְׁט זָאגְן אַזַא זַאךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הָאפֶענוּנְג וְכוּ', אֲפִילוּ דֶער דָאקְטֶער זָאל זַיין גְרוֹיס

און הויֶעך ווי עוג מֶלֶך הַבָּשָׁן וְכוּ', קֶען ער נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְפוּאָה וְכוּ', וֶוער אִיז ער אִינְגַאנְצְן? דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כא, יט) "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" מִכַּאן שֶׁנִּיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; זָאגְן צַדִּיקִים מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר אַ דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן אָבֶער נִישְׁט מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְלַאכְן וָואס ער הָאט גֶעזָאגְט, דוּ וֶועסְט בְּוַודַאי זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

דֶער עִיקָר אִיז זָאלְסְט בֶּעטְן אַסאך דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז ער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, וָוארוּם תְּפִלָּה דָאס אִיז דִי טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פד), אַ שָׁאד אַז קֵיינֶער טְרֶעפְט נִישְׁט דֶעם טוֹיעֶר, וָואס דָאס אִיז זַיין מוֹיל, יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס מוֹיל דָאס אִיז דֶער טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים וְכוּ' אִיז דָאךְ בֶּעסֶער צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, וָואס דָאס הֵייסְט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אָפְּזִינְדֶערְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען פַאר אִים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ.

דוּ הָאסְט אַ הַשָּׂגָה וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע אִיד? אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז זַיין גַאנְצְן מֹחַ מַחְשָׁבָה נָאר דָּבוּק אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און וויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן זַיין גַאנְצֶע תְּשׁוּקָה אוּן בֶּענְקֶעניש אִיז נָאר ווִי אַזוֹי נִכְלָל צוּ ווֶערְן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, עֶר הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי זַיין גוּף ווֶעט שׁוֹין לִיגְן אִין קֵבֶר, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוטה ה:) מִי שֶׁנַּעֲשָׂה שָׁכֵן לְעָפָר בְּחַיָּיו; עֶר אִיז זִיךְ מְצַיֵּיר ווִי דִי גוּף לִיגְט שׁוֹין אִין קֵבֶר אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אוּן ס'ווִיל זִיךְ נָאר צוּקְלֶעבְּן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט אַ צַדִּיק ווָאס אִיז נִכְלָל אִינְגַאנְצְן אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אַז אָךְ אוּן ווֵיי דֶעם ווָאס עֶר רֶעדְט אוֹיף אַזַא צַדִּיק ווָאס אִיז נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט פוֹגֵם גֶעווֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אוֹיף אַזַא עֶרְלִיכְן אִיד, אִיבֶּערְדֶעם אַנְטְלוֹיף פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווֶעט דִיךְ אַוודַאי הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען הָאבְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווָאס דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אִים.

הַיינְט בַּיינַאכְט ז' טֵבֵת, אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע'ס זוּן, רֶבִּי צְבִי זי"ע, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע צוּרָה, מֶען הָאט גֶעזֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ ווִי עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער פָּנִים הָאט אִים זֵייעֶר גֶעלָאכְטְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן עֶר אִיז גֶעווֶוען שְׁטֶענְדִיג פַארְטְרַאכְט וְכוּ', מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישְׁן דְבֵיקוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען דֶער פָאטֶער צוּ אִים אִין חָלוֹם, אוּן הָאט אִים בַּאווִיזְן זֵייעֶר אַ הוֹיכְן בַּארְג, אוּן אוּנְטְן בַּיים טָאל אִיז דָא אַ טַייךְ, אוּן

עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן שְׁפִּיץ בַּארְג אוּן הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ קוֹילֶער אַרָאפּ מִיטְן גְרֶעסְטְן כֹּחַ, בִּיז עֶר אִיז צֶעפִּיצְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין טַייךְ אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "זֶעסְט מַיין קִינְד? אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, מִיט אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְט שְׁטֶענְדִיג אַז אָט בִּין אִיךְ אוֹיף אַ שְׁפִּיץ בַּארְג, אוּן אָט קוֹילֶער אִיךְ זִיךְ אַרָאפּ אוּן וֶוער צֶעפִּיצְלְט אוֹיף פִּיצְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן פַאל אַרַיין פִּיצְלֶעךְ אִין טַייךְ, אַזוֹי דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט צַדִּיקִים, זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָבוּק אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַזֶעלְכֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ, אוּן אוֹיבֶעט דִי וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן וַוייזְן אַרוֹיס זֵייעֶרֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ', וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן לְהֵיפֶךְ אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג פָּגוּם אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן ס'שְׁטִינְקְט פוּן אִים דִי נִאוּף, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מְרַחֵק זַיין פוּן לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זֶע גֶעוואוין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז

דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה.

שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בֶּעט, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ וּרְפוּאַת הַגּוּף, אוּן קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קי"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וַיְחִי ו' טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר וִוי קוּמְט דָאס אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בַּאמוּטְשֶׁעסְט דִי צַייט מִיט גָארְנִישְׁט וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן דָאס אָט אִיז טָאג אָט אִיז נַאכְט, אוּן דֶער טָאג אִיז פַארְבֵּיי, וָואס מֶען כַאפְּט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג דָאס אִיז אַ קֶרֶן נִצְחִי, אוּן וָואס מֶען פַארְפֶעלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר יָאגְן, אוּן קֶענֶען אַרוֹיסְכַאפְּן גוּטְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מ"ט) אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר יָאגְן אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענֶען עֶפֶּעס כַאפְּן, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ

אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים מִיט עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר יָאגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע פוּן הַיינְט אָן מַאכְן אַן הַתְחָלָה, אוּן זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים וָואס דָאס הַרְגֶעט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ, ס׳בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַלֶע צָרוֹת, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין אַ בַּאזוּנְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶער מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט** נִזְהַר זַיין גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט צוּגֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה פַאר תְּשׁוּבָה וֶועגְן, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ הָאפֶענוּנְג צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם מִקְוֶה אִיז מִלָּשׁוֹן תִּקְוָה, אַ לָשׁוֹן פוּן הָאפֶענוּנְג, אַז אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל׳ט זִיךְ יֶעדְן טָאג דֶעם גוּף דָא בְּגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע מִינוּט וֶוערְט גֶעטוֹבְל׳ט זַיין נְשָׁמָה בְּרוּחְנִיוּת, דֶערְפַאר אִיז מִקְוֶה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דֶער עִיקָר אַ דַף גְמָרָא, וָוארוּם אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג דָאס אִיז דֶער חַיוּת פַאר דֶעם נֶפֶשׁ,

און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר ״וָוֵי הָעַמּוּדִים״ פוּן דֶעם זוּן פוּן שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ, אַז עֶס דַארְף זַיין אוֹיף יֶעדְן אִיד אַ חוֹב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא רַשִׁ״י תּוֹסָפוֹת, אַזוֹי ווִי לֵייגְן תְּפִילִין.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלָמְ׳קֶע פוּן זְוִויל זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט אַ טָאג אַ דַף גְמָרָא בַּאקוּמְט עֶר אַ פָּנִים און אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה וְכוּ׳, און עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען יֶעדֶער אִיד זָאל לֶערְנֶען כָּאטְשׁ אֵיין דַף גְמָרָא אַ טָאג, אִיבֶּערְדֶעם זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאג נִישְׁט אַזָא זַאךְ אַז דוּ הָאסְט נָאךְ צַייט, סְ׳אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ צַייט.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן פוּן בָּאבּוֹב זי״ע, (בַּעַל קְדוּשַׁת צִיּוֹן) אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין קְרֶענִיץ און פוּנְקְט דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן זַיין גְרוֹיסְן פֶּעטֶער דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי״ע און עֶר אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט שׁוֹין פָארְן מִיט דִי בַּאן צוּרִיק צוּ זִיךְ, און דִי גַבָּאִים הָאבְּן פְּרָאבִּירְט אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁינָאוֶוער רָב זי״ע בַּאֲשֶׁר סְ׳אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַיילְן, ווִיפִיל עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, וֶוען דֶען זָאל אִיךְ מִיךְ אַיילְן, דֶעמָאלְטְס וֶוען סְ׳וֶועט שׁוֹין קַיין צַייט נִישְׁט זַיין? אַ אִיד דַארְף זִיךְ תָּמִיד אַיילְן, כָּל זְמַן סְ׳אִיז נָאךְ דָא צַייט, ווִי סְ׳שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יט) מִפְּנֵי

שֵׁיבָה תָּקוּם, אֵיידֶער מֶען וֶוערְט אַלְט דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נִישְׁט וַוארְטְן וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אַלְט, נָאר אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בַּאן, הָאט דָאס דֶער בָּאבּוֹבֶער רָב זי"ע שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, מִיט וָואסְפַּארַא פֵייעֶר מִיט וָואסְפַּארַא קָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע הָאט גֶעשְׁרִיגְן, אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַיילְן כָּל זְמַן ס'אִיז נָאךְ דָא צַייט, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם אַרַיין אִין דִיר דִי וֶוערְטֶער אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אוֹיךְ הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר הַצְלָחָה אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ בְּקָרוֹב זֶען.**

# קיב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיְחִי ז' טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**בִּיז** דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אִין יַבְנִאֵל, וֶועסְטוּ נִישְׁט גֶעוואוֹיר וֶוערְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְטְן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִיעַ לִמְקוֹמוֹ; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס פַאר אַ רִשְׁעוּת דִי רְשָׁעִים טוּעֶן אוּנְז, אוּן דֶער הוֹיפְּט רָשָׁע אִיז דֶער "שְׁטְרָאף". דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע דֶער בַּעַל דִּבְרֵי יוֹאֵל זי"ע הָאט גֶעזָאגְט

נִישְׁט אֵיינְמָאל בְּרַבִּים, צוּ וָואס דַארְפְן דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים רַבָּנִים? זֵיי גְלֵייבְּן דָאךְ אִין גָארְנִישְׁט רַחֲמָנָא לִישַׁזְבָן, זֵיי רַייסְן אוֹיס דִי עִיקָרֵי אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעריסְן שַׁבָּת וְכוּ׳, כַּשְׁרוּת וְכוּ׳, טַהֲרַת הַמִּשְׁפָּחָה וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, צוּ וָואס דַארְפְן זֵיי רַבָּנִים? פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אִין אִיסוּר וְהֶיתֵּר? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְרֵייסְן דִי אֱמוּנָה פוּן סְפַרְדִישֶׁע אִידְן נָאר דוּרְךְ רַע-בָּנִים, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אוּנְז אִין יַבְנְאֵל, דֶער רִשְׁעוּת, כִּמְעַט זִיבְּן הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן וָואס נָאר אִין קָאנְצֶענְטְרֶעיִשְׁן קֶעמְפּ הָאט מֶען דָאס מִיטְגֶעמַאכְט, דוּ וֶועסְט דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס זֶען, אִין בַּארַאקְן פוּן בְּלֶעךְ, ווינְטֶער אִיז קַאלְט, וויפִיל מֶען זָאל נִישְׁט הֵיצְן אִיז דָאס גָארְנִישְׁט וֶוערְד, סְ׳אִיז אוֹיף אַ שְׁפִּיץ בַּארְג, זוּמֶער וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁטִיקְט פוּן דִי הִיץ, עֶס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן טְבֶרְיָה וָואס דָארְטְן, אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הֵייס.

**יֶעצְט** דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי טֶעג אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּארְפְלֵייצוּנְגֶען, שְׁטוּרֶעם ווינְטְן הוּנְדֶערְט מַייל אַ שָׁעָה, סְ׳הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט דִי דֶעכֶער פוּן אַפָּאר בַּארַאקְן, דִי אַנְדֶערֶע בַּארַאקְן הָאט אַרַיינְגֶערֶעגְנְט, וָואס אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלֶעךְ מוּטְשֶׁען זִיךְ דָארְטְן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, אִיז ווִי הָאט עֶר אַ חוּצְפָּה נָאךְ צוּ רֶעדְן אַז מִיר רוֹדְפְ׳ן אִים? דָאס אִיז דָאךְ אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע אַ טָמֵא מְטוּמָא, אַ

שְׁלִיחַ פוּן דִי טוּמְאָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן שְׁטַארְקְן מִיר זִיךְ אִין דִי אֱמוּנָה, מִיר הָאבְּן בִּטָחוֹן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, סוֹף כָּל סוֹף וֶועלְן מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע בִּנְיָנִים, אָבֶּער דֶערְוַוייל מוּטְשֶׁען מִיר זִיךְ זֵייעֶר, אַלֶע קְלַאסְן - הֵן פוּן דִי תַלְמוּד תוֹרָה פוּן דִי אִינְגְלֶעךְ, אוּן הֵן פוּן דִי שׁוּלֶע פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ, זֶענֶען אִין בַּארַאקְן פּוּנְקְט וִוי אִין דִי קָאנְצֶענְטְרֶעיְשְׁן קֶעמְפּ, אָן קַיין שׁוּם גֻּזְמָא, מֶען קֶען קוּמֶען אוּן זֶען, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן לֶערְנֶען מִיר תוֹרָה דָארְטְן, וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן אִיז דִי אֵייגֶענֶע אִינְגֶעלַייט פַארְרֶעכְטְן, אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לֵייגְט מֶען נִישְׁט צוּ, אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער עַל פִּי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה הַמְסוֹרָה לָנוּ מִדּוֹר דּוֹר, וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, לֵייגְט מֶען נִישְׁט צוּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן לָשׁוֹן הָרַע.

קוּם אַרָאפּ אוּן זֶע מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְהִילָה וָואס עֶס צֵיילְט שׁוֹין מֶער פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן מִיר לַיידְן דָארְטְן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פוּן דִי קְלִיפָּה דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, אָבֶּער מִיר זֶענֶען שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן זִיךְ אוּן נִישְׁט צוּבְרֶעכְן זִיךְ, אוּן נִישְׁט פַארְלִירְן זִיךְ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אִין אַזַא פְּלַאץ וִוי מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָּת צְוֵוייא הֵיילִיגֶע אִידְן, דִי תֵּימָנֶ׳ער אִידְן, אוּן דִי טוּנִיסֶער

אידן, האט מען דא אין יבנאל מעביר געווען על הדת, און יעצט זענען מיר דא געקומען, און מען זעט הונדערטער קינדערלעך מיט פיאות מיט ציצית, חסידישע אינגעלייט מיט בערד און פיאות, מיטן אידישן לבוש, פרויען גייען מיטן העכסטן מאס צניעות, אפגעשוירן וכו', דאס ברענט זיי אויס די אויגן, דערפאר באשמוצן זיי מיך אזוי שטארק וכו' וכו', אבער דער בורא כל עולמים האט מיר געגעבן א שטארקייט נישט צוברעכן ווערן, ובפרט מיר האבן די הקדמות פון דעם היילגן רבי'ן דערהאלטן מיר זיך, קיין שום זאך קען אונז נישט צוברעכן, איבערדעם בעט איך דיר אויבערשטער, שטארק זיך, ווערסטו זען די גרויסע נסים וואס דער בורא כל עולמים וועט אונז טון.

זע צו ברענגען אפאר אינגעלייט פון ... זיי זאלן זען וואס מיר האבן דא אויפגעבויעט אין א וויסטעניש, נישט קיין סתם וויסטעניש, נאר א מדבר שממה, א מדבר ווי ס'דרייען זיך ארום נחשים ועקרבים, מינים ואפיקורסים, דא האט מען אויסגעריסן די אמונה פון היילגע אידן וכו' וכו', און דא האבן מיר אויפגעשטעלט אזא פארנעם, א תלמוד תורה מיט מיידל שולע, קינדערגארטן, נוירסערי, כוללים, ועל כולם האב איך אויפגעשטעלט א בית התבשיל וואס יעדע נאכט געב איך צו עסן אומזיסט, א חשבון פון קרוב צו זיבן הונדערט פארציעס ווערט צעטיילט יעדן נאכט, לכל דכפין ווער ס'איז הונגעריג, און ליידער דער מצב פון פרנסה איז היינט זייער שווער, קומען אלע

עֶסְן, און דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אַז מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר אִידְן צוּ עֶסְן, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן בִּזְכוּת דֶעם זָאלְן מִיר הָאבְּן לֶעבְּן, און מֶען זָאל ווִיסְן ווִיאַזוֹי צוּ לֶעבְּן, און מִיט וָואס צוּ לֶעבְּן, און ווִי אָנְצוּפִילְן דָאס לֶעבְּן, וָוארוּם מֶען קֶען לֶעבְּן אַ פּוּסְטֶע לֶעבְּן אוֹיבֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם זָאג דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן אוּנְז שְׁטִיצְן לְכָל הַפָּחוֹת דֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל אוֹיסְהַאלְטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי צוּ גֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶע מֶענְטְשְׁן צוּ עֶסְן אַ נַאכְטְמָאל, מֶען קֶען קוּמֶען און זֶען פְּלוּצְלוּנְג פַאר דִי אוֹיגְן וָואס עֶס גֵייט דָארְטְן פָאר יֶעדֶע נַאכְט, ווִיפִיל פָּארְצִיֶעס ווֶערְן צֶעטֵיילְט, רַייךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט, בַּעַל-בַּתִּי׳שׁ רֵיין וְכוּ׳, אַדְרַבָּה זָאלְן זֵיי קוּמֶען און זֶען וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטֶער רָצוֹן, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ אִיז גֶעלְט, דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן.

**נָאר** דוּ דַארְפְסְט זֵיי זָאגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּינ׳ס אֵיינִיקְל רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ זַ״ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְמֶעגְלִיךְ, און רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, און עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיים אָנְפַאנְג סְפֵיקוֹת, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְפִירְן אָן דִיר אוֹיבֶעט, אָבֶּער שֶׁענֶער און בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן אַ הַאנְט, דָאס זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי אִינְגֶעלַייט, מִיר וֶועלְן אוֹיסְפִירְן, אָבֶּער שֶׁענֶער און בֶּעסֶער אַז זֵיי זָאלְן צוּלֵייגְן אַ הַאנְט, וָוארוּם אוֹיסְצוּהַאלְטְן אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל דָאס

איז די גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַּאר הוּנְגֶעריְגֶע אִידְן דָאס איז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה פוּן דֶעם.

**אַדְרַבֶּה** קוּמְט אוּן זֶעט מִיט אֵייעֶרֶע אוֹיגְן, וֶועט אִיר זֶען וָואס מֶען הָאט דָא אוֹיפְגֶעטוּן, אִין אַזַא וויסְטֶעניִשׁ אִין אַ מִדְבָּר שְׁמָמָה וָואס אִיז פוּל מִיט מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים וְכוּ׳ וָואס זֵיי קְרִיצְן די צֵיין וֶוען זֵיי זֶעעְן אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ אִיד מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אַ אִיד מִיט צִיצִית, סְ׳שְׁטֶעכְט זֵיי וְכוּ׳, אוּן מִיר דְרֵייעֶן זִיךְ דָא אַרוּם אוּן מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, סְ׳אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן וָותִיקִין בִּיז חֲצוֹת לַיְלָה, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב, אֵיין מִנְיָן נָאכְן אַנְדֶערְן, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין עֶפֶּעס אַ דֶערְפְל אִין גָלִיל זָאל זַיין אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, אִיז אַדְרַבֶּה זָאלְן זֵיי קוּמֶען אוּן זֶען, אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן וֶועט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵיי הֶעלְפְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קיג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיְחִי ז׳ טֵבֵת התשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אֵיין זַאךְ מוּז אִיךְ

דִּיר זָאגְן, אוּן זָאלְסְט עֶס גוּט אַרַיינְקְרִיצְן בַּיי דִיךְ אִין הַארְצְן אַרַיין, מֶען טָאר נִישְׁט גְלֵייבְּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט נָאר זַיין טוֹבָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֶעשְׁלִיפֶענֶע צִינְגְלֶעךְ וָואס זֵיי רֶעדְן דִיר אַיין אַז זֵיי מֵיינֶען דַיין טוֹבָה, אָבֶּער יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט נָאר זַיין טוֹבָה, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵיין דָאס מֶענְטְשְׁן פָּאפְּן אוּים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא) **אַז** דָאס זָאל מֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז אַן אַנְדֶערֶער נַארְט אוּנְז, פוּן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַכְטוּנְג גֶעבְּן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ ווִיסְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אִין אֵיין רֶעדְן אַז נָאר עֶר אִיז אִין אֱמֶת אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אִין שֶׁקֶר דַארְף מֶען חוֹשֵׁשׁ זַיין זַייעֶר זַייעֶר אוֹיף זַיינֶע וֶוערְטֶער, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערֶענְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב) **אַז** יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ נְקוּדָה טוֹבָה, אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דִי נְקוּדָה טוֹבָה וָואס אִיז דָא בַּיי אִים, אוּן דֶער זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לד) **דָאס** יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן יֶענֶעם, אוּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם אוּן נִישְׁט זָאגְן אַז יֶענֶער אִיז אִין אַ שֶׁקֶר אוּן אִיךְ בִּין אִין אֱמֶת, דָאס וַוייזְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז

אַ שַׁקְרָן, אֵיין זַאךְ אִיז אַמָאל זִיכֶער, וָואס צוּ דֶעם דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, דָאס מַלְכוּת הַמִּינוּת וָואס דָאס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אוֹיסְצוּרַייסְן אִידִישְׁקֵייט, פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִתְרַחֵק וֶוערְן בְּתַכְלִית הָרִיחוּק, וָואס עֶס הָאט נָאר אַ שַׁייְכוּת צוּ דֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ פוּן דֶעם דֶערְוַוייטֶערְן, וָוארוּם פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָואס דָאס אִיז פּוֹגֵם אֲפִילוּ בְּמַשֶּׁהוּ, אֵיין שְׁלֶעכְטְן גֶעדַאנְק אֵיין שְׁלֶעכְטְן הִרְהוּר וְכוּ' אִין אֱמוּנָה וְכוּ' רַייסְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ, אִיבֶּערְדֶעם פוּן דֶעם דַארְף מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת מִיט זֵיי, אָבֶער סְתָם אַזוֹי, אֵיין אִיד מִיטְן אַנֶדערְן דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שלט) **אַז** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ל"ד, סִימָן ט"ו) **אוֹיפְן פָּסוּק** (יְחֶזְקֵאל ל"ו, כ"ו) **וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר, אַל תִּקְרֵי בָּשָׂר אֶלָּא** לֵב בֹּסֶר; אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיטְן צְוֵוייטְן יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט זִיךְ לִיב הָאבְּן מִיטְן צְוֵוייטְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "לֵב בֹּסֶר" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "בְּרֶסְלֶב".

**דָאס** הֵייסְט אַז דֶעם גַאנְצְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז אַז אֵיין אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד, מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים אַז נָאר מִיר זֶענֶען אִין אֱמֶת אוּן אַלֶע זֶענֶען אִין שֶׁקֶר, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, אֱמֶת אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֱמֶת אִיז דִי תּוֹרָה

הַקְדוֹשָׁה, אֶמֶת אִיז כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אָבֶער וָואס עֶס אִיז נוֹטֶה צוּ מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דָארְטְן דַארְף מֶען אַרוֹיסְגֵיין זֵייעֶר שַׁארְף אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל דִיךְ אָפְּנַארְן וֶועגְן גֶעלְט זַאכְן דַארְף מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר מְסוּכָּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, נָאר זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן הַצְלָחָה, וָוארוּם אֱמוּנָה דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקַייט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז וֶועגְן אֱמוּנָה אַז הַיינְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָוארוּם סְ׳אִיז דָא לֵיידֶער אַזוֹיפִיל סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אַז אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן מִתַּחְתָּיו, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אַז מֶען זָאל הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת בַּיי דִיר.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קיד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיְחִי י"ב טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הֶעכֶערֶע זַאךְ ווִי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; עֶס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוּן אַ פֶּלֶא מֶענְטְשְׁן זוּכְן סְגוּלוֹת אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְכוּ', אוּן פַארְגֶעסְן דָאס מִיר הָאבְּן אַ הַבְטָחָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל; אוֹיסֶערְדֶעם וֶוערְט אַזוֹי גֶעפַּסְקֶענְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ לַהֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה).

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט (דָארְטְן סְעִיף ג') מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר; עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִין דִי קוּרְצֶע פְרַייטָאגְן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, וּבִפְרַט אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס פוּן זוּנְטָאג אָן קֶען מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דָאס הֵייסְט שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אוּן דֶער

מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (דָארְטְן) אַז אַזוֹי פְּלֶעגְט זִיךְ פִּירְן דֶער גְרָ"א זי"ע.

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען בַּיינַאכְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י: עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי פּוֹסְקִים דָאס אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מֶעג מֶען דָאס לֶערְנֶען בַּיינַאכְט (עַיֵן שׁוּ"ת אַבְנֵי צֶדֶק יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן ק"ב), **אוּן** אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן חָפֵץ חַיִּים (שַׁעַר הַצִּיּוּן סִימָן רל"ח, סְעִיף א'), כָּתַב בִּבְאֵר הֵיטֵב שֶׁאֵין לִקְרוֹא מִקְרָא בַּלַּיְלָה, וּבִפְרִי מְגָדִים מַשְׁמַע דְיָכוֹל לִקְרוֹא מִקְרָא וְנִרְאֶה דַאֲפִילוּ לְהַמַחֲמִירִין לֵית בָּזֶה אִסוּרָא אֶלָּא שֶׁלְכַתְּחִלָּה יוֹתֵר טוֹב לִלְמוֹד מִקְרָא בַּיּוֹם, וְנוֹבֵעַ דִין זֶה מִמַּה דְאִיתָא בְּמִדְרָשׁ (יַלְקוּט כִּי תִשָּׂא, רֶמֶז ת"ו) שֶׁהָיָה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לוֹמֵד עִם מֹשֶׁה מִקְרָא בַּיּוֹם וּמִשְׁנָה בַּלַּיְלָה, עַיֵן שָׁם.

**אוּן** תְּהִלִּים זָאגְן בַּיינַאכְט, וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין "אֵשֶׁל אַבְרָהָם" פוּן בֶּעטְשׁוּטְשֶׁער רָב (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רל"ח) אַז מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז נָאר תְּפִילוֹת, אוּן אוֹיךְ וַוייל דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעפּוֹעֶלְט אַז עֶס זָאל זַיין דָאס זָאגְן תְּהִלִּים אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט נְגָעִים אוּן אַהָלוֹת, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶס אַ דִין אַזוֹי וִוי לִימוּד מִשְׁנָה וְכוּ' עַיֵן שָׁם. וּבִפְרַט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם קֶען מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן בַּייטָאג. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "דִבְרֵי יַצִּיב" (חֵלֶק ד', יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קל"ו) שֵׁיינֶע רְמָזִים אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים אִין דִי

טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז מֶען קֶען זָאגְן בַּיינַאכְט אוֹיךְ תְּהִלִּים, עַיֵּן שָׁם.

**אַזוֹי** ווִי דוּ דְרִיקְסְט דִי בְּרִיוו "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אוֹיף אִידִישׁ, מִיט נְקוּדוֹת, זֶע דָאס גוּט מַגִיהַ זַיין, וָוארוּם סְ'אִיז אַ שָׁאד אַז עֶס אִיז דָא גְרַייזְן וְכוּ', אוּן אַ סֵפֶר בְּלַייבְּט אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז עֶס זָאל בְּלַייבְּן גְרַייזִיג.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) דָאס אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דָאס שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה אִיז צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה.

**אַ גוּטֶע וָואךְ**

# קטו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיְחִי י"ב טֵבֵת ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואסְפַּארַא גְרוֹיסֶע זְכוּת דוּ הָאסְט מִיט דְרִיקְן דִי בְּרִיוו פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אוֹיף אִידִישׁ, אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים מִיט אִינְגֶעלַייט זָאגְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְץ חַיּוּת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דְרִיקְן אֵיין כְּרַךְ נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן וֶוען עֶס וֶועט זַיין אַרוּם צְוֵויי הוּנְדֶערְט בְּרִיוו, זָאלְסְטוּ עֶס דְרִיקְן אִין אַ גֶעבִּינְדֶעְנֶעם סֵפֶר וָואס עֶס

בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג, וָוארוּם וֶוען דִי מְפִיצִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בַּעַל "בֵּרַךְ מֹשֶׁה" זי"ע הָאט עֶר זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אָבֶער עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל דְרִיקְן דִי סְפָרִים גֶעבִּינְדֶען אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶס הַאלְטְן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ סֵפֶר וָואס אִיז גֶעבִּינְדֶען הַאלְט זִיךְ לַאנְג.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַארְן טְשֶׁעהרִינֶער רָב וֶוען עֶר אִיז יוּנְג גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעטְרַאכְט ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אוֹיף דֶער וֶועלְט, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ דִי הַחְלָטָה אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר דְרִיקְן דִי סְפָרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם אַזוֹי וֶועט בְּלַייבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעבְּט אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עוֹבֵד הַשֵּׁם רַבִּי אַבְרָהָם דֶער זוּן פוּן רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן (כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ"ח) דָאס אוּנְזֶערֶע לַייט זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן דְרֵיי יְסוֹדוֹת אִין דִי הַשְׁאָרָה פוּן דִי הֵיילִיגְן רַבִּי'ן זי"ע.

**אַ.** מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

**ב.** דְרִיקְן דִי סְפָרִים וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער ווִי אַלְסְדִינְג, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא גֶענוּג דִיבּוּרִים דָאס מַסְבִּיר צוּ זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרִיקְן אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

ג. דָאס צִינְדְן אַ נֵר תָּמִיד אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת נֵר תָּמִיד חֵלֶק שֵׁנִי, סִימָן א') בִּזְכוּת נֵר תָּמִיד הַדּוֹלְקִים בְּשֶׁמֶן זַיִת, נִצּוֹלִין מִגְּזֵירַת שְׁמַד; [אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אַיינְגֶעפִירְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט, פִיר חֳדָשִׁים נָאכְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת, אַז עֶס זָאל בְּרֶענֶען אַ נֵר תָּמִיד פוּן שֶׁמֶן זַיִת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן אַזוֵי פִירְן זִיךְ אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, דָאס אִין יֶעדְן בְּרֶסְלֶבֶער שְׁטִיבְּל בְּרֶענְט אַ נֵר תָּמִיד פוּן שֶׁמֶן זַיִת].

עַל כָּל פָּנִים זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן לֵיידֶער יֶעצְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אוֹיף אִינְגֶעלַייט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דִי בְּרִיוו וָואס דוּ דְרִיקְסְט אוֹיף אִידִישׁ דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת, אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ דְרִיקְסְט דִי בְּרִיוו אוֹיף אִידִישׁ, בִּיסְטוּ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט שִׂמְחָה, וּבִפְרַט יֶעצְט אַז עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם זָאלְסְטוּ זֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְטְס דַארְף עֶר וִויסְן אִיז זַיין תְּשׁוּבָה אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין הִימְל, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א', ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ"

דָארְטְן אויבְּן הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, און מִיט וָואס הָאט זִיךְ אַ אִיד צוּ פְרֵייעֶן? מִיט דִי מִצְוֹות און מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר טוּט יֶעדְן טָאג, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד) "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְוֹות, און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ה) תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר, אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְוֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְוֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְוֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ. תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ מִילָה בִּבְשָׂרוֹ אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קיט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים לד) "חוֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם"; און מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, און וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות וָואס עֶר טוּט יֶעדְן טָאג, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט שִׂמְחָה, און קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', אַדְרַבָּה אויבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ און דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ

מְשַׂמְחָהּ; וֶועט גֶעעֶנְדֶערְט וֶוערְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִינְגַאנְצְן לְטוֹבָה, פְּרָאבִּיר אוֹיס וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז וֶוען דֶער מַאן אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ', טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דֶער מַאן אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ ס'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, הֵן אִין דִי פַּרְנָסָה, הֵן אִין זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, וְכוּ', וְכוּ', מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַלֶעס דוּרְךְ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וּבִפְרַט אַז דוּ הָאסְט אַזַא גְרוֹיסְן זְכוּת צוּ דְרִיקְן דִי בְּרִיוו וָואס אִיז דִי תַּמְצִית פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אַז וואוֹיל אִיז דִיר.

**הָאב אַ לֶעכְטִיגֶער וָואךְ**

# קטז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיְחִי י"ב טֵבֵת ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פַארְפְּלָאנְטֶערְן זִיךְ מִיט דִי רֶעגִירוּנְג וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִקּוּטֵי עֵצוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן ד) זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטְן שְׁמוּעֶס וֶועגְן דַיין עִנְיָן וְכוּ', ווִי מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טוּן זַאכְן אַקֶעגְן דֶעם מַלְכוּת וְכוּ', אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט טוּן פָּאפֶּערִישֶׂע

גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ' און הָאפְן אַז מֶען וֶועט אִים נִישְׁט כַאפְּן וְכוּ', [עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט דָארְטְן אַרַיינְקוּקְן וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת פַאר דִיר]. אַוַודַאי וֶוען דוּ קֶענְסְט גֵיין פַאר דִיר אַלֵיין, אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וָוארוּם צוּ אַרְבֶּעטְן פַאר יֶענֶעם אִיז מֶען אַן עֶבֶד לַעֲבָדִים וְכוּ'.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין און דִי לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם און מִשְׁנַיוֹת, זָאלְסְט וִויסְן דָאס מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנֶה שִׁיקְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַסַאךְ פַּרְנָסָה. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדְן טָאג אַ דַף, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ דָאךְ לֶערְנֶען דֶעם דַף. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם "אִמְרֵי אֱמֶת" און עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט נֵיין, הָאט דֶער "אִמְרֵי אֱמֶת" גֶעזָאגְט, "אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא אֲפִילוּ אַבִּיסְל וְכוּ' און דוּ דֶערְמַאנְסְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי תַּנָאִים און אֲמוֹרָאִים, אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועט דִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער שֶׁענְקֶען פַּרְנָסָה", אִיבֶּערְדֶעם זֶע יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר. אוֹיךְ זֶע דַאוֶונֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן, דָאס הֵייסְט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אַ גוּטֶע וָואךְ**

# קיז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר שְׁמוֹת י"ג טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף וְכוּ', אַוַודַאי זֶעסְטוּ בְּפּוֹעַל וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף מִיט דִי תַּלְמִידִים וְכוּ', אָבֶּער בִּמְצִיאוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין הִימְל דֶער זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט וָואס דוּ בִּיסְט מְקָרֵב צוּבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא מִשְׁנָה גְּמָרָא וְכוּ', דָאס קֶענְסְטוּ נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּבָא, וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאִכְפָּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְּאָתֵי, כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּיְדֵיהּ. וְעַל דָּא כְּתִיב (תְּהִלִּים קיב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ' דָאס וֶוער עֶס כַאפְּט אָן דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן

אויפְהֶערְן צוּ זִינְדִיגְן, דֶער גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן הוֹיךְ הוֹיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא וָואס פַארְשְׁטֶעלְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם מְפַרְסֵם צוּ זַיין דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אִין זַיין זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַלֶע וָואס זֵיי ווילְן אִים טוּן שְׁלֶעכְטְס וֶועלְן צוּפַאלְן, וָוארוּם זֵיי קֶענֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הֵן אֶמֶת ס'אִיז גְרִינְג צוּ זָאגְן וְכוּ', אָבֶּער לֵיידֶער בִּין אִיךְ דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט גֵיי אִיךְ דָאס דוּרְךְ, טוֹיזֶענְט מָאל אַזוֹיפִיל וְכוּ', דֶערְפַאר קֶען אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, וָוארוּם אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דַיין צַעַר אוּן דַיין וֵוייטָאג אוּן דַיין חַלִּישׁוּת הַדַּעַת וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ', עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס קוּמֶען דִיר אַרַיין אַסַאךְ מָאל מַחֲשָׁבוֹת, וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס דִי צָרָה אוֹיפְן קָאפּ? וָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט צוּבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים?

**אָבֶּער** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט גוֹרֵם אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק דִי קִינְדֶער צוּם טַאטְן, וָואס דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גוֹרֵם אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט

אִים צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הִתְפַּעֲלוּת פוּן אַפָאר הוּנְט וָואס בִּילְן? וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נ) אַז דִי עַזֵי פָּנִים'ער וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן הוּנְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נו) "וְהַכְּלָבִים עַזֵי נֶפֶשׁ", אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אַדְרַבָּה וָואס מֶער דִי הוּנְט בִּילְן זָאלְסְטוּ זֶען מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער נְשָׁמוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אַז אֵיינֶער זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלַן, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (עֲבוֹדָה זָרָה ה.) כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה אַחַת מְלַפַּפְתּוֹ וּמוֹלִיכַתּוֹ לְיוֹם הַדִּין וְכוּ' רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר קְשׁוּרָה בּוֹ כְּכֶלֶב וְכוּ', אוּן דִי אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אִין גֶעשְׁטַאלְט פוּן הוּנְט, אוּן זֵיי רִינְגְלֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בִּילְן אוֹיף אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא'דִיג פַּחַד אוּן מוֹרָא פוּן דִי ווִילְדֶע הוּנְט, אוּן וָואס מֶער עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן מֶער ווִילְדֶע הוּנְט וָואס זֵיי גֵייעֶן אִים נָאךְ, אוּן דֶער פַּחַד אוּן דֶער מוֹרָא וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִתְנַגְדִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן כ"ו), עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה בּוֹרֵא קְלִיפּוֹת הַמִתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְדִים וְחוֹלְקִין עָלָיו וְעוֹשִׂין לוֹ יְסוּרִין; הֵן חָלִילָה וְחַס אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן הֵן אֵיינֶער וָואס אִיז מְקָרֵב זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דָאךְ מְבַטֵל דִי קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אִין אַ צוּרָה פוּן הוּנְט,

װֶערְן זַיי צֶעװוּילְדֶעװֶעט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר װִיל זַיי מְבַטֵל זַיין, אוּן זַיי בִּילְן אוֹיף אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן, זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, הֵן אֱמֶת אִיךְ וֵויים אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרִיקְט יֶעצְט זֵייעֶר אִין גֶעלְט, אוּן דוּ ווִילְסְט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר הֵייבּ אוֹיף דִי הֶענְט נָאר פַּארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק'ן (שְׁמוֹת יז, יא) "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק", דַרְשֶׁנֶ'ן אוֹיף דֶעם דִי חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט.), וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה? אֶלָא לוֹמַר לָךְ כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְגַבְּרִים וְאִם לַאו הָיוּ נוֹפְלִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** הֵייבּ אוֹיף דִי הֶענְט נָאר פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט מִיט אַ יִאוּשׁ "וָואס קֶען אִיךְ טוּן?", אַדְרַבָּה וֶוען עֶס קוּמְט אִין דִיר אַרַיין אַ חַלִישׁוּת הַדַעַת, דֶעם מִינוּט זָאלְסְטוּ בַּאשְׁלִיסְן אַז אִיךְ גֵיי מְקָרֵב זַיין נָאךְ אַ מִנְיָן בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיךְ גֵיי אִין זֵיי אַרַיינְלֵייגְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן מְעוֹרֵר זַיין זֵיי זָאלְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, דָאס הֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן דֶער עִיקָר אִין זֵיי אַרַיינְשֵׁיינֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט

פון לֶערְנֶען און זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעטוּן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן, אָבֶּער דִי כֹּחַ פון מִשְׁנַיוֹת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית און מִתַּחְתָּיו, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית און אֲפִילוּ יֶעצְט טוּעֶן זֵיי נָאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ', אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט זֵיי דֶער תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פון בְּלָאטֶע, און ס'אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, אַז "כַּךְ וְכַךְ" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פון אוּנְזֶערֶע לַייט, און צְווִישְׁן זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זי"ע, זָאגְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

**עֶס** אִיז מִיר אַמָאל אַיינְגֶעפַאלְן "כַּךְ וְכַךְ" בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט ווִי דִי שֵׁם אֱלֹקִי"ם (זֶעקְס און אַכְצִיג), דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אִין מִידַּת הַדִּין אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט דָאס מַמְתִּיק זַיין פון אִים אַלֶע דִינִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקְן "כַּךְ וְכַךְ, דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ...", און הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פון קֵיינֶעם נִישְׁט (און זִינְגְט דָאס מִיטְ'ן נִיגוּן...).

**עַל** כָּל פָּנִים ווִי ס'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פון קַיין שׁוּם בְּרִיָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט ווָארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט אַז

נָאךְ אַ בָּחוּר אִיז מְסַיֵּים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואסְפַּאַרַא רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל. וָואס הֵייסְט אַז נָאךְ אַ בָּחוּר אִיז מְסַיֵּים גַאנְץ שַׁ"ס, וָואסְפַּארַא רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל. דָאס קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ"ג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר ווִיפִיל מִילְיָאנֶען צִירוּפִין עֶס וֶוערְט אִין הִימְל וֶוען מֶען אִיז מְקַרֵב אֵיין אִיד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין עֶר זָאל אוֹיבֶעט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז אַ יֶעדֶע נְשָׁמָה וָואס עֶס קוּמְט צוּ, פוּן דֶעם וֶוערְט מִילֵי מִילְיָאנֶען אוּן טְרִילְיָאנֶען וְכוּ' וְכוּ' צִירוּפִין, עַיֵּין שָׁם דְּבָרִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד.

כְּדֵי דִי בָּחוּרִים זָאלְן הָאבְּן אַ קִיוּם אוּן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן, דַארְף מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א, טז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ טְרַייבְּט מֶען אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן מֶען אִיז זֵיי מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן, וָוארוּם עַצְבוּת דָאס אִיז דִי טוּמְאָה, אוּן שִׂמְחָה אִיז דִי קְדוּשָּׁה, אוּן מִיט דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ מֶעסְטְן וואוּ עֶר הַאלְט, אִיז עֶר טְרוֹיעֶרִיג זִינְקְט עֶר אִין דִי טוּמְאָה לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ הֵייבְּט עֶר זִיךְ אִין דִי קְדוּשָּׁה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים אַ גֵייסְט פוּן שִׂמְחָה, אִיר זָאלְט אַסַאךְ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן,

וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר תִּיקּוּן הַבְּרִית, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, ווי דִי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן, (תַּעֲנִית כב.) רַבִּי בְּרוֹקָא חוֹזָאָה הֲוָה שְׁכִיחַ בְּשׁוּקָא דְבֵי לֶפֶט, הֲוָה שְׁכִיחַ אֵלִיָּהוּ גַּבֵּיהּ, אָמַר לֵיהּ, אִיכָּא בְּהַאי שׁוּקָא בַּר עַלְמָא דְאָתֵי? אָמַר לֵיהּ, לֹא. וְכוּ' אַדְהָכִי וְהָכִי אָתוּ הָנָךְ תְּרֵי אָתֵי. אָמַר לֵיהּ: הָנָךְ נַמִּי בְּנֵי עַלְמָא דְאָתֵי נִינְהוּ. אֲזַל לְגַבַּיְיהוּ. אָמַר לְהוּ, מַאי עוֹבָדַיְיכוּ? אָמְרוּ לֵיהּ, אִינְשֵׁי בַּדּוּחֵי אֲנַן, מְבַדְּחִינַן עַצִיבֵי. אִי נַמִּי, כִּי חָזֵינַן בֵּי תְּרֵי דְאִית לְהוּ תִּיגְרָא בַּהֲדַיְיהוּ טָרְחִינַן וְעָבְדִינַן לְהוּ שְׁלָמָא; זֶע וָואס עֶס וַוארְט פַאר דִיר וְכוּ' וְכוּ', וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן און נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, וָוארוּם אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, (יְשַׁעְיָה סד) "עַיִן לֹא רָאֲתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ" וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (בְּרָכוֹת לד:) מַאי עַיִן לֹא רָאֲתָה? אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זֶה יַיִן הַמְשׁוּמָּר בַּעֲנָבָיו מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית, רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר זֶה עֵדֶן שֶׁלֹּא שָׁלְטָה בּוֹ עַיִן כָּל בְּרִיָּה; אַז וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט און וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, און זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

**יֶעצְט** הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, ווי גוּט וָואלְט גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער בָּחוּר זָאל זָאגְן אַ "יוֹם תְּהִלִּים", אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִּים, און דֶער עִיקֶר לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָואס אִין דֶעם

איז תָּלוּי דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז, סִימָן ג)
אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קיח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר שְׁמוֹת י"ד טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**כָּאטְשׁ** אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, אוּן נֶעכְטְן בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר אַבִּיסְל גֶערֶעדְט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט קִילְן פוּן דֶעם צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס מֶען אִיז דִיר גוֹרֵם וְכוּ', פּוּנְקְט גְרַאדֶע בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְטְס פוּן אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה וְכוּ', וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ צִירְקוּס וְכוּ' אַ טִיאַטֶער שְׁפִּיל וְכוּ', דַארְפְן גֶעבְּט מֶען אַלֶע כָּבוֹד וְכוּ', אוּן דִיר רוֹדֶפְ'ט מֶען אַזוֹי שְׁטַארְק וְכוּ', וֶוען דַארְפְן זֶעט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א) וְיֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, שֶׁלִּימוּדָם מֵאֵלּוּ הַמּוּתָרוֹת, וְלֹא דַי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים, וְהֵם נוֹטְלִים גְּדוּלָּה לְעַצְמָן, לְהַנְהִיג הָעוֹלָם, צָרִיךְ לִרְאוֹת שֶׁלֹּא לְהַסְמִיךְ אוֹתָם, שֶׁלֹּא לִיתֵּן לָהֶם תּוֹקֶף וָעוֹז, שֶׁלֹּא יִהְיוּ מְכוּנִים בְּשֵׁם רַבִּי. כִּי הֵם עַצְמָן אֵינָם חַיָּבִים כָּל כַּךְ, כִּי יֵשׁ לָהֶם יֵצֶר הָרָע גָּדוֹל

לְהַנְהִיג הָעוֹלָם, אַךְ צָרִיךְ לִשְׁמוֹר מְאֹד, שֶׁלֹּא לִיתֵּן לָהֶם תּוֹקֶף וָעוֹז, כִּי אֵלּוּ הַנּוֹתְנִים לָהֶם תּוֹקֶף וָעוֹז וְנִסְמָכִים עַל יָדָם שֶׁיִּהְיוּ נִקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, הֵם עֲתִידִין לִיתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן.

**אִיבֶּערְדֶעם** ווייל אִיךְ אִיבֶּערְחַזֶר'ן אִין קוּרְצְן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אוּן מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן וְכוּ' וְכוּ', שְׁטֶעל זִיךְ פָאר ווי עֶס הָאט אוּיסְגֶעזֶען די לַאגֶער אוּנְטֶער די עֲמָלֵקִים (וָואס בֶּאֱמֶת וויפִיל מֶען זָאל נָאר נִישְׁט הֶערְן אוּן לֵיינֶען קֶען מֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן בִּיז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן דָארְטְן) טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶעוֶועזְן אַרוּמְגֶעקוּמֶען מִיט עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע דְרָאטְן וָואס וֶוער עֶס אִיז נָאר צוּגֶעגַאנְגֶען אִיז עֶלֶעקְטְרֶעזִירְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן פְּלַאץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּיסֶערְדֶעם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער וַואךְ פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה מִיט גֶעוֶוער, אוּן גֶעטֵיילְט מַכּוֹת רֶצַח פַאר וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט, אוּן אוּיסֶערְדֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען ווילְדֶע הוּנְט וָואס נָאר אָנְקוּקְן אוֹיף זֵיי אִיז גֶעפַאלְן אַ שְׁרֶעק וְכוּ' וְכוּ', אוּן שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וֶוען ס'וָואלְט גֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן וָואלְט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דֶעם לַאגֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער גֵיהִנּוֹם אוֹיף די וֶועלְט וְכוּ', אוּן עֶר וָואלְט אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט אֵיינֶעם אוּן אַנְטְלָאפְן מִיט אִים אוֹיף דֶער פְרֵיי וְכוּ', וָואס פַאר אַ זְכוּת וָואלְט דֶער אִיד גֶעהַאט? דָאס קֶען מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, וָוארוּם די חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.) כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא; אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז עֶר וָואלְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט נָאךְ אַ

אִיד וְכוּ', וָואס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע אִידְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַרוֹיס גֶערַאטֶעוֶועט אִידְן פוּן דֶעם גֵיהִנוֹם, פוּן דִי ווִילְדֶע הוּנְט, פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, צוּ מֵיינְסְטוּ נִישְׁט אֵיין מִינוּט אַז דִי נְשָׁמוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אַ לַאגֶער? אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט ווִילְדֶע הוּנְט וְכוּ', דָאס אִיז דִי קְלִיפּוֹת וָואס מֶען בַּאשַׁאפְט דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית וָואס זֵיי שְׁרֶעקְן אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ', אוּן דָאס אִיז דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס זֵיי נֶעמֶען אַרוּם זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט דֶער אִיד וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוּן לוֹיפְסְט אַרַיין אִין לַאגֶער, אוּן כַאפְּסְט אַרוֹיס אַ נְשָׁמָה, אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט אִים צוּרִיק צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ וְכוּ', אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וְכוּ', אוּן נָאךְ מְחַלֵּל שַׁבָּת גֶעוֶוען אוֹיבֶעט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן, נִישְׁט נָאר עֶר הַאלְט אִין אֵיין רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר עֶר דַאוֶוענְט מִיט כַּוָונָה אוּן מִיט בְּרֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן לֶערְנְט אַזוֹיפִיל מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹיפִיל גְמָרָא, וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִין דֶער וֶועלְט.

[אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען, לוֹיפְט מִיר אַקֶעגְן אַ בָּחוּר מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט שׁוֹין הַיינְט גֶעעֶנְדִיגְט

דֶעם זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיגְסְטְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַן אַנְדֶערֶע בָּחוּר וַוייזְט מִיר עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דְרַיי אוּן דְרַייסִיג מָאל מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת], פְּרֶעג אִיךְ דִיר יֶעצְט, אִיז אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס דִי ווילְדֶע הוּנְט ווילְן דִיךְ צוּבַּייסְן? פַארְוָואס דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה ווילְן דִיךְ צוּרַייסְן? דוּ כַאפְּסְט דָאךְ אַרוֹיס אַ אִיד פוּן זֵייעֶרע הֶענְט! זָאלְן זֵיי נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף דִיר? אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס נָאךְ אַ נְשָׁמָה אוּן נָאךְ אַ נְשָׁמָה וְכוּ' וְכוּ', אַוַודַאי גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען דִיךְ נִישְׁט לַיידְן, דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן זַיין לַאגֶער וָואס עֶר הָאט זֵיי דַארְטְן אַריינְגֶעכַאפְּט. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, אוּן לָאז נִישְׁט אָפּ, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַארְפְּסְטוּ עֶנְדִיגְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ גָמַרְתִּי וְאֶגְמוֹר", אִיךְ לַייד שׁוֹין פוּן דֶעם אִיבֶּער פֶּערְצִיג יָאר, וָואס יֶעדֶער פַארֶעךְ רֶעדְט אוֹיף מִיר כָּל דָבָר אָסוּר, אֲפִילוּ עֶר קֶען מִיךְ נִישְׁט וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קסג) אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס מוּז זַיין אִין יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס מוֹיל, אוּן אַלֶע דַארְפְן רֶעדְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט עִינוּיִים אוּן צָרוֹת מְשׁוּנוֹת וְכוּ', עֶר דַארְף זַיין בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס מוֹיל, יֶעדֶער אֵיינֶער קֵייעֶט אִים, אוּן רֶעדְט פוּן אִים, אוּן שְׁפֶּעט פוּן אִים וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבֶעט, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט פַאלְן, וָוארוּם מֶען קוּקְט

די לֶעבְּטִיגֶע נְשָׁמוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט אוּן זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן לֶערְנֶען אַזוֹי פְּלַייסִיג תּוֹרָה, דָאס אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע דֶערְקְוִויקוּנְג פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וֶוען מֶען זֶעט דָאס, אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ פוּן אַפָּאר שְׁקָצִים וָואס רוֹדֶפְן דִיר? דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אִיךְ לַייד וְכוּ׳, אוּן פוּן וֶועמֶען אִיךְ לַייד וְכוּ׳, הַיינְט אַלֵיין קָאסְט מִיר פֶערְצְן טוֹיזֶענְט שֶׁקֶל פַאר אַ לָאיֶער (אַדְוָואקַאט) אוֹיף אַ מִשְׁפָּט וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף מִיר אִין יַבְנְאֵל, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, וָוארוּם אִין דִי יוּגְנְט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶס לִיגְט אִין מַיין בְּלוּט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. וַויסְן דַארְפְסְטוּ וַויסְן אַז אוֹיפְן הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זי״ע הָאט מֶען גֶערֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר, אוּן מֶען הָאט אִים גֶערוֹדֶפְט עַד חָרְמָה, אוּן וֶוער? גְרוֹיסֶע מְפוּרְסָמִים וְכוּ׳, עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּתַכְלִית הַשִׁפְלוּת, קוֹים גֶעהַאט מִנְיָן, אוּן צוּם סוֹף וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע מְפוּרְסָמִים? מֶען וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וואוּ זֵייעֶר קֶבֶר אִיז וְכוּ׳, אוּן פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זי״ע אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶה שׁוֹין עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן, אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן גֵייעֶן צוּ זַיין צִיוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר, כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים וַוייל עֶר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְן אוּנְזֶערֶע

לַייט צוּ זַיין צִיוֹן אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן צִיעֶן זִיךְ צוּ אִים אַזוֹי ווי אַ מַאגְנֶעט, וֶוער וָואלְט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וָואס דֶער אִיד הָאט מִיטְגֶעמַאכְט בְּחַיִים חַיּוּתוֹ? מֶען הָאט אוֹיף אִים גֶערֶעדְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט זִיךְ זַייעֶר דֶערְהַאלְטְן, אוּן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר, וּבִפְרַט אַז דוּ רַאטֶעוֶועסְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן גֵיהִנּוֹם הַתַּחְתּוֹן וְכוּ' וְכוּ', אַז ווייל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן ווייל וֶועט דִיר זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיךְ** מוּז מְקַצֵּר זַיין, אָבֶער גְלֵייבּ מִיר אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן טוֹיזְנְטֶער עַמוּדִים, אָבֶער פָּשׁוּט מַיין צַייט אִיז בַּאגְרֶענִיצְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קיט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר שְׁמוֹת י"ד טֵבֵת ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט יֶעדְן טָאג דַיין הַנְהָגָה ווי דוּ פִירְסְט זִיךְ, דָאס דַארְפְסְטוּ אוֹיסְזָאגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט מִיר שְׁרַייבְּן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:) חָצִיף עָלַי

מַאן דִמְפָרֵשׁ חַטָאֵיה שֶׁנֶאֱמַר (תְּהִלִים לב) "אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חַטָאָה"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט (אין לקוטי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד) ווידוי דְבָרִים פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, הַיינְט אִיז נִישְׁטָא דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס מֶען קֶען זִיךְ פַאר אִים אוֹיסְרֶעדְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז סְ'אִיז דָא אַזַא זַאךְ, אוֹיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען נָאר אַ תְּקוּפָה, אָבֶער זָאנְס דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִים דַארְף מֶען אוֹיסְדֶערְצֵיילְן יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

**דֶערְפַאר** אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, נָאךְ מֶען דַאנְקְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, דַארְף מֶען אַרוֹיסְכַאפְּן אַפָּאר מִינוּט אוּן בֶּעטְן אַז דֶער גַאנְצֶער טָאג זָאל גֵיין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט דִיבּוּרִים אֲסוּרִים, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט עֲשִׂיּוֹת אֲסוּרִים וְכוּ' וְכוּ'.

**אוּן** נָאכְדֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ אוּן מֶען זָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ אִיז אַ פֶּרֶק

מִשְׁנַיוֹת. אִיךְ בִּין זִיךְ נוֹהֵג שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר וֶוען אִיךְ זָאג בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, לֶערְן אִיךְ אַ פֶּרֶק אִין אָבוֹת, אָבוֹת אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זֶעקְס פְּרָקִים, יֶעדְן טָאג לֶערְן אִיךְ אַ פֶּרֶק אָבוֹת, גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ לֶערְן דִי מִשְׁנָה אוּן דִי בְּרַייתָא אֵלוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁעוּר וְכוּ׳, זוּנְטָאג לֶערְן אִיךְ פֶּרֶק א׳ פוּן אָבוֹת, מָאנְטָאג פֶּרֶק ב׳ וְכוּ׳, בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיג אִיךְ אָבוֹת, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מוּסָר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מוּסָר ווי דִי מוּסָר פוּן דִי תַּנָאִים ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיבּ מֶען הָאט נָאךְ צַייט מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען נָאךְ צַייט מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אֲפִילוּ אַבִּיסְל, וַוייל גְמָרָא פַארְן דַאוֶונֶען אִיז מְטַהֵר דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה.

**נָאכְדֶעם** לוֹיפְט מֶען אִין מִקְוֶה, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען, פַארְן דַאוֶונֶען וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, פַארְוָואס? וַוייל אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מַחְשָׁבָה בַּיים דַאוֶונֶען, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן פַאר דַאוֶונֶען גָארְנִישְׁט, לֵיידֶער זֶעט מֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן בָּחוּר אוֹיף יֶעדְן אִינְגֶערְמַאן, פַארְן דַאוֶונֶען דַארְף עֶר רֶעדְן אוּן פְלוֹישְׁן וְכוּ׳ וְכוּ׳ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן בִּיז עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ צוּ דַאוֶונֶען אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זְמַן תְּפִלָּה, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי ווִיפִיל סְ׳קוּמְט דֶער צַייט פוּן

דַאוֶועֶנְען דַארְף מֶען לוֹיפְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן דַאוֶועֶנֶען, אוּן נִישְׁט רֶעדְן פַארְן דַאוֶועֶנֶען מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט אָן אַן אוֹיסְנַאם, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶועֶנֶען, אוּן מֶען הָאט אִינְזִינֶען וָואס מֶען זָאגְט, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּפִלָּה בְּכֹחַ, מֶען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע כֹּחוֹת מְקַשֵּׁר צוּ זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָוארוּם דֶער דִיבּוּר רֶעדְט אוּן דִי מַחְשָׁבָה טְרַאכְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, פְּרַאבִּיר עֶס אוֹיס וֶועסְטוּ זֶען אַז אֲפִילוּ אַ בְּרָכָה זָאגְט מֶען נִישְׁט מִיט כַּוָונָה, דֶער מוֹיל זָאגְט דִי בְּרָכָה אוּן דֶער מֹחַ טְרַאכְט פוּן אַלֶע מִינֵי גֶעשֶׁעפְטְן וָואס עֶר הָאט צוּ פַארְעֶרעכְטְן, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ גַאנְצְן מִזְמוֹר זָאגְט אָפּ דָאס מוֹיל, אוּן דִי מַחְשָׁבָה טְרַאכְט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז חָלִילָה וְחַס מֶען הָאט נָאךְ הִרְהוּרִים רָעִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה בְּכֹחַ, מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר. אִיךְ וֵוייס אַז אַנְדֶערֶע הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ', זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער הַאלְטְן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אָבֶּער דִי מְצִיאוּת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען שְׁרֵייעֶן בַּיים דַאוֶועֶנֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר קֶען וַוארְפְן דֶעם קָאפּ וִוי עֶר וִויל, אוּן עֶר קֶען טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר קֶען זִיךְ שָׁאקְלֶען וִוי עֶר וִויל אוּן עֶר וֶועט טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס עֶר הָאט נָאךְ צוּ טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב) אַז מֶען דַארְף מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם גוּף דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל מִיךְ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ הֵיילִיגְן, אָבֶער תְּפִלָּה בְּכֹחַ אִיז אַז מֶען דַארְף מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם - הָאט דֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזֶא זי"ע גֶעזָאגְט - אוֹיבּ אַ אִיד הָאט אִינְזִינֶען פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָוארוּם וֶוען מֶען רֶעדְט אוּן מֶען זָאגְט דִי בְּרָכוֹת אוּן דִי מִזְמוֹרִים פוּן דֶעם דַאוֶוענֶען דֶעמָאלְטְס קְלֶעבְּט מֶען זִיךְ צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז פָּשׁוּט.

נָאכְן דַאוֶוענֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר מַה טּוֹב וּמַה נָעִים, אַז נִישְׁט דַארְף מֶען לוֹיפְן עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית, וָואס דָאס אִיז בַּיי דִי חַזַ"ל אַן עִיקָר, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קַיין פַּת שַׁחֲרִית וֶוערְט עֶר קְרַאנְק, מִיר זֶענֶען פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, קְלֵיינֶע בַּעֲלֵי הַשָּׂגוֹת וְכוּ', מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן גוּף דֶער גוּף זָאל זַיין שְׁטַארְק, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אַ קְלֵיין לֶעכְל אִין דֶעם גוּף וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה, וַוייל אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט קֶען עֶר נָאכְדֶעם נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְט צוּ דֶער יֵצֶר הָרָע דֶעם מֶענְטְשׁ "דוּ דַארְפְסְט פַאסְטְן, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט עֶסְן יֶעצְט קַיין (פְרִישְׁטִיג) פַּת שַׁחֲרִית", אוּן

דִי חַזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ פַּת שַׁחֲרִית פַּארְטְרַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ דְרַיי אוּן אַכְצִיג מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ אִיד גְלַייךְ זִיךְ וַואשְׁן אוּן עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית דַיְיקָא, בְּרוֹיט, אוּן בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ סִידוּר בְּכַוָּונָה, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס אוּן מֶען טוּט עֶפֶּעס מַשָּׂא וּמַתָּן, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט צוּ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל בִּטָחוֹן, אַז עֶר הָאט אָנְגֶענוּמֶען וָואס אַ סָארְט פַּרְנָסָה מֶען הָאט אִים נָאר גֶעגֶעבְן, אֵיינְמָאל הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקֶערְט אַ שְׁטַאל, אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַארְרָאכְטְן אַ טִישׁ, אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַארְרָאכְטְן אַ בַּאנְק, אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַארְרָאכְטְן אַ פֶענְסְטֶער וְכוּ' וְכוּ' יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, אוּן בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְן הָאט עֶר עֶס אָנְגֶענוּמֶען מִיט שִׂמְחָה, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ שְׁפַּייזְן זַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן סְ'אִיז דִיר כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערלֶערְנֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל בִּטָחוֹן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, דָאס אִיז אַ וֶועג אִין לֶעבְּן.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן מֶער ווִי אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, שִׂמְחָה קוּמְט אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, וּבִפְרַט אַז אֵיינֶער הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען

בִּבְרִית, דֶעם אִיז מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא נֶעמֶען אִים אַרוּם אוּן זֵיי וַוארְפְן אִים אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ' וְכוּ', אִין סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ'. וָואס אִיז קְלִיפּוֹת? אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וָואס מֶער עֶר זִינְדִיגְט שְׁפִּירְט עֶר מֶער נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶר מֵיינְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר צוּבְרָאכְן, פַארְוָואס דֶער הָאט, אוּן פַארְוָואס יֶענֶער הָאט, אוּן אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וְכוּ' וְכוּ' הָאט גָארְנִישְׁט! אוּן דֶער 'פַארְוָואס' אִיז אַ קְלִיפָּה, אָבֶער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אַרְבֶּעט נָאר אוֹיף אֵיין נְקוּדָה, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, אוּן עֶר בֶּעט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מְזַכֶּה צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִיבֶּערְן גַאנְצְן גוּף, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט פַאר שִׂמְחָה, אוּן עֶר רֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן שִׂמְחָה, דֶעמָאלְטְס אִיז זִיכֶער אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי קְלִיפּוֹת, וָוארוּם דִי קְלִיפּוֹת קֶענֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען קַיין שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א טז, כז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָארְטְן אִיז שָׁרוּי נָאר שִׂמְחָה, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ ווִילְסְט ווִיסְן אוֹיבּ דוּ הָאסְט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן צוּ דַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט פְּרֵיילִיךְ. אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה אִין צַייט אוּן מִיט מִנְיָן, אוּן זָאלְסְט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב

מִיט מִנְיָן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט דִיךְ גֶעשַׁאנְקֶען אַ גֶעטְרַייִ ווייבּ, וָואס זִי אִיז דִיר גֶעטְרַייִ אוֹיסְנַאם, אוּן לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דַארְפְסְטוּ מִיט דֶעם זִיךְ זַייעֶר זַייעֶר פְרֵייעֶן, אָבֶּער זָאלְסְט ווִיסְן אַז דוּ דַארְפְסְט זַיין אַ דוּגְמָא אַ בַּיישְׁפִּיל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֶען אַז דוּ הָאסְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי דִיר אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן וֶוען דוּ הָאסְט נָאר אַ גֶעלֶעגְנְהַייט כַּאפְּסְטוּ אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, נָאךְ אַ מִזְמוֹר תְּהִלִּים אוּן נָאךְ אַ מִזְמוֹר תְּהִלִּים, נָאךְ אַ דִיבּוּר צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, וֶועלְן זֵיי דִיר עֶס נָאכְטוּן, אָבֶּער חָלִילָה וְחַס אַז זֵיי וֶועלְן זֶען אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג פּוּסְט אוּן פַּאר, אוּן דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט דוּ בִּיסְט נָאר צוּבְּרָאכְן, אוּן דוּ הָאסְט פַאנְטַאזְיֶעס אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ פַאבְּרִיק וְכוּ' אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וְכוּ', אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס עֶס קוּמְט אַרַיין פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן וְכוּ' וְכוּ', וֶועלְן זֵיי אוֹיכֶעט פַאנְטַאזִירְן אַזוֹי ווִי דוּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא מִין לֶעבְּטִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט אוּנְז אוֹיף דִי אוֹיגְן, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סז) אַז דֶער צַדִּיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, "וְהָעִיקָר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ", דָאס הֵייסְט דֶער עִיקָר דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? דָאס דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג

פְרֶעגְן, וֶוער בִּין אִיךְ אִינְגַאנְצְן? וָוארוּם אַ אִינְגֶערְמַאן פַאלְט אִין אִים אַרַיין יֵשׁוּת אוּן גֵיאוּת, אוּן עֶר וִויל, אוּן עֶר וִויל, אוּן עֶר וִויל, וְכוּ', וְכוּ', וְכוּ', וָואס ווִילְסְטוּ? וֶועט עֶר גְלַייךְ קוּמֶען עֶנְטְפֶערְן עֶר וִויל גֶעלְט, עֶר וִויל כָּבוֹד, אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ מוּז אָנְקוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר אִיז מַיין טַאטֶע, אוּן אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיוּת אַ אִינְגֶעלֶע וֵוייסְט נִישְׁט נָאר טַאטִי, אוּן יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן שְׁרַייט עֶר, "טַאטִי, אִיךְ דַארְף דָאס! טַאטִי, אִיךְ דַארְף יֶענְץ!" וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס דוּ הֶערְסְט אוּן אַלֶעס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אִיז אַלֶעס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל, וְכָל דְאַלִים גְבַר וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

מִיר הָאבְּן דָאס לֵיידֶער גֶעזֶען בַּיי דִי מִלְחָמוֹת, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ חַיִים טוֹבִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען סְ'אִיז גֶעוֶוען דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת פַאר קַיין שׁוּם אִידְן גֶעדַאכְט מֶער, מִיר זָאלְן שׁוֹין אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אִיז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֱמוּנָה הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט מֶער דֶערְהַאלְטְן, חָלִילָה וְחַס דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן נֶעבֶעךְ נִישְׁט

גֶעהַאט קַיין אֱמוּנָה זֶענֶען גֶעבֶּעךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען אַרָאפּ פוּן זִינֶען, דָאס הָאט מֶען גֶעזֶען בְּחוּשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט זַיין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צֶעפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, וָוארוּם עֶס אִיז נָאכְנִישְׁטָא מֶער קַיין גְלִיקְלִיכֶע אוּן צֶעפְרִידֶענֶע מֶענְטְשׁ ווִי אֵיינֶער וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז דָא בַּיי מִיר אוּן מִיט מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אִיךְ אָטֶעם אֱלֹקוּת, אוּן אִיךְ גֵיי אוֹיף אֱלֹקוּת, אוּן אִיךְ עֶס אֱלֹקוּת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל ווִיסְן אַז אַלְסְדִינְג אִיז אֱלֹקוּת. אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט), אַז אַ יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָוארוּם אֱמוּנָה מִיט שׁוּלְחָן עָרוּךְ גֵייט צוּזַאמֶען, חָלִילָה וְחַס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאר אַלְץ "דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער" וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, קֶען עֶר אַרַיינְקוּמֶען אִין גְרוֹיסֶע טָעוּתִים, אִין גְרוֹיסֶע מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ' וְכוּ', כַּת שַׁ"ץ הָאבְּן אוֹיבֶּעט אַזוֹי גֶערֶעדְט אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעריסְן גֶעוָוארְן נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מִיר אִידְן הָאבְּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן מֶען

טָאר זיך נִישְׁט רִירְן אָן דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אויף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן, נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אויף וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ גְרוֹיסְן צַדִיק הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט סִימָן ר"מ אִין אוֹרַח חַיִים און עֶר אִיז דָאס מְקַיֵים, וֶועט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי אִים סִימָן ר"מ אִין יוֹרֶה דֵעָה; סִימָן ר"מ אִין אוֹרַח חַיִים דָארְטְן וֶוערְט גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה ווי אַזוֹי מֶען דַארְף זיךְ פִירְן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', וְכוּ', און אִין סִימָן ר"מ אִין יוֹרֶה דֵעָה וֶוערְט גֶערֶעדְט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם ווי אַזוֹי קִינְדֶער דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטְן און מַאמֶען, אוֹיבּ מֶען אִיז זיךְ מְקַדֵשׁ וּמְטַהֵר אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען מְכַבֵּד טַאטֶע און מַאמֶע, אָבֶּער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ, מֶען פִירְט זיךְ נִישְׁט ווי סְ'דַארְף צוּ זַיין אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה וְכוּ', מֶען אִיז פְּרָאסְט, מְ'אִיז מְגוּשָׁם וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְטְס זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין גְרוֹיסֶע עַזוּת פְּנִימֶ'ער פַאר טַאטֶע מַאמֶע און אִינְדְרוֹיסְן, דָאס זָאלְסְטוּ אִין זיךְ אַריינְנֶעמֶען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צְווֵיי וֶועגְן, וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דָאס גַאנְצֶע בְּרֶסְלְבֶער חַסִידוּת, אֵיינְס אַז אַ אִיד זָאל זיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר זָאל וויסְן אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם

נִישְׁט בְּזֶה הָעוֹלָם, נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר אִיז אוּנְזֶער טַאטֶע, עֶר אִיז אוּנְזֶער פָּאטֶער, אוּן עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן, אוּן נָאר עֶר וֶועט הֶעלְפְן, אוּן נָאר עֶר הֶעלְפְט, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען; אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן אֲפִילוּ אַ סְעִיף קָטָן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ. פַארְוָואס? וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר מִיט אֱלֹקוּת, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְקַשֵׁר מִיטְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע טָעוּתִים, מֶען קֶען אַרַיין פַארְקְרִיכְן נֶעבֶּעךְ אִין גְרוֹיסֶע מִכְשׁוֹלוֹת וְכוּ׳, אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אִיךְ מֵיין נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט; וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיךְ גֶעהָאלְפְן, פוּן זִינְט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶוען אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶוען פוּפְצְן יָאר, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אַ קַיימָא לָן פוּן פִינְף אוּן פוּפְצִיג יָאר, הָאט מִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם גֶעדַאנְק פוּן יוֹם הַמִּיתָה וְכוּ׳ וְכוּ׳. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אַז עֶר אִיז דָא בְּזֶה הָעוֹלָם נָאר אַן אוֹיסְגֶעבָּארְגְטֶער, עֶר אִיז נָאר דָא אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט. וֶוען מֶען וֶועט אִים אַרוֹיפְרוּפְן אוֹיבְן וֵוייסְט עֶר נִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף זַיין צוּגֶעגְרֵייט צוּ דֶעם יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם כַּוָנָה נָאר פָּשׁוּט דִיר רַאטֶעוֶוען, אִיךְ זֶע אַז דוּ זִינְקְסְט אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן אִין עַצְבוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן דָאס

בְּרֶענְגְט דִיךְ נָאכְדֶעם רַחֲמָנָא לִיצְלָן צוּ מוֹרָא'דִיגֶע מִכְשׁוֹלוֹת וְכוּ' וְכוּ' צוּ קוּקְן אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן אַז מֶען קוּקְט אִין שְׁמוּץ טוּט מֶען שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט דָאס מוֹרָא'דִיג בִּיטֶער דֶער לֶעבְּן, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, תִּיקוּן טו) מַאן דְזָרַק פִּירוּרִין דְנַהֲמָא עֲנִיוּת קָא רָדִיף אַבַּתְרֵיהּ, כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְזָרַק פִּירוּרִין דְמוֹחָא וְכוּ' וְכוּ', אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִכְשָׁל רַחֲמָנָא לִיצְלָן אִין פְּגַם הַבְּרִית דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אָרִימְקֵייט, אַלֶע עֲנִיוּת וְדַחֲקוּת אוּן אַלֶע עֶנְגֶענִישׁ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין לֶעבְּן אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית וְכוּ' וְכוּ'.

**אָבֶּער** דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה אוּן נְקוּדָה וָואס מֶען טוּט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיר הָאבְּן אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מִיר גֵייעֶן מִיט צִיצִית, מִיר הָאבְּן גֶעלֵייגְט תְּפִילִין, אוּן אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְזוּכְן בַּיי זִיךְ יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס עֶר הָאט, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לז) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", דָאס דֶער פָּסוּק אִיז אוּנְז מַזְהִיר אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אֲפִילוּ אַבִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, "וְעוֹד מְעַט", אִיז דֶעמָאלְטְס "וְאֵין רָשָׁע", אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ גוּטְס, נִישְׁט נָאר

אַבִּיסְל גוּטְס, נָאר יֶעדֶע אִיד הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; און מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט אִין זִיךְ דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין רָשָׁע, און וְעַל כּוּלָם וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ, סְ'אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ, סְ'אִיז אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אַזוֹי, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פַארְגֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מַאךְ אַ נַייעֶ הַתְחָלָה פוּן יֶעצְט אָן, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, און דֶער אֶמֶת אִיז אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְלִיקְלִיכֶערֶע מֶענְטְשׁ ווי יֶעדֶער אִיד וָואס עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט און עֶר הָאט אַ וַוייבּ און עֶר הָאט קִינְדֶער, און מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

**מֶען** דַארְף נָאר הָאבְּן גֶעדוּלְד; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה) אַז אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְטְס קוֹיפְט עֶר זִיךְ אַיין דִי מִדָּה פוּן אֲרִיכוּת אַפַּיִם, סַבְלָנוּת, עֶר הָאט גֶעדוּלְד, גֶעדוּלְד אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה, נֶעבֶּעךְ פַארְקֶערְט נֶערְוֶועזְקֵייט, יֶעדֶע זַאךְ דֶערְנֶערְווִירְט אִים, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע קְלָלָה; אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה עֶר ווייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר גֶעדוּלְד.

מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ אַ ווייבּ, מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זִיךְ אַלֵיין אוֹיכֶעט, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, מֶען דַארְף נָאר זַיין פְרֵייליךְ אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן דִי ווייבּ, אַזוֹי ווִי דִי חַזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו), אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין דִי קִינְדֶער, אִין שְׁטוּבּ זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן אַ פְרֵייליכְן אַטְמָאסְפֶער, מֶען טָאר נִישְׁט אָנְצִיעֶן דִי שְׁטוּבּ מִיט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אַז דָאס ווייבּ זָאל מוֹרָא הָאבְּן פַאר אִים, דִי קִינְדֶער זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי בְּרִיקְן זֵיי נָאכְדֶעם אוּן זֵיי ווֶערְן עַזּוּת פְּנִימ'עֶר וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ דִי שְׁטוּבּ אִיז אַ גֶעלַאסֶענֶע שְׁטוּבּ, אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, ס'אִיז אַן אַטְמָאסְפֶער פוּן שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ, ס'אִיז אַ גַן עֵדֶן.

**אוּן** וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר לֶעבְּט מִיט דֶיע הַקְדָּמוֹת, אוּן דָאס הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעווֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען מִיר בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווַייל בְּרֶסְלֶבֶער חַסִידוּת אִיז תָּלוּי נָאר אִין וויפִיל מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; בְּרֶסְלֶבֶער חַסִידוּת זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אִיז נִישְׁט תָּלוּי נִישְׁט אִין פַּייווֶל, נִישְׁט אִין זֶרַח, אוּן נִישְׁט אִין מֶענְדְל, אוּן נִישְׁט אִין גֶרְשׁוֹן וְכוּ' וְכוּ', בְּרֶסְלֶבֶער חַסִידוּת אִיז תָּלוּי וויפִיל מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר, ווִי עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז אִין דֶעם סֵפֶר, אַז מֶען ווִיל זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין דֶעם

רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסאַךְ זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דָאס שְׁטֵייט אִין זַיינֶע סְפָרִים אַז מֶען זָאל זַיין נָאר פְּרֵיילִיךְ, אוּן מֶען זָאל לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא בְּזֶה הָעוֹלָם גָארְנִישְׁט, נָאר דַאוֶּועְנֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּועְנֶען, מֶער פוּן דֶעם הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן אוּן נֶעם דִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בְּוַודַאי הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיךְ אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# קכ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט מִיר זַייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט דֶעם וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַלֶעם בֶּעסֶער גֶעוָוארְן אִין שְׁטוּב, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן סְ'זָאל זַיין גָאר גוּט.

**זָאלְסְט** זֶען נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ, דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר אִיז פְּרֵיילִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א), **מִי שֶׁשָּׂמֵחַ תָּמִיד מַצְלִיחַ**, וֶוער ס'אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ דֶער אִיז מַצְלִיחַ, דוּ דַארְפְסְט וִויסְן דָאס דִי סִטְרָא אַחֲרָא דִי קְלִיפּוֹת דָאס אִיז עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁט, ווידֶערְאוּם פַארְקֶערְט שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָּׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" דָארְטְן הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן צִי עֶר אִיז שׁוֹין בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, אָדֶער חָלִילָה וְחַס פַארְקֶערְט, אוֹיבּ עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן עֶר גֵייט שׁוֹין צוּם גוּטְן וֶועג עֶר גֵייט צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אָבֶער אוֹיבּ ס'צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ עַצְבוּת אוּן צוּ בִּיטֶערְקֵייט, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דִי קְלִיפּוֹת זֶענֶען זִיךְ אוֹיף דִיר מִתְגַּבֵּר, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ אִיךְ וֵויים אַז עֶס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ עַצְבוּת אוּן צוּ בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז בִּיטֶער לֵייגְט עֶר נָאכְדֶעם דָאס בִּיטֶערְנִישׁ אַרַיין אִין זַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת מִיט אַלֶע סִטְרָא אַחֲרָא, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס שִׂמְחָה אִיז, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע עֵצָה, בְּשַׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אוּן לֶערְנְט אוּנְז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד) **מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת**

בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; סְ'אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה "זַיי פְרֵיילִיךְ", נָאר סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; אוּן אִין אֶמֶת'ן אַריין, אַז מֶען זָאל אַרַיינְטְרַאכְטְן כִּבְיָכוֹל אִין דִי גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֶען אַז דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז כָּלוּל פוּן אַלֶע מִצְווֹת, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ אוּן עֶר מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וֵויים אַז עֶס וֶועט דִיךְ אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם אִיז שִׂמְחָה, אוּן דָאס קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בַּאווַייזְן, וֵוייל מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן וָואס עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אַזוֹיפִיל עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן יִסוּרִים אוּן אָרִימְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג צוּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ גֵייטְן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בְּזֶה הָעוֹלָם אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה צוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נָאר אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, מֶען דַארְף זַיין

אַזוֹי וִוי אַ תַּם אָן שֵׂכֶל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנד) אַז וִוי אַזוֹי אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? ווייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, פָּשׁוּט און פְּרָאסְט, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אִין דִי יוּגְנְט וָואלְט עֶר גֶעוואוּסְט צוּ וָואסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת מֶען קֶען קוּמֶען מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט דֶעם גוּף מִיט אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים, וָוארוּם עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאכְנִישְׁט אַלְט גֶעוֶוען קַיין צְוָואנְצִיג יָאר, הָאט עֶר גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה, בִּיז פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּ קִידוּשׁ הָאט עֶר גֶעפַאסְט, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַלְט גֶעוֶוען קַיין צְוָואנְצִיג יָאר, הָאט עֶר אַזוֹי גֶעפַאסְט אַכְצְן מָאל מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת אִין אֵיין יָאר, אוֹיסֶערְדֶעם הָאט עֶר גֶעפַאסְט דָא צְוֵויי טֶעג, דָא דְרֵיי טֶעג, וָוארוּם אִין יָאר אִיז נִישְׁטָא גַאנְצֶע וָואכְן נָאר אַכְצְן וָואכְן, דָאס הֵייסְט דָא אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דָא אִיז חֲנוּכָּה, פּוּרִים, דָא אִיז פֶּסַח, דָא אִיז שְׁבוּעוֹת, דָא אִיז סוּכּוֹת, יָמִים טוֹבִים, וְכוּ', וְכוּ', אָבֶּער אַכְצְן וָואכְן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם יָמִים טוֹבִים אִינְמִיטְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפַאסְט אַזוֹיפִיל, און אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעפַאסְט אַ צְוֵוייעֶרְל, אַ דְרֵייעֶרְל, און עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט דֶעם גוּף, פוּנֶעדֶעסְטְוֶועגְן סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ וֵוייס צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען נָאר מִיט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעפַּיינִיגְט

דֶעם גוּף; אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועזְן נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ קַיין תַּעֲנִיתִים, נָאר וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דִי ד׳ תַּעֲנִיתִים וָואס עֶס אִיז מְדְרַבָּנָן וָואס מֶען דַארְף פַאסְטְן, אָבֶּער אוֹיסֶערְדֶעם זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שׁוּם תַּעֲנִיתִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס בִּיטֶער הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס זָאלְסְטוּ אוֹיסְגִיסְן פַאר אִים, וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, וָוארוּם אַז אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁפִּירְט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר דַארְף שׁוֹין צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט אָנְקוּמֶען, עֶר דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט בֶּעטְן ״הֶער מִיר אוֹיס״ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶוה אוּן מְקַיֵים דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס אִיז פוּן אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אִיךְ וֵויים אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיטֶערְנִישׁ אִין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיר נִתְרַחֵב וֶוערְן אוּן פַארְבְּרֵייטֶערְט וֶוערְן דֶער דַעַת, וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז

תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, כְּפִי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אַזוֹי וֶוערְט אִים נִתְרַחֵב דֶער דַעַת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י) אַז אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן אַז עֶר הָאט יִשּׁוּב הַדַעַת קֶען מֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶר אִיז דָא.

**גֶעוְואוֹין** זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דוּ זָאלְסְט זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת הֶעלְפְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַסַאךְ שֶׁפַע אִין פַּרְנָסָה, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ מִשְׁנַיוֹת בַּיי דִיר, אוּן וֶוען דוּ קֶענְסְט נָאר אַרַיינְכַאפְּן אַ פֶּרֶק צְוֵויי זָאלְסְטוּ דָאס אַרַיינְכַאפְּן, וָואס דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זִיךְ מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶ"ה סְ'אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין בְּנוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט אוּן זָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

**אוּן** וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ הָאסְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, הָאסְט אַ

מְזוּזָה אוֹיף דַיין טִיר, דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית דוּ הָאסְט הַיינְט אָנְגֶעטוֹן תְּפִילִין, דוּ עֶסְט כָּשֵׁר׳ס וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶה זַיין, וָואס טוּסְטוּ וֶוען דוּ וֶוערְסְט גֶעבּוֹירְן אַ גוֹי ל״ע, אַ צִיגַאנֶער וְכוּ׳, אַ מֶעקְסִיקַאנֶער וְכוּ׳, אַ טֵיילַאנְדֶער וְכוּ׳? ס׳וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶענִיצְט, וָואלְסְט זִיךְ גֶעמוּזְט מְגַייר זַיין; אַזוֹי בִּיסְטוּ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג פְרֵייעֶן; דָאס אִיז דֶער בְּרָכָה וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ״שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי״, אוּן דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער בְּרָכָה, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג.

בַּיי יֶעדֶע זַאךְ קֶען דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר מִיט אֵיין זַאךְ קֶען עֶר אִים נִישְׁט בַּייקוּמֶען, מִיט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי; וִוי נִישְׁט אָבֶער קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ אִיךְ זָאל זַיין וָואס אִיךְ זָאל זַיין, אָבֶער בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט. עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג בַּיים עָמוּד, אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן דִי בְּרָכוֹת, אֵיין בְּרָכָה הָאט עֶר פַארְפֶעלְט, דִי בְּרָכָה ״שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי״. אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט ״רֶבִּי אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט הַיינְט אַ בְּרָכָה ״שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי״ הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע גֶעזָאגְט ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין בְּרָכָה, נָאר הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר

צוּבְּרָאכְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל מִיר צוּבְּרֶעכְן אוּן אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ יֵאוּשׁ אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אִין אַן עַצְבוּת וְכוּ' וְכוּ', הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אוּן מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה".

**אוּן** אַזוֹי וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַאסוֹב זי"ע, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אִינְדֶערְפְרִי דִי בְּרָכָה פוּן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" פְלֶעגְט עֶר טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס אָפְּגֶענוּמֶען", וָוארוּם עֶר הָאט גֶעוואוּסְט וָואס גוֹיִם זֶענֶען, עֶר הָאט דָאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט וָואס פַאר אַן אַכְזָרִיוּת דִי גוֹיִם בַּאנֶעמֶען זִיךְ צוּ אִידְן, אַז מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט פַארְן גַאסְט הוֹיז וְכוּ', פַארְן קְרֶעטְשְׁמֶע וְכוּ', פְלֶעגְט מֶען אוֹיסְפַּיינִיגְן אוּן אַרַיינְוַוארְפְן אִין גְרוּבּ דָאס וַוייבּ אוּן קִינְדֶער מִיט אִים צוּזַאמֶען, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אוּן זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי תְּפִיסוֹת, הָאט עֶר גוּט גֶעווּאסְט וָואס הֵייסְט אַ גוֹי, אִיבֶּערְדֶעם פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען מִיט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָבוּק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זֵיי הָאבְּן

נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת גֶעוֶוען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֵיין רֶגַע, הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ מְחַיֶה זַיין נָאר מִיט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי, הֶערְשְׁט אוּנְז צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, וָואס קוֹים קוֹים מִיר קֶענֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן דַארְף מֶען זִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פְרֵייעֶן מִיט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי. אִיבֶּערְדֶעם נֶעם דִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, לָאז אָפּ דַיין עַצְבוּת מִיט דַיין עַצְלוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן זָאלְסְט פוּן הַיינְט אָן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין עֶנְגֶענִישׁ פוּן דַיין דַחֲקוּת, זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן וְעַל כּוּלָם זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קכא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ו טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הַיָקָר וְהַנַעֲלֶה ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט ווִיסְן אַז אוֹיף דִיר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, דוּ קֶענְסְט עֶס בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גַאנְצֶע

וֶועלְט אָבֶּער נִישְׁט פוּן מִיר, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָאס אִיז, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו. אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז זוֹכֶה עֶר אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאט עֶר אֲרִיכוּת יָמִים, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סָעִיף ג) מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר, לָאז עֶס נִישְׁט אוֹיף פְרֵייטָאג, ווייל דוּ ווֵייסְט אַז עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין פְרֵייטָאג, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, אוּן ס'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס דִי וֶועלְט נַארְט זִיךְ בַּיי דֶעם אַזוֹי ווי בַּיי לִימוּד הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אַלֶע זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט שְׁטוּתִים וְהַבָלִים מִיט פָּאלִיטִיק, אָבֶּער אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם דָאס אִיז זַיינְ'ס, אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת דָאס אִיז זַיינְ'ס, אוֹיב אַ אִיד לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא דָאס אִיז זַיינְ'ס.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אֲפִילוּ סְ'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךָ, אָבֶּער גַנְבֶ'ע יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז דִי עֲשִׁירוּת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, לְהֵיפֶךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט אֵיין טָאג דִי דְרַיי לִימוּדִים מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן, אַזוֹי ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) אוֹיפְן פָּסוּק "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַלְמוּד; זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, דַאוְון שַׁחֲרִית פְּרִי, דַאוְון מִנְחָה פְּרִי, דַאוְון מַעֲרִיב פְּרִי, ווַיפִיל סְ'קוּמְט דֶער זְמַן זָאלְסְטוּ שׁוֹין שְׁטֶעלְן זִיךְ דַאוֶוענֶען.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן אַ סְגוּלָה אוֹיף אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אִיז אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְּרִי, מֶען דַארְף זֶען צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אִין צַייט, בִּיז צֶען אַזֵייגֶער אִיז לְכַתְּחִילָה, בִּיז צְווֶעלֶעף אִיז בְּדִיעֶבַד, נָאךְ צְווֶעלֶעף אִיז שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן תְּפִילָה, דָאס אִיז אַ דִין אוּן אַ הֲלָכָה לוֹיט אַלֶע מְקִילִים, אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט נָאךְ צְווֶעלְף, כָאטְשׁ אִיךְ בִּין אַזוֹי טְרוּד אוּן מֶען יָאגְט מִיר אוּן מֶען פַּיינִיגְט מִיךְ אוּן מֶען פַארְדְרֵייט מִיךְ דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין מִיר, אִיבֶּערְדֶעם פַארְשְׁפֶּעטִיג אִיךְ אַסַאךְ מָאל דֶעם דַאוֶוענֶען, אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאל אִיךְ הַאלְטְן פַאר צְווֶעלְף אַזֵייגֶער, מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעטוּן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעצְט

איז די ווינטער נעבכט, מען געט זיך אַ דריי איז שוין פיר אַזייגער באַלד די שקיעה, ווי קען מען דערמאַלטס אָנטון טלית און תפילין? בעט איך דיר האָב רחמנות אויף זיך, שטיי אויף פריער, אַז דו וועסט זיך לייגן פריער וועסטו אויפשטיין פריער, אָבער דער עיקר זאָלסטו זיך זען צו דערהאַלטן, דער בורא כל עולמים זאָל דיר העלפן זאָלסט קענען אַ שידוך טון מיט דיין זון, דו האָסט אַ גוטע זון, און ער דאַרף חתונה האָבן, איך האָב אים צוגעגרייט אַ גוטע פרנסה, ער האָט אַ גוטע פאַך אין דער האַנט, און דער בורא כל עולמים זאָל אַוודאי העלפן אַז ער זאָל האָבן גרויס הצלחה.

**זאָלסט האָבן אַ לעכטיגן טאָג און פרייליכן תמיד**

## קכב

**בעזרת השם יתברך יום חמישי לסדר שמות ט"ז טבת ה'תשע"א**

**שלום וברכה אל האברך ... נרו יאיר**

**איך** האָב דערהאַלטן דיין בריוו, און איך בין זייער צעטרייסלט געוואָרן פון הערן אַזעלכע שרעקליכע זאַכן וואָס דו גייסט דורך וכו', איין זאַך דאַרפסטו געדענקן, אַז דער הייליגער רבי האָט אונז געלערנט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן קיב) אם אתה מאמין שיכולין לקלקל, תאמין שיכולין לתקן; מיט דעם וואָס אַ מענטש שפירט זיין ווייטאָג אַז ער זינדיגט

אַזוֹי בִּיטֶער פַאֲרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה, וָוארוּם עֶס טוּט אִים וֵוי פַארְוָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא מִין גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, אוּן עֶר טוּט אַזֶעלְכֶע שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם מֶעג עֶר זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תַּקָנָה אוּן אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, וַוייל אוֹיבּ עֶס טוּט אִים וֵוי וָואס עֶר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג גֶעפַאלְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נָאךְ אִין זִיךְ חַיוּת פוּן זַיין נְשָׁמָה, וָואס זִי אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַעַל, וָוארוּם דִי נְשָׁמָה קוּמְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס אִיז עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

**אִיךְ** וֶועל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין יֶעצְט אִין אַלֶע פְּרָטֵי פְּרָטִים וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ' וְכוּ', וֶוענְן כַּמָה טְעָמִים, וּבִפְרַט אַזֶעלְכֶע מִיאוּסֶ'ע מַעֲשִׂים רַחֲמָנָא לִיצְלָן וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפְּגֶעטוּן וְכוּ', אִיךְ וֶועל נָאר דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח) עֶס אִיז קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבָּעוֹלָם קֶען עֶר נָאךְ אַלֶץ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מֵיינְט נִישְׁט אַזוֹי וַוייט מַכְשִׁיל צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת וְכוּ', ווי עֶר מֵיינְט צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג, צוּבְּרָאכְן, מְיוֹאָשׁ פוּן זַיין לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אִים אַרַיין אִין זַיין נֶעץ.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בִּיאוּר הַלִּיקוּטִים") הָאט גֶעזָאגְט דָאס וִויסְן דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט פַּיינְט אַ מֶענְטְש אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְש פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם זַיי אַ חָכָם אוּן נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין, אוֹיבּ מֶען וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁמוּץ קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁמוּץ, וָוארוּם אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן אִיז אֵין לְךָ דָּבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הָרָצוֹן, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זִי"ע הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַ אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן "אִיךְ קֶען נִישְׁט", נָאר עֶר זָאל זָאגְן "אִיךְ וִויל נִישְׁט", וָוארוּם אוֹיבּ דֶער מֶענְטְש וִויל, קֶען עֶר צוּ אַלֶעם דֶערְגְרֵייכְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, אַלֶעס קֶען מֶען פַארֶעכְטְן, וּבִפְרַט דוּ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזוֹיפִיל נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל צַאמְגֶעלֶערְנְט וְכוּ' וְכוּ', בְּוַודַאי הָאסְטוּ אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס צוּ פַארֶעכְטְן, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נָאר נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַריין. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זַייעֶר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט אִין זִיךְ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים לז) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט אוּן טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ עוֹד מְעַט טוֹב, גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין

רָשָׁע, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זִינְדִיגְט מֵיינְט דָאס עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער רָשָׁע, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אָבֶער אוֹיב עֶר טְרֶעפְט אִין זִיךְ דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין אִידִישְׁקֵייט, דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אוֹיף זַיין נִידְרִיגְן מַצָּב וֶועט עֶר זֶען דָאס עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט אִים אוֹיסְגֶעמָאלְן (עַיֵּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), וּבִפְרַט דוּ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה זַיין, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט רַבִּי נָתָנְע'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקעג) וֶועגְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר גֶעזִינְדִיגְט, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, דוּ וֵוייסְט דֶען דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה? בְּרִית אִיז בִּיסוֹד, אוּן תּוֹרָה אִיז אִין תִּפְאֶרֶת, אַז אַ אִיד לֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה וֶועט עֶר מְבַטֵל זַיין דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, וּבִפְרַט אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִינְף מָאל, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין, אוּן דוּ הָאסְט אִין זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ גוּטְס, עֶס הָאט זִיךְ נָאר צוּגֶעקְלֶעבְּט אִין דִיר אַ שִׁגָעוֹן, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט זִיךְ גֵייטְן צוּ

זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶער עִיקָר אִיז דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף שִׂמְחָה וָואס דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א טז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קסט) וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. זֶע צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גְמָרָא כְּסִדְרָן דַיְיקָא, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריד) דָאס דִי קְלִיפָּה וָואס עֶס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ טְרוֹיעֶרִיג אוּן אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי מִסְפָּר תַּלְמוּ"ד, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט גְמָרָא צוּשְׁנַיידְט מֶען דֶעם קְלִיפָּה, דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטֵייטְשְׁט (שַׁבָּת קו:) גְמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא; אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ גְמָרָא אִיז צוּשְׁנַיידְט עֶר דִי קְלִיפּוֹת וָואס עֶס ווִילְן זִיךְ אִין אִים אָנְכַאפְּן, זְמוֹרְתָּא אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "וּלְזַמֵר עָרִיצִים וּלְהַכְרִית כָּל הַחוֹחִים וְהַקוֹצִים". דֶער עִיקָר תִּיקוּן הַבְּרִית אִיז נָאר שִׂמְחָה.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין וֶועגְן כַּמָה טַעֲמִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ דִיר צוּ שְׁרַייבְּן, בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת אִין דִי בְּרִיוו וָואס עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט אִין שׁוּ"ת "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", דִי אַלֶע בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר, דָארְטְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וִויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין

פון בְּלָאטֶע, אויךְ זָאלְסְטוּ בִּקְבִיעוּת לֶערְנֶען דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל", און יֶעצְט דִי טֶעג פון שׁוֹבָבִי"ם זָאלְסְטוּ אַוַודַאי דוּרְכְגֵיין דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר "אוֹצָר הַשּׁוֹבָבִי"ם" וָואס דָארְטְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע הִתְחַזְקוּת פַּאר דַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ', פָּאלְג מִיר וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**שְׁרַייבּ** מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט דֶערְהַאלְטְן דֶעם בְּרִיווּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קכג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ז טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְן בְּרִיווּ.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן דוּ הָאסְט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסְן פֶּעלֶער וָואס דוּ הָאסְט סֶעקִירְט דַיין וַוייבּ בִּיז זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זִינְד וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט און הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ, און צוּם סוֹף אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם, סֶעקִירְסְטוּ אִיר?! חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.), לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה; מֶען טָאר נִישְׁט סֶעקִירְן

אַ ווייבּ, אֲפִילוּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר, אוּן זִי טוּט הֵיפֶךְ פוּן דַיין רָצוֹן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען דַן זַיין לְכַף זְכוּת דָאס וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן טְרֶעפְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען אִים מַחֲזִיר זַיין לְמוּטָב, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ וַוייבּ וָואס דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל דַארְף מֶען אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַכְטוּנְג גֶעבְן שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וָוארוּם אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל דִיךְ שְׁפֶּעטְן, אוּן דִיךְ מְצַעֵר זַיין, אוּן דִיךְ מַאכְן וֵויינֶען, אַזוֹי טָאר מֶען נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אוּן שְׁפֶּעטְן אוּן מַאכְן וֵויינֶען דָאס וַוייבּ, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ו) אִשָּׁה כְּבַעֲלָהּ וּבַעַל כְּאִשְׁתּוֹ; אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים מְצַעֵר זַיין, אַזוֹי דַארְף עֶר ווִיסְן טָאר עֶר נִישְׁט מְצַעֵר זַיין, זַיין וַוייבּ. עֶס אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דוּ טוּסְט דָאס. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם אוֹיף דִיךְ אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דַיין וַוייבּ, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זִינְד, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אוֹיף דֶעם מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אִינֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין וַוייבּ, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה וָואס עֶס אִיז דָא אִין שְׁטוּבּ אִיז נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַוייבּ. אִיבֶּערְדֶעם הֶער אוֹיף

מְצַעֵר צוּ זַיין דַיין ווייבּ, הֶער אוֹיף סֶעקִירְן דַיין וַוייבּ, הֶער אִיר אוֹיף צוּ שְׁטֶעכְן וְכוּ' וְכוּ'. הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן? הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין וַוייבּ! זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, אִיר קוּמְט אוֹיכֶעט אָן שְׁוֶוער אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער, נִישְׁט נָאר דִיר, אוּן פוּן אֵיין פּוּנְקְט קוּמְט אִיר אָן שְׁוֶוערֶער וִוי דִיר, וָוארוּם דוּ גֵייסְט זִיךְ אַוֶועק אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אִין כּוֹלֵל, בַּיי דִי אַרְבֶּעט, בִּיסְט רוֹב טָאג נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן זִי אִיז רוֹב טָאג אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ, בֶּעט אִיר אִיבֶּער, פוּן הַיינְט אָן זָאל מֶען נִישְׁט הֶערְן קַיין שׁוּם קְרִיגֶעַריי בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עַקְשָׁן אוֹיסְצוּפִירְן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגוּפוֹ, וְהַמַדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַשִׂיאָן סָמוּךְ לְפִירְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַז אַ אִיד אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט אִיר לִיבּ מֶער וִוי עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ, אוּן עֶר פִירְט דִי קִינְדֶער גְלַייךְ אִין דֶעם אִידִישְׁן וֶועג, אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, אִיז אוֹיף אִים גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ" אִין דֶעם שְׁטוּבּ הֶערְשְׁט אַ שָׁלוֹם, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט סֶעקִירְן אַ וַוייבּ, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיף דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעטוּן וָואס זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעטוּן, אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף הָאבְּן

זֵיי דִיךְ גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר טָאכְטֶער, דַיין וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֲפִילוּ דָאס וַוייבּ סֶעקִירְט דִיךְ סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תְּמוּרָה טז.) אִשָּׁה כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ מִיַּד צוֹעֶקֶת; אַ פְרוֹי אַז זִי הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן שְׁרַייט זִי אוּן זִי לָאזְט אוֹיס דֶעם כַּעַס אוֹיפְן מַאן, אוּן דֶער מַאן דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, צוּזָאגְן אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶוען עֶר הָאט דַארְף עֶר בְּרֶענְגֶען, אָבֶּער נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען טָאר נִישְׁט סֶעקִירְן אַ וַוייבּ, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אִין זִיךְ אַרַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג - רס"ד) דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק צוּ צוּבְּרֶעכְן זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע זִינְד, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֵוייל זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'; אִיבֶּערְדֶעם הָאסְטוּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין דַיין וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין לד:) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ פְרוֹי דַארְף דֶער מַאן אִיר מְשַׂמֵּחַ זַיין, אַ פְרוֹי הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף וֶועמֶען אַרוֹיפְצוּקוּקְן, נָאר אוֹיפְן מַאן, אוּן דֶער סוֹף אִיז דֶער מַאן אַ ווִילְדֶער יוּנְג וְכוּ' וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעט פוּן דֶער וַוייבּ, אוּן סֶעקִירְט דֶעם וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ', וָואס דַארְף דָאס זַיין? אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דַיינֶע נַארִישֶׁע הַנְהָגוֹת, מֶען טָאר בִּכְלַל נִישְׁט

מְצַער זַיין קַיין שׁוּם אִיד, מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט קַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן מֶען זָאל אַוודַאי אוּן אַוודַאי הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת בַּיי עֶנְק, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַוודַאי רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן זָאל דִיךְ מוֹחֵל זַיין, דוּ טוּ תְּשׁוּבָה, וָוארוּם אַז מֶען שְׁפֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער זִינְד אוּן מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז מֶען שְׁפֶּעט אוּן מֶען אִיז מְצַער אַ וַוייבּ פַאר גָארְנִישְׁט דַארְף מֶען אַוודַאי אוּן אַוודַאי תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט אַריינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער בַּיי דִיר אִין הַארְץ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם

## קכד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ז טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף פִּדְיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַמְתִּיק זַיין בַּיי דִיר דִי דִינִים דוּרְכְן פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

גֶעוווֹין זִיךְ צוּ צוּ מִדַּת הַסַּבְלָנוּת צוּ זַיין אַ סַבְלָן, אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען אַסַאךְ לַיידְן, ווִי צַדִּיקִים

הָאבְּן גֶעזָאגְט 'אַז מֶען ווִיל נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל וֶועט מֶען לַיידְן אַסאךְ' עֶס גֵייט אוֹיף יֶעדְן אִיבֶּער אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים עֶפֶּעס אַ צָרָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ע"ז) דָאס וֶוער עֶס הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע דַעַת אַ גְרֶעסֶערֶע שֵׂכֶל, עֶר מַאכְט מִיט גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת אוּן גְרֶעסֶערֶע יִסוּרִים, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת א) "יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב" וָואס מֶער מֶען הָאט שֵׂכֶל לַיידְט מֶען מֶער, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער סְ'הָאט מֶער שֵׂכֶל הָאט מֶער סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, מִיט גֶעדוּלְד קֶען מֶען אָנְקוּמֶען אִיבֶּעראַל.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע פוּן הַיינְט אָן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז, וּבִפְרַט אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, נָאר הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדוּלְד צוּ זַיין וַוייבּ צוּ דִי קִינְדֶער צוּ יֶעדְן אִיד, דֶערְפַאר וֶוערְט אַ צַדִיק אָנְגֶערוּפְן אַ גוּטֶער אִיד.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט אַז מֶען אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען בַּאקְלָאגְן צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זִי"ע אוֹיפְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ'עלֶע קֶערֶעסְטִירֶער זַ"ל וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעווּאוֹינְט אִין לִיסְקֶע, הַיִתָּכֵן עֶר אִיז גֶעוָוארְן רֶבִּי? וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זִי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַ אִיד זֶענְט אִיר מוֹדֶה אִיז עֶר, אַ גוּטֶער זֶענְט אִיר אוֹיבֶעט מוֹדֶה אִיז עֶר, נוּ אִיז עֶר אַ גוּטֶער אִיד, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר אִים מַסְמִיךְ גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי,

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס דֶער עִיקֶר מַעֲלָה פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען עֶר אִיז אַ גוּטֶער אִיד, עֶר אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר הָאט גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זַיין וַוייבּ, צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, וָואס זֵיי קוּמֶען פַאר אַלֶעמֶען, דָאס אִיז דָאךְ דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער, בְּלוּט אוּן פְלֵייש פוּן דִיר! אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ מִיט מִדַת הַסַבְלָנוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה) דָאס אַז אַ אִיד הָאט שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה הָאט עֶר אֲרִיכוּת אַפַּיִם, דָאס הֵייסְט סַבְלָנוּת, עֶר הָאט גֶעדוּלְד, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּן אַלֵיין, דֶער מֶענְטְשׁ קוֹיפְט זִיךְ אַיין מִדַת הַסַבְלָנוּת, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ וֶוערְסְט אִין כַּעַס אָדֶער דֶערְנֶעוִוירְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַ סִימָן אַז דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי דִיר שְׁוַואךְ, דוּ דַארְפְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר שְׁטַארְק זִיךְ, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָדֶער אַ קְלֵיינֶע זַאךְ וְכוּ', אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען דַיין פַּרְנָסָה, קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גוֹזֵר גֶעוֶוען קוֹדֶם אוֹיבְן, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן

(יוֹמָא לח.) בִּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא.

**אִיבֶּערְדֶעם** וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה וְויאַזוֹי אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלְסְדִינְג, זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, וְוִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה) הִתְבּוֹדְדוּת הִיא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל, זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וְואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דֶערְצֵיילְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ, וָואס עֶס דְרִיקְט אִים, אוּן וָואס עֶס טוּט אִים וֵויי, אַלֶעס זָאל עֶר אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי כְּלִי מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לד) פַארְוָואס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ מִתְפַּלֵּל זַיין, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף? נָאר תְּפִלָּה אִיז אַ כְּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ, אוּן זָאלְסְט לָאזְן טְרֶערְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דַיינֶע תְּפִילּוֹת וֶועט נִתְקַבֵּל וֶוערְן, וָואס מֶער דוּ וֶועסְט וֵויינֶען צוּ אִים אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דַיינֶע צָרוֹת וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט. אוּן זָאלְסְט זִיךְ וַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל

אויף דיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן, עֶר זָאל דיר אַרוּיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֶנְגֶעניש פוּן דִי חוֹבוֹת אוּן פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אוּן זָאלְסְט גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אויף דֶעם וֶועסְטוּ זֶען אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעבִּיטְן וֶוערְן, וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אויף דִיר אַזַא גְזֵירָה רָעָה, אַ בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה וְכוּ' וְכוּ', הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֱמֶת מֵרוֹב חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן צוּבְּרָאכְנְקֵייט בִּיסְטוּ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע אַ יִאוּשׁ אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט זַיין וְכוּ' וְכוּ'; זָאג דָאס נִישְׁט, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, מִיט דִיר, בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, דוּ דַארְפְסְט נָאר בֶּעטְן, אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן דוּ וֶועסְט אַרוּיסְגֵיין פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת, זַיי אַן עַקְשָׁן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֶען זֵייעֶר מְחַזֵק צוּ זַיין מִיט שִׂמְחָה, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט אִים נִתְרַחֵב דָאס הַארְץ, אוּן עֶר הָאט נָאכְדֶעם אַ בְּרֵייט הַארְץ צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן אויף דִי וֶועלְט וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אויף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קכה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר שְׁמוֹת ט"ז טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כו) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה פַארְגֶעסְן אַ חִסָרוֹן, אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט, "אוֹי אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן!" וְכוּ, בַּיי מִיר - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נַיי, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וְכוּ', וְכוּ', זָאל עֶר זֶען אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶוה אוּן מְקַיֵים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע, פוּן נַיי, אִיבֶּערְדֶעם הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַ הָאפֶענוּנְג צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר שְׁטַארְק, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, זַיי מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ', דוּ וֶועסְט נִישְׁט זִינְדִיגְן וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶען הָאסְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הָאפֶענוּנְג אַ תִּקְוָה טוֹבָה צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג, נָאר בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק

א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א) **אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז חֲרָטָה עַל הֶעָבַר, חֲרָטָה הָאבְּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן מְקַבֵּל זַיין אוֹיף לְהַבָּא אַז מֶען וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן, אוּן דֶער עִיקָר אִיז ווידוי דְּבָרִים, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח, וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אִיז מֶער מְשׁוּבָּח, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד) **אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייעֶן אַרֵיין דִי חֲטָאִים אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, דָארְטְן וֶוערְן זֵיי אַרֵיינְגֶעקְרִיצְט, אוּן זֵיי פַּיינִיגְן אִים, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה, דֶעמָאלְטְס גֵייעֶן אַרוֹיס דִי חֲטָאִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקְרִיצְט גֶעוָוארְן אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ כְּלִי מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, עֶצֶם עַצְמִיוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.**

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרֵיין, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, מַאךְ פוּן יֶעצְט אָן אַ הַתְחָלָה, יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאג, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן יֶעצְט אָן ווִיל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ בִּין מְקַבֵּל אוֹיף מִיר מֶער נִישְׁט צוּ טוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, זַיי מִיר מוֹחֵל. וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאגְן מִיטְן דַעַת, אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין צוּשְׁטִיקְלְט וְכוּ'

וְכוּ׳, אַזוֹי זָאלְסְטוּ מַאֲרִיךְ זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן, נָאר נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אוּן וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשַּׁנֶה, עֶס אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעוואוֹינְהַייט, אוּן סְ׳נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ״ה, אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אָבֶער אַז עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָ״ה וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע, פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן דֶער שְׁמוּץ וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַ טוֹבָה טוּן פַאר דַיין נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ״ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ״ה.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מְחַזֵק צוּ זַיין זִיךְ מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן בַּיי דִיר, דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וָאֵרָא י"ט טֵבֵת ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, דֶער עִיקֶר אִיז זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועמֶען דוּ הַבֶר'סְט זִיךְ, וָוארוּם דֶער תַּנָּא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ב) אַז דָאס בֶּעסְטֶע וֶועג אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז הָאבְּן אַ גוּטְן חַבֵר, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן אוֹיבֶעט (בְּרָכוֹת סג:) לְפִי שֶׁאֵין הַתּוֹרָה נִקְנֵית אֶלָּא בַּחֲבוּרָה, אַז מֶען לֶערְנְט צוּזַאמֶען מִיט אַ גוּטְן חַבֵר וֶוערְט נִתְבַּרֵר בֶּעסֶער דָאס לֶערְנֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לד) אַז נְקוּדַת הֶחָבֵר אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט, וָוארוּם וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען נָאכְדֶעם אִיבֶּערְחַזֶר'ן מִיט אַ חַבֵר אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען, אוּן רַבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.), הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי וּמֵחֲבֵירַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי; וַוייל אַמָאל פַארְשְׁטֵייט דֶער חַבֵר בֶּעסֶער ווִי אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען וְכוּ', אָדֶער יֶעדֶער אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, מִמֵּילָא אִיז כְּדַאי אִיבֶּערְחַזֶר'ן מִיטְן חַבֵר הֶערְן וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הָאבְּן אַ חַבֵר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט הרה"ח ר' יִצְחָק מֶענְדְל רָאטְנְבֶּערְג זַ"ל אַ תַּלְמִיד פוּן רַבִּי אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זַ"ל וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִין אוּמַאן, מְפָרֵשׁ זַיין דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל (סוּכָּה נב.) כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ; דֶער פְּשַׁט גֵייט אַזוֹי "כָּל הַגָּדוֹל" אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז אֵיינֶער אִיז אַ גָּדוֹל, זָאלְסְטוּ וִויסְן "מֵחֲבֵירוֹ" דָאס קוּמְט וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גוּטְן חָבֵר וָואס הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט אוּן מִיט אִים זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין אִידִישְׁקֵייט. "יִצְרוֹ גָּדוֹל" אוֹיבּ עֶר זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי אִים, זָאל עֶר עֶס נִישְׁט וַוארְפְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, נָאר עֶר זָאל זָאגְן "הֵימֶנּוּ" דָאס קוּמְט פוּן אִים אַלֵיין, וָוארוּם מֶען מוּז הָאבְּן אַ גוּטְן חָבֵר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער חָבֵר דַארְף זַיין גָאר אַן עֶרְלִיכְן חָבֵר, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן דָאס עֶר גֵייט מִיט אַ אִידִישְׁן לְבוּשׁ.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט דָאס הרה"ק רַבִּי דָוִד מִסְקְוִוירָא זִי"ע הָאט זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן דוּרְךְ דִי שְׁטָאט סְקְוִוירָא, אוּן זֶענֶען אַסַאךְ מָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן וְכוּ', עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף זַיין זוּן רַבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף זִי"ע מִיט וֶועמֶען עֶר חַבֶר'ט זִיךְ, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאט עֶר גֶעהַאט אַ חָבֵר וָואס עֶר הָאט מִיט אִים דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גַאנְץ יוֹרֶה דֵעָה, דֶער חָבֵר אִיז גֶעוֶוען אַ חָרִיף עָצוּם, אוּן עֶר הָאט מִיט אִים אַסַאךְ מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען אִין

לֶערְנֶען, זַיין דֶרֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן נאכְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אִיז עֶר אַרַיין צוּ זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן זָאגְן אַ גוּטֶע נַאכְט, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן יֶעדֶע נַאכְט, וָוארוּם זַיין כִּיבּוּד אָב אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְנַאם וואוּנְדֶער, וִוי עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן.

**אֵיינְמָאל** וֶוען עֶר אִיז אַרַיין בַּיינַאכְט זָאגְן אַ גוּטֶע נַאכְט פַאר זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן, אִיז דֶער בָּחוּר מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט אִים, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס הָאט דֶער פָּאטֶער צוּרִיקְגֶערוּפְן זַיין זוּן, אוּן מִיט גְרוֹיס פַּחַד אוּן שְׁרֶעק מִיט צִיטֶער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּן, "מִיט אִים רֶעדְסְטוּ נָאךְ?!", אוּן דֶער זוּן הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער טַאטֶע פְרֶעגְט אִים דָאס, עֶר אִיז דָאךְ זַיין חָבֵר וָואס עֶר לֶערְנְט מִיט אִים, אָבֶער דֶער פָּאטֶער הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט מִיט אַן אוֹיסְנַאמְדִיגֶע צִיטֶער אוּן טְרֵייסְל "מִיט אִים רֶעדְסְטוּ נָאךְ? דוּ זֶעסְט נִישְׁט דָאס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבִּיטְן זַיין הוּט?!" (עֶר פְּלֶעגְט גֵיין אַמָאל אַ סַאמֶעטֶע הוּט, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַ שְׁטָאפֶענֶע הוּט), הָאט דֶער פָּאטֶער וַוייטֶער גֶעזָאגְט פַארְן זוּן, וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶס לִיגְט אִינְטֶער דֶעם הוּט? צוּ וָואסֶערֶע שְׁאוֹל תַּחְתִּית וֶועט דָאס אִים פִירְן? אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער זוּן הָאט זִיךְ מִיט אִים מֶער נִישְׁט בַּאגֶעגְנְט אַזוֹי וִוי זַיין הֵיילִיגְן פָאטֶער הָאט גֶעוָואלְט. עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען לַאנְגֶע יָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן.

וַיְהִי הַיּוֹם הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן, אָבֶער יֶענֶער חָבֵר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע פִירֶער, פוּל

מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן מֶער זִיךְ נִישְׁט צוּ טְרֶעפְן מִיט דֶעם בָּחוּר, (כָאטְשׁ דֶער קָאמוּנִיסְט הָאט זִיךְ פַאר אִים אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יוֹרֶה דֵעָה און וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס אִיז גֶעוֶוען וְכוּ'). זֶעט מֶען אַ חַבֵר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע קָאפּ און אַ חַרִיף עָצוּם, עֶר הָאט זִיךְ נָאר גֶעבִּיטְן דֶעם הִיט הָאט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס טוֹיג נִישְׁט, און עֶר הָאט פַארְבָּאטְן זַיין זוּן צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועמֶען דוּ חַבֵר'סְט זִיךְ, וָוארוּם אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר קֶען דִיר אַרָאפּ פִירְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן, וָואס אִיז דָא לֵיידֶער שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חֲבֵרִים, וְכוּ', וָואס זֵיי קוּקְן שְׁמוּץ און רֶעדְן שְׁמוּץ וְכוּ', פוּן דֶיע דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א) מִי שֶׁמְדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשֶׁבֶת אָוֶן; אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַרוֹיס וָואס עֶר טְרַאכְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע חַבֵר וָואס עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מג) דָאס דִי דִיבּוּרִים פוּן אַ רָשָׁע און אַ גֶעמֵיינֶער יוּנְג וְכוּ', זֶענֶען גוֹרֵם צוּ שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי בִּלְעָם (בַּמִּדְבָּר לא) "הֵן הֵנָּה הָיוּ בִּדְבַר בִּלְעָם" בִּלְעָם הָאט נָאר גֶעדַארְפְט רֶעדְן הָאט עֶר גוֹרֵם גֶעוֶוען שְׁלֶעכְטְס פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט זַיינֶע דִיבּוּרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין גְרִינְג בַּיי דִיר דִי זַאךְ, וָוארוּם אַ שְׁלֶעכְטֶער חָבֵר אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלְצְדִינְג, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דוּ וֶועסְט אִים אִיבֶּערְמַאכְן וְכוּ', עֶר וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְמַאכְן צוּם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וּבִפְרַט פוּן לֵצִים וָואס מַאכְן לֵצָנוּת פוּן לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן פוּן דִי חֲבֵרִים זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן אַזוֹי ווִי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר וְכוּ', ווַייל זֵיי וֶועלְן דִיךְ אָפְּקִילְן, נִישְׁט גֶענוּג דָאס זֵיי זֶענֶען זַייעֶר פַארְדָארְבְּן וְכוּ', לֵיידֶער לֵייגְן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּפִילִין וְכוּ', אוּן דַאוֶונֶען שׁוֹין נִישְׁט וְכוּ', זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דַיין לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת?! פוּן אַזֶעלֶכֶע חֲבֵרִים זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן נִישְׁט שְׁטֵיין אִין זַייעֶר ד' אַמּוֹת, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**גֶעדֶענְק** אַז וֶוער עֶס רֶעדְט דִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אוּן אִיז דִיךְ מְחַזֵק צוּ לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא וְכוּ', וְכוּ', מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַבֵּר זַיין, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אָן תּוֹרָה אִיז אַלֶעס שֶׁקֶר, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען דוּ זֶעסְט אַ חָבֵר וָואס הָאט מִיט דִיר אַמָאל גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם אוּן יֶעצְט לֹא עָלֵינוּ הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן וָוארוּם עֶר אִיז זַייעֶר פַארְדָארְבְּן וְכוּ', אוּן סְ'אִיז מְסוּכָּן מִיט אִים זִיךְ צוּ חַבֶר'ן.

אִיךְ הָאף אַז דו וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קכז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וָאֵרָא כ' טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיווּ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ שְׁרַייבְּן דַארְף אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַ גַאנְצְן סֵפֶר כְּפִי דִי צָרוֹת אוּן דִי יְרִידוֹת אוּן דִי נְפִילוֹת וָואס דוּ גֵייסְט דוּרְךְ, אָבֶּער מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט אִיז דָאס אוּמְמֶעגְלִיךְ, אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל" וָואס דָאס רֶעדְט פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, אוּן זָאלְסְט מְקַיֵּים זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטְן תִּיקוּן.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז, דַארְפְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט זַיין צוּבְרָאכְן אוּן גֶעפַאלְן בַּיי דִיר, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶּה זַיין, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תג) אַז וֶוער

ס'הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ מִיט דֶעם פְרֵייעֶן אַ גַאנְצְן יָאר, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען אַרוֹיסְצוּוֶעמֶען פוּן דִיר דִי עַצְבוּת אוּן דִי מְרִירוּת, דִי בִּיטֶערְנִישׁ, זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן מִיט דֶעם מֶעגְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ יִשׁוּב הַדַעַת, דֶער גַאנְצֶער חִסָרוֹן פוּן יִשׁוּב הַדַעַת קוּמְט מֵחֲמַת חִסָרוֹן הַשִּׂמְחָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י) פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת. אוּן פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת? וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן. יֶעדֶער אִיד הָאט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת נָאר עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְחַיֶה מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט, אִיבֶּערְדֶעם לַיידְט עֶר וָואס עֶר לַיידְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט אַלֶע מִצְווֹת וָואס דוּ הָאסְט, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין עֲבוֹדָה פוּן עֲנָוָה וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַדְלוּת אוּן גַאֲוָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ קַיין גְרֶעסֶערֶע גַאֲוָה פוּן דֶעם, וַוייל עֶר הַאלְט

אַז אַזוֹי גְרוֹיס ווִי עֶר אִיז וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט טוּן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוער וֵוייסְט וָואס וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס טוּט עֶר נִישְׁט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַאֲוָוה, אִידִישְׁקֵייט אִיז פָּשׁוּט, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי" מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין מְחַיֶה זַיין דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן נָאכְדֶעם הָאסְטוּ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זָאגְט (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג) דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הֵייבְּט עֶר זִיךְ אָן צוּ שְׁטִיצְן דִי בָּארְד אוּן אִינְטֶערְשְׁנַיידְן דִי פֵּיאוֹת, בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייט אַרָאפּ דִי בָּארְד אוּן דִי פֵּיאוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דַאנְקֶען גָאט דוּ הָאסְט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין, דָאס אִיז אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אוּן נָאכְדֶעם גֵייסְטוּ מִיט צִיצִית אַ גַאנְצְן טָאג, לֵייגְסְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה, וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרַיין אִין דִי דִירָה קִישְׁסְטוּ דִי מְזוּזָה, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דִי דִירָה קִישְׁסְטוּ דִי מְזוּזָה, דוּ עֶסְט נָאר כָּשֵׁר, דוּ הִיטְסְט שַׁבָּת, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות, קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רַבִּי חַיִים וִויטַאל זַ"ל אַז דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אִיז נָאר גֶעוֶוען מֵחֲמַת דִי שִׂמְחוֹת הַמִצְוֹות, וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוֶוען

זייער זייער פְרֵיילִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת
וֶועט דִיךְ גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶען בְּרֶענְגֶען פוּן צַדִיקִים, דָאס מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ הַבְדָלָה דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא, וָוארוּם דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶועט מֶען מַתְמִיד זַיין בִּגְמָרָא, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ריד) דָאס תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט ווִי דִי קְלִיפָּה וָואס עֶס מַאכְט זִינְדִיגְן אַ מֶענְטְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵל דִי קְלִיפָּה, אוֹיבֶעט גְמָרָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס עֶס הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אֹ'וּרִיאֵל, וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט זייער אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר מְבַטֵל זַיין דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן דִי בָּחוּרִים וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## קכח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וָאֵרָא כ' טֵבֵת ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

לְנָבוֹן קִבַּלְתִּי אֶת מִכְתָּבְךָ הֶאָרוּךְ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וֵויי, דוּ הֶערְסְט אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אוּן דוּ בִּיסְט מְקַיֵים מֶער

וויינִיגסְטְנס וָואס מִיר רֶעדְן, און צום סוֹף פַאלְסְטוּ אַרַיין אִין אַזַא גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע מֶער און מֶער און מֶער.

**סְ'אִיז** גֶעקוּמֶען דִי צַייט דוּ זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אַ מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוען מֶען וֶועט אִים אַרוֹיף רוּפְן אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ'.

**אַז** אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אַז עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען, וָוארוּם דַאוֶוענֶען בְּצִיבּוּר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דֶעמָאלְטְס אִיז אַן עֵת רָצוֹן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) מַאי דִכְתִיב (תְּהִלִּים סט) "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ הוי"ה עֵת רָצוֹן, אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; וָוארוּם וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען, צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַשְׁגָּחָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; אֵיין טָאג אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל, פְרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז דָא יֶעדְן טָאג? שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וָואס דָאס מֵיינְט: אַ אִיד קוּמְט יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פוּן דֶעם, אֵיין טָאג קוּמְט עֶר נִישְׁט פְרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז עֶר?, וֶוערְט עֶר גֶעוואוֹיר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אָדֶער

ער הָאט עֶפֶּעס אַ צָרָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, הֶעלְפְט עֶר אִים גְלַייךְ. יֶעצְט שְׁטֶעל זִיךְ פָּאר חָלִילָה וְחַס אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פְרֶעגְט וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ? און עֶר הֵייבְּט אִים אָן צוּ זוּכְן, און אַוַודַאי טְרֶעפְט עֶר אִים אִין מְקוֹמוֹת הַמְטוּנָפִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס פַאר אַ צַעַר הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט? און וָואס פַאר אַ בּוּשָׁה עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס הָאבְּן וֶוען אַלֶע מַלְאֲכֵי מַעֲלָה וָואס הָאבְּן בַּאגְלֵייט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים כִּבְיָכוֹל גֶעפוּנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע בּוּשָׁה פוּן דֶעם? אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן עח) גָאר קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, מֶען קֶען מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אָבֶער זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי אַ כֶּלֶב שֶׁחוֹזֵר עַל קֵיאוֹ וְכוּ׳, נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שְׁמוּץ וְכוּ׳, תְּשׁוּבָה מֵיינְט פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֵיין צוּ דִי שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט פָּנִים אֶל פָּנִים, דֶער סוֹף וֶועט זַיין, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן און דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וֶועט זִיךְ דַיין ווייבּ מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דִיךְ זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן אִינְגַאנְצְן, און וָואס וֶועסְטוּ זַיין? אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

**וּבִפְרַט** אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט, לֶערְן נָאךְ מֶער און נָאךְ מֶער, וֶועסְטוּ זֶען דֶער כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן

דִי בְּלָאטֶע, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט וֶועלְן, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא (בָּבָא מְצִיעָא לב.) זָאגְט בַּיי דִי מִצְוֹות עֲשֵׂה פוּן "עָזֹב תַּעֲזוֹב עִמּוֹ" הָלַךְ וְיָשַׁב לוֹ וְאָמַר הוֹאִיל וְעָלֶיךָ (שְׁמוֹת כג) מִצְוָה, אִם רְצוֹנְךָ לִפְרוֹק פְּרוֹק, פָּטוּר. שֶׁנֶּאֱמַר "עִמּוֹ"; דָאס הֵייסְט אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה דַארְף זַיין "עִמּוֹ", נִישְׁט פַארְלָאזְן זִיךְ אַז יֶענֶער וֶועט פַאר מִיר טוּן, יֶענֶער וֶועט מִיר זָאגְן, תְּשׁוּבָה דַארְף זַיין מִיט זִיךְ אַלֵיין, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִין דֶעם קוּרְצְן בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען פוּן נֵיי, יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען זַייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִויפִיל זְכוּתִים דָאס בְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דִי דַפִּים גְמָרָא וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דִי סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס עֶר לֶערְנְט, אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח) מִכֵּיוָן שֶׁקִּיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלְצְדִינְג, אוּן דוּ וֶועסְט מִיר מְבַשֵּׂר זַיין בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קכט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר וָאֵרָא כ' טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֶענֶען אַ הֶבֶל פֶּה שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא הָאלְט דָאס אָפּ אַלֶע פִּרְעָנִיוֹת'עֶר פוּן דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (כַּלָּה רַבָּתִי פֶּרֶק ב) בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם וּלְהָפְכוֹ לִכְמוֹת שֶׁהָיָה, אֶלָּא כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וּבְתַלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁיּוֹשְׁבִים בְּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, מִיַּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים. אָמַר רַב פָּפָּא לֹא מְקַיֵּים עַלְמָא אֶלָּא בְּהַבְלָא דְתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דוּ שַׁיינְסְט אִין זֵיי אַריין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס יֶעדֶע מִינוּט וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי בִּיסְטוּ מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען אַן עֶבֶד לַעֲבָדִים, אַ שְׁנַיידֶער וָואס עֶר נֵייעֶט הוֹיזְן פַאר גוֹיִם, אָדֶער אַ סְטָאלֶער וָואס עֶר מַאכְט טִישְׁן מִיט בֶּענְק פַאר גוֹיִם וְכוּ' וְכוּ'?,

וָואלְסְט דָאךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׂכַר רוּחְנִי פַאר דַיין טִירְחָא, אָבֶער דָא וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ תּוֹרָה מִיט אֱמוּנָה, אוּן דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס וְויאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בּוֹיעֶסְטוּ דָאךְ אוֹיף הֵיילִיגֶע אִידְן וָואס זֵיי וֶועלְן דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאצָאלְן כֵּפֶל כִּפְלַיִים וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם שְׂכַר, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה פָּרָשָׁה ט, סִימָן א) בְּשָׁעָה שֶׁהַתִּינוֹקוֹת נִפְטָרִין מִבֵּית רַבָּן בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת לָהֶם לֵךְ אֱכוֹל בְּשִׂמְחָה לַחֲמֶךָ, אוּן וֶוער הָאט דָאס גוֹרֵם גֶעוֶוען? דוּ מִיט דַיין יְגִיעָה וְטִירְחָא וָואס דוּ הָאֶרעוֶועסְט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד.

**נָאר** וְויסְן דַארְפְסְטוּ וְויסְן, אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד וְוי אַייזְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן חָלִילָה וְחַס נִישְׁט זֵיי שְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין קְלַאס אַ רוּחַ פוּן שִׂמְחָה, אַ גֵייסְט פוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן אִין קְלַאס שִׂמְחָה מִיט פְרֵייד, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זִינְגֶען אַסַאךְ נִיגוּנִים, אוּן דָאס וֶועט זֵיי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַ חֵשֶׁק צוּ

ווֶעלְן לֶערְנֶען, אוֹיךְ דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, ווַייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווֶען עֶר אִיז גֶעווֶען אַ קְלֵיין קִינְד אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, אוּן דָאס הָאט אִים דֶערְוַוארֶעמְט דִי הַארְץ זֵייעֶר נָאכְצוּטוּן.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע בַּעַל דִבְרֵי חַיִים הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעעֶנְטְפֶערְט "אַוַודַאי זִיכֶער לֶערְן אִיךְ מוּסָר מִיט זֵיי, אִיךְ לֶערְן חוֹבַת הַלְבָבוֹת", הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ זָאלְסְט זֵיי פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע", וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמח) דַע שֶׁסִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מִצַדִיקִים, הוּא דָבָר גָדוֹל מְאֹד, כִּי עַל יְדֵי סִיפּוּרִים מִצַדִיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָדוֹל לְהַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד, כִּי הָרְשִׁימוּ שֶׁעָשָׂה אוֹתוֹ הַצַדִיק שֶׁמְסַפְּרִין מִמֶנוּ, עַל יְדֵי עֲבוֹדָתוֹ אֶת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, זֹאת הָרְשִׁימוּ נִתְעוֹרֶרֶת בְּעֵת שֶׁמְסַפְּרִין מֵהַצַדִיק, וְהִיא מְעוֹרֶרֶת לְהַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּהִתְעוֹרְרוּת גָדוֹל; דָאס אַז מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים ווֶערְט דָאס הַארְץ דֶערְוֶועקְט אוּן פַארְפְלַאמְט נָאכְצוּטוּן דִי ווֶעגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וָוארוּם ווֶען מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, ווֶערְט נִתְעוֹרֵר זַיינֶע מַעֲשִׂים

נָאכְאַמָאל, און וֶוער עֶס הֶערְט דָאס וֶוערְט זַיין הַארְץ אויךְ דֶערְוֶועקְט נָאכְצוּטוּן דִי וֶועגְן פוּן דִי צַדִיקִים פוּן וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט דִי סִיפּוּרִים, וּבִפְרַט יוּנְגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, וֶוערְט זֵייעֶר הַארְץ דֶערְוֶועקְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, און זֵיי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חֵשֶׁק און אַ רָצוֹן זֵיי זָאלְן וֶועלְן נָאכְטוּן דִי צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען דִי עֵרֶב רַב ווילְן נָאר פַארְצוּקְן אוּנְזֶערֶע יוּגְנְט און זֵיי אַרָאפּ פִירְן פוּן אִידִישְׁן וֶועגְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיז זֵייעֶר גוּט אַ יֶעדֶער מְלַמֵד זָאל שׁוֹין פוּן דִי קְלֵיינֶע קְלַאסְן אָן דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, און אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין זֵיי אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס וֶועט זֵיי בַּאשִׁיצְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן.

**אַ** מְלַמֵד דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט שְׁפֶּעטְן אַ קִינְד וָואס אִיז שְׁוַואךְ, און נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד, וָוארוּם אוֹיבּ מֶען שְׁפֶּעט און מֶען דֶערְנִידֶערְט אַ קִינְד, מַאכְט מֶען אִים פַאר אַ בַּעַל מוּם אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר פַארְלִירְט זַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט. דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּן אַ מְלַמֵד אִיז עֶר זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דָאס קִינְד, און וַוייזְן אַז עֶר קֶען יָא, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז שְׁוַואךְ אִין לֶערְנֶען, דַארְף דֶער מְלַמֵד טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אִים אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט

וָואס אַ קִינְד טוּט דַארְף אַ מְלַמֵד זַייעֶר אוֹיפְּבְּלָאזְן, אוּן דָאס בּוֹיעֶט אוֹיף דָאס זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקַייט פוּן קִינְד, אַזַא מְלַמֵד אִיז נִישְׁט נָאר אַ מְלַמֵד תִּינוֹקוֹת, נָאר עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר אִיז מְחַיֶה אַ גַאנְצֶע קְלַאס מִיט קִינְדֶערְלֶעך, עֶר בּוֹיעֶט יֶעצְט אוֹיף, אוֹיף אֵיינְמָאל, פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג אָדֶער דְרַייסִיג עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָוארוּם דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעך וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵׁם אוֹיפְוַואקְסְן אוּן וֶוערְן אִינְגֶעלַייט, אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אֵייגֶענֶע שְׁטוּבֶער, אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן דִי גִירְסָא דְיַנְקוּתָא וָואס דֶער מְלַמֶד הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט אַלְץ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, וָואס דָאס אִיז דֶער גֶרֶעסְטֶער זְכוּת פוּן אַ מְלַמֵד.

זַיסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס אַ מְלַמֵד וָואס אִיז נֶערְוֶועז וְכוּ', הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד וְכוּ', עֶר אִיז אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער וְכוּ', טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט קַיין קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סָעִיף טז) וְאֵין לִמְלַמֵד לִנְעוֹר בַּלַיְלָה יוֹתֵר מִדַאי שֶׁלֹא יִהְיֶה עָצֵל בַּיוֹם לִלְמוֹד וְכֵן לֹא יִתְעַנֶה אוֹ לַעֲצוֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה אוֹ לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַאי כִּי כָּל אֵלוּ הַדְבָרִים גוֹרְמִים שֶׁלֹא יוּכַל לְלַמֵד הֵיטֵב, וְכָל הַמְשַׁנֶה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה וּמְסַלְקִין לֵיהּ; אַ מְלַמֵד דַארְף גוּט שְׁלָאפְן, אוּן דַארְף גוּט עֶסְן, עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אַז וואוּיל אִיז דֶער מְלַמֵד וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם שְׂכַר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִים צוּ בַּאצָאלְן, וַוייל עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן.

לֵיידֶער הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי פַארְנַאכְלֶעסִיגְן צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר זֵייעֶרע קִינְדֶער, סְ'אִיז פַאר זֵיי אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, מֵהֵיכִי תֵּיתִי וְכוּ', זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלְסְדִינְג, וַוייל מִיט דִי גֶעלְט צָאלְט מֶען פַארְן מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט מִיט זֵייעֶרע קִינְדֶער, וָואס בּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶרע קִינְדֶער אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אַז ווָאוּיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי אַנְעֶרְקֶענֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דִי מְלַמֵּד פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער. אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיסֶער וָואס מֶען הָאט גֶעצָאלְט שְׂכַר לִימוּד הָאט יֶעדֶער טַאטֶע גֶעשִׁיקְט יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַ סְכוּם גֶעלְט פַארְן מְלַמֵּד, נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ יָאר חֲנוּכָּה גֶעלְט, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן אַנְעֶרְקֶענְט וָואס דֶער מְלַמֵּד מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן ווִיפִיל הָארֶעוַואנְיֶע אוּן מִי זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, אַז ווָאוּיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען אָפְּשַׁאצְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מְלַמֵּד פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קל

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ה טֵבֵת ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אוֹיף** דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, אוּן דֶער עִיקָר הִתְחַזְּקוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיף סַבְלָנוּת,

גֶעדוּלְד, עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ כָּל מִינֵי צָרוֹת וְיִסוּרִים, בִּיטֶערְנִישׁ אוּן וֵוייטָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער עִיקָר, חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת דָאס עֶס גֵייט נִישְׁט ווי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ"ב) פַארְוָואס גֵייט אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹא כְּסֵדֶר אַלֶעס גֵייט אִים קַאפּוֹיעֶ פַארְקֶערְט וְכוּ׳ וְכוּ׳? וַוייל עֶר הָאט גַאֲוָה אוּן גַדְלוּת, עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִים גֶעדַאנְקֶען, "אִיךְ וְכוּ׳ וָואס אִיךְ בִּין וְכוּ׳, וָואלְט מִיר גֶעדַארְפְט גֵיין אַלֶעס גְלַאטִיג וְכוּ׳!", אוּן אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גְלַאטִיג וֶוערְט עֶר גוּט צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן סְ׳גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים, אוּן עֶר מַאכְט בַּיי זִיךְ אָפּ, אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל אַזוֹי וֶועט זַיין, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, עֶר אִיז נִזְהָר גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה זִיךְ טוּבְלֶען פַאר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא׳ס וֶועגְן עֶר זָאל זַיין רֵיין פוּן חֲטָאִים, אוּן עֶר אִיז נִזְהָר צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אִין סִידוּר קוּקְט עֶר אַרַיין, אוּן עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט אוֹיסְנֶווייניג, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז דֶער צוּפְרִידְנְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ׳) וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט

רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, און עֶר הִיט זִיךְ אָפּ דִי אוֹיגְן, קוּקְט נִישְׁט וואוּ עֶר דַארְף נִישְׁט קוּקְן וְכוּ׳, דֶעמָאלְטְס אִיז זַיין תְּפִלָּה וָואס עֶר דַאוֶוענְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ זִיסְקֵייט, מִיט אַ גֶעשְׁמַאקְקֵייט, עֶר ווִיל נִישְׁט נָאכְלָאזְן דֶעם סִידוּר, יֶעדֶער בְּרָכָה וָואס עֶר זָאגְט אַרוֹיס יֶעדֶעם מִזְמוֹר וָואס עֶר זָאגְט אַרוֹיס אִיז בַּיי אִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חַיוּת מִיט אַ געוַואלְדִיגְן בְּרֶען, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן שִׂמְחָה, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת, זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, דָאס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן בְּזֶה הָעוֹלָם.

**דֶער** אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אַז עַצְבוּת אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שְׁטֶער פַארְן דַאוֶוענֶען, און דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְסוּכָּן אוֹיבּ עֶר אִיז בְּעַצְבוּת, וּבִפְרַט בְּעֵת הַתְּפִילָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאר זַיין פְרֵייליךְ, פְרֵיילִיכְקֵייט בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ גֶעדוּלְד, און גֶעדוּלְד דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער בְּרָכָה, וָוארוּם מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַזַא מִין אֱמוּנָה, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, מִמֵילָא וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער הָאבְּן סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד, און עֶר וֶועט קֶענֶען מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

**לָאז** זִיךְ נִישְׁט פַאלְן, און קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן מִיט קַיין עֲבוֹדוֹת וְכוּ׳, עֶס אִיז אַלֶעס נָאר נַארִישְׁקֵייטְן,

אַלֶע ווילְדְקֵייטְן, אַלֶע דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, בְּרֶענְגְט נָאר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה און אִין נֶערְוֶועזְקֵייטְן, אַ אִיד דַארְף נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ און טוּן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, און מֶער פוּן דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט וָואס זִיךְ צוּ זָארְגְן.

זֶע זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא׳דִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט) אַז יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און לֶערְנֶען אַסַאךְ קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִי הֲלָכָה וויסְן וִויאַזוֹי אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן.

זוּךְ נִישְׁט קַיין תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים וְכוּ׳, זוּךְ נִישְׁט קַיין עֲבוֹדוֹת וְכוּ׳, נָאר זָאלְסְט זֶען נִזְהָר זַיין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, און זָאלְסְט דַאוֶוענֶען אַרַיינְקוּקְן אִין סִידוּר, נִישְׁט פוּן אוֹיסְנֶווייניג, און מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, מִיט אַ בְּרֶען, דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיב אַ אִיד הָאט אִינְזִינֶען פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף, וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קלא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ה טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פַארְצֵיילְסְט מִיר אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֶמֶת, אֶמֶת, וְכוּ', אוּן אוֹיבֶּעט פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן אַסַאךְ קֶעגְן פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר וְכוּ' וְכוּ', אוּן וֶועגְן גַאֲוָוה וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט בַּיי וָואס עֶר הַאלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן עֶפֶּעס אַ תַּאֲוָה וְכוּ', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט שׁוֹין צוּבְּרָאכְן אֵיין תַּאֲוָה מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיי אַ צְוֵוייטֶע תַּאֲוָה וְכוּ', אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער אַסַאךְ אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער אוּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'.

**יֶעדֶער** אֵיינֶער שְׁרַייבְּט אִין וָואס עֶר הַאלְט, אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁרַייבְּט אַזוֹי פִיל וֶועגְן גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת אוּן פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַ סִימָן אַז צוּ דֶעם צִיט עֶר, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁרַייבְּט אַזוֹי פִיל פוּן אֶמֶת אִיז אַ סִימָן ס'צִיט אִים צוּ שֶׁקֶר וְכוּ'.

**אַ** אִיד דַארְף רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם מֶען דַארְף זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי אֱמוּנָה גְלֵייבְּן אַז דֶער

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אֵיינְמָאל אַז מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אִין זִיךְ אַרַיין, פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק דִי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, כָּבוֹד הַמְדוּמֶה, פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר, ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן פוּן כָּבוֹד אוּן יֵשׁוּת, פוּן גֵיאוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְטְרַאכְט זִיךְ גוּט אַז סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נֶעמֶען דֶעם כָּבוֹד פַאר זִיךְ בְּשַׁעַת עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שֶׁקֶר ווִי כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער לִיגְט אִין שֶׁקֶר, דֶעם גַאנְצְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז תְּפִלָּה, נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה, אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, אוּן ווִידֶער בֶּעטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַלֵיין מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער רֶעדְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, דוּ זָאלְסְט זֶען בֶּעטְן דַיין נְקוּדָה, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, דוּ ווִילְסְט זַיין אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵיגָה, צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט וֶועלְן קַיין מַדְרֵיגוֹת, נִישְׁט וֶועלְן קַיין הַשָּׂגוֹת, וֶוען אַ אִיד

אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ צוּ קוּקְן אוֹיף דָאס אֱלֹקוּת וָואס אִיז דָא אִין דִי זַאךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף קוּקְן אוֹיפְן חַיּוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז מְחַיֶה דִי זַאךְ, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט נִמְשַׁךְ אוֹיף אִים אַן אַנְדֶערֶע סָארְט חֵן.

**בִּכְלָל** וָואלְט אִיךְ דִיר צוּגֶערֶעדְט, קוּק נִישְׁט וָואס אַן אַנְדֶערֶער זָאגְט, אוּן ווִי אַן אַנְדֶערֶער פִירְט זִיךְ וְכוּ', וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם? יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין נְקוּדָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ יְרִידָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, וָואס דַארְפְּסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַן אַנְדֶערְן, וָואס דֶער הָאט גֶעזָאגְט, וָואס דֶער הָאט גֶעמֵיינְט? וָואס פֶּעלְט דִיר דָאס אוֹיס צוּ טְרַאכְטְן אֲפִילוּ פוּן יֶענֶעם? דוּ לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעט אַסַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז דָא, אוּן זָאלְסְט קֶענֶען זֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ דָאס אֱלֹקוּת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רנ"ד) דָאס אוֹיגְן זֶענֶען זֵייעֶר זֵייעֶר הוֹיךְ, אוּן זֵיי זֶעעֶן שְׁטֶענְדִיג גְרוֹיסֶע זַאכְן, נָאר סְ'גֵייט מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט דָאס קֵיינֶער כַּאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אַסַאךְ אוֹיף אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶועסְטוּ קֶענֶען

הֶערְן ווי פוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה קוּמְט אַרוֹיס שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"ב) אַז פוּן יֶעדֶער זַאךְ שְׁרֵייט זִיךְ אַרוֹיס דֶער קוֹל פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר רוּפְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה אוּן סִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער נִסָּיוֹן אוֹיף אֱמוּנָה, סְ'וֶועט זַיין הוֹילֶע אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, אַז אַ אִיד זָאל וועלְן בְּלַייבְּן אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד וֶועט עֶר הָאבְּן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר אַז סְ'אִיז מְקוּיָים גֶעוָוארְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָוארוּם הַיינְט דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארקְרָאכְן וֶוערְן מִיט קַיין דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת פוּן כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשׂוּ לִי אֶת הַחַיִל הַזֶה, פוּן אַ מַלְכוּת הַמִינוּת וָואס זֵיי רֶעדְן אָפְן אוֹיף דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֵיי רַייסְן אַרוֹיס דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד פוּן יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, זֵיי זֶענֶען לוֹחֵם אַקֶעגְן יֶעדֶער דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, מֶען רַייסְט אוֹיס קְבָרִים בִּיזְן שׁוֹרֶשׁ, וְכוּ', וְכוּ', אָן קַיין שׁוּם בּוּשָׁה וַוארְפְט מֶען אַרוֹיס מֵתִים, אוּן מֶען צֶעמָאלְט זֵיי מִיט דִי עֶרְד אוּן מִיט דִי שְׁטֵיינֶער צוּזַאמֶען וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זָאגְן, מֶען דַארְף אָנְכַאפְּן הָרַע בְּמִיעוּטוֹ וְכוּ'? אַז אַךְ אוּן וויי דָאס אִיז רַע בְּמִיעוּטוֹ? דָאס אִיז דָאךְ אַ רַע גָמוּר! דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת וֶוען מֶען זֶעט מֶען פַארְשְׁוֶועכְט דֶעם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים׳ס נָאמֶען בְּרֵיש גְּלֵי, מֶען וויל אוֹיסְרַייסְן דָאס זֵכֶר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עַפְרָא לְפוּמֵייְהוּ, הָיָה לֹא תִהְיֶה, אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז הָרַע בְּמִיעוּטוֹ וְכוּ׳? דָאס אִיז דָאךְ רַע גָמוּר.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ז׳) אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ רֶעדְן נָאר פוּן אֱמוּנָה, אוּן ווידֶער אֱמוּנָה, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ג) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אוּן וָואס מֵיינְט איר אִיז אֱמוּנָה? ווי קִינְדֶער גְלֵייבְן, אוּן ווי פְרוֹיעֶן גְלֵייבְן וְכוּ׳ אָן חָכְמוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, ווידֶעראוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳) אַז דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן וואוּ מֶען הַאלְט אִין אֱמוּנָה, וָוארוּם ס׳אִיז דָא סוֹבְלֵי חֳלָאִים וָואס זֵיי לַיידְן שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע קְרֶענְק, אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ נָאר מֵחֲמַת חִסָרוֹן אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קַיין שׁוּם בָּשָׂר וָדָם נָאר אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל זַיין רֵיין פוּן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת, וֶועט עֶר מְמֵילָא זַיין רֵיין פוּן דֶעם.

**איבֶּערְדֶעם** זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר זָאלְסְט וויסְן יְעֶדער אֵיינֶער רֶעדְט נָאר פוּן די נְקוּדָה וָואס עֶר דַארְף רֶעדְן אוּן וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים, אוֹיבּ אֵיינֶעם בְּרֶענְט אִין אִים אַסאךְ גַאֲוָה, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אַקֶעגְן גַאֲוָה, אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג אַקֶעגְן פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר אִיז אַ סִימָן אַז דָאס בְּרֶענְט אִים וְכוּ', אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אֶמֶת אִיז אַ סִימָן ס'בְּרֶענְט אִין אִים מוֹרָא'דִיג דֶער שֶׁקֶר, זַיי נִישְׁט קַיין נַאר אוּן קַיין טִיפֶּשׁ, פַארְשְׁטֵיי גַאנְץ גוּט וָואס דָא טוּט זִיךְ אָפּ בְּזֶה הָעוֹלָם.

**רֶעדְן** דַארְף מֶען נָאר רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פַאלְט אַוֶועק די אַלֶע דִמְיוֹנוֹת מִיט אַלֶע שְׁטוּתִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כה) אַז אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל, אוּן עֶר דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת, פוּן אַלֶע פַאנְטַאזִיעֶס וָואס עֶר פַאנְטַאזִירְט וְכוּ', וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶצֶם עַצְמִיוּת חַיוּת אֱלֹקוּת אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר אִיז מְחַיֶה די בְּרִיאָה, אוּן אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, דֶעם פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק די אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן מִיט אַלֶע דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, מִיט אַלֶע מִדוֹת רָעוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן עֶר רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אוּן וויסְן זָאלְסְטוּ וויסְן אַז אֱמוּנָה דָאס אִיז תְּפִלָּה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אֱמוּנָה אַז אַלְסְדִינְג אִיז אֱלֹקוּת אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אִין אִים אוּן בַּיי אִים, וָואלְט עֶר דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת, אוּן אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת נֶעמְט זִיךְ נָאר מַחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, וָוארוּם אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה פַאלְט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע פַאנְטַאזִיעֶס, אַלֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען, מִיט אַלֶע נַארִישֶׁע פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר, דוּרְךְ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט אַ אִיד צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן אִים אוּן דֶעמָאלְטְס גֵייט אִים אַלֶעס כְּסֵדֶר, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פב) פַארְוָואס גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר? וַוייל עֶר הָאט אִין זִיךְ יֵשׁוּת אוּן גֵיאוּת, וָוארוּם עֶר ווִיל גֶעוֶועלְטִיגְן "אֲנָא אֶמְלוֹךְ" אַלְץ רֶעדְט עֶר, גַּאֲוָה, גַּאֲוָה, גַּאֲוָה, פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר, פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר, פִּרְסוּם שֶׁל שֶׁקֶר וְכוּ' וְכוּ', לֵיידֶער לִיגְט עֶר אִין דֶעם, וָוארוּם וֶוען עֶר זָאל לִיגְן אִין אֱמוּנָה עֶר זָאל לִיגְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט דֶער גַאנְצֶער מֹחַ זַיינֶער נָאר גֶעטְרַאכְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם שְׁמוּץ, קַיין שׁוּם תַּאֲווֹת רָעוֹת, יֶעדֶער זַאךְ וָואלְט עֶר אַרוֹיסְגֶעזֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אוּן** דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,

מֶען זָאל מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, ס'דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְּן בַּיי אֱמוּנָה, וּבִפְרַט יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי מַלְכוּת הַמִינוּת, וָואס זֵיי רַייסְן אוֹיס אִידִישְׁקֵייט מִיט גֶעוַואלְד, מִילְיָאנֶער אִידְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת, וָואס דָאס אִיז נָאךְ אַרְגֶער פוּן דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה כ"א סִימָן ד') הַמַחֲטִיא אֶת הָאָדָם יוֹתֵר מִן הַהוֹרְגוֹ שֶׁהַהוֹרֵג הוֹרֵג בָּעוֹלָם הַזֶה וְיֵשׁ לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, וְהַמַחֲטִיא הוֹרְגוֹ בָּעוֹלָם הַזֶה וּבָעוֹלָם הַבָּא; אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִינְדִיגְן אַ צְוֵוייטְן הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם ווִי קֶען מֶען גֵיין מִיט אַזֶעלְכֶע דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, ווִי קֶען מֶען גֵיין מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ' וְכוּ', וָואס הֵייסְט הָרַע בְּמִיעוּטוֹ? דָאס אַלֵיין אִיז שֶׁקֶר, אוּן דָאס אַלֵיין אִיז פַארְקְרוּמְטְקֵייט, אוּן דָאס אַלֵיין אִיז כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן מֶער צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין אַנְדֶערְשׁ, וָוארוּם דֶער עִיקַר הִתְקָרְבוּת צוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דָארְטְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דִי אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ הָאב דִיר דָא גֶעשְׁרִיבְּן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, אוּן הֶער נִישְׁט וָואס יֶענֶער פַארְדְרֵייט דִיךְ דֶעם קָאפּ וְכוּ' וְכוּ' קוּק נָאר אַרֵיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זָאלְסְט זַיין צוּגֶעוואוֹינְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן זָאגְן אוֹיף יֶעדֶע תוֹרָה דִי תְּפִלָּה, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַ חַיוּת לַנֶפֶשׁ. ווִידֶערְאוּם לֶערְן אַסַאךְ סֵפֶר הַמִדוֹת, וָוארוּם דִי מִדוֹת דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר פוּן מֶענְטְשׁ, אָן מִדוֹת אִיז עֶר אַ חַיָה בִּדְמוּת אָדָם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר אַ חַיָה בִּדְמוּת אָדָם. אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוֹיף אִידִישׁ דַיְיקָא, וֶועסְטוּ זֶען דֶער לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז מְעוֹרֵר פוּן שְׁלָאף אוּן צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואס דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְצֵייכֶענְט, אוּן דָאס אִיז אַמָאל זִיכֶער אֱמֶת, וָוארוּם סְ'אִיז דָא אַסַאךְ שִׂיחוֹת וָואס עֶס גֵייט בְּקַבָּלָה, וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פִּיס, אוּן עֶס אִיז אַ גַאנְצֶע שְׁאֵלָה אוֹיבּ סְ'אִיז אִינְגַאנְצְן אֱמֶת וְכוּ', וּבִפְרַט ווֶען אַ שִׂיחָה אִיז אַקֶעגְן אַ הֲלָכָה אָדֶער אַקֶעגְן אַ מַאֲמַר חַזַ"ל דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז שֶׁקֶר ווִי עֲבוֹדָה זָרָה, יֶעדֶע שִׂיחָה דַארְף הָאבְּן אַ יְסוֹד אוּן אַ מְקוֹר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, יֶעדֶע שִׂיחָה דַארְף זַיין גֶעבִּינְדְן אוּן גֶעשְׁלָאסְן

מִיט מַאֲמָרֵי חַזַ"ל, אוּן אוֹיבּ סְ'אִיז אַקֶעגְן אַ חַזַ"ל דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז שֶׁקֶר, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל פְלֶעגְט זָאגְן "בַּיי מִיר אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן עֶפֶּעס אִיז גָאט זָאגְט אַזוֹי" אִיז מְמֵילֶא אַ שִׂיחָה וָואס אִיז אַקֶעגְן אַ מַאֲמַר חַזַ"ל דַארְף מֶען וִויסְן אַז סְ'אִיז שֶׁקֶר, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכֶענְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אִין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין יְמֵי מוֹהֲרְנַ"ת וְכוּ' דָאס אִיז אַוַודַאי אֱמֶת, אִיבֶּערְדֶעם לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר, אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ בֶּענְקֶען נָאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קלב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ה טֵבֵת ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוּן וָואס דוּ לַיידְסְט אִיז נָאר וַוייל דוּ בִּיסְט טְרוֹיעֶרִיג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זַיין נָאר פְרֵייליךְ, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק ב׳ סִימָן כ״ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, נִישְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה צוּ זַיין פְרֵייליךְ אוּן מֶען זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, נָאר עֶר זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵייליךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער עִיקֶר שִׂמְחָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י׳) אִיז אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״ ווִי אִיךְ בִּין אָבֶּער קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, מִיט דִי פִּינְטֶעלֶע אִיד, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן וָואס מֶער מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען מֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת אִיז נָאר מֵחֲמַת עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וֶוער עֶס אִיז מֶער טְרוֹיעֶרִיג דֶער אִיז מֶער גֶעזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א׳ ט״ז) ״עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ״ דָארְטְן הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אִין לְהֵיפֶּךְ עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע דָאס אִיז דִי טוּמְאָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵייליךְ, אוּן זָאלְסְט זֶען יֶעדְן טָאג מְחַיֶה זַיין נָאךְ אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיבֶעט פְרֵייליךְ זַיין, וָוארוּם דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה מְשַׂמֵּחַ זַיין נָאךְ אַ אִיד.

זֶע נִישְׁט אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי שִׂמְחָה אוֹיף מָארְגְן, נָאר הַיינְט זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אוֹיבּ אִיר וִוילְט הֶערְן מַיין קוֹל, זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אִיךְ זֶען דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי) אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לוֹ לְאָדָם לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר; דִי שִׂמְחָה וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר פְרֵייְדְט זִיךְ הַיינְט וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מָארְגְן, מְמֵילָא וָואס דַארְפְסְטוּ זָארְגְן וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן?

זַיי בַּאוואוּסְט זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מִוָוארְקֶע זי"ע אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זַיינֶע חֲסִידִים, "וָואס הָאבְּן מִיר צוּ זָארְגְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, לָאמִיר פַארֶערְכְטְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן נֶעכְטְן". אוּן וִויאַזוֹי קֶען מֶען בֶּאֱמֶת פַארֶערְכְטְן וָואס מִיר הָאבְּן קַאלְיֶע גֶעמַאכְט? נָאר מִיט שִׂמְחָה, שִׂמְחָה אִיז אַ וֶועג וָואס עֶס עֶפְּנְט אוֹיף אַלֶע טוֹיעֶרְן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל דוֹב מִווילֶעדְנִיק זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם נָאר שִׂמְחָה, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ פְרֵיילִיכְן וֶועג. מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן עֶסְן זִיךְ אוֹיף פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, זָאלְסְט וִויסְן דִי אַלֶע נֶערְווְן קְרַאנְקַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ

לַיידְט אִיז נָאר מַחֲמַת עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ דֶער הָאט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין מוֹרָא, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ קַיין הֶעכֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם ווִי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּארוּאִיגְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערֶערְוְוירְן, אוּן דָאס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַן אַנְדֶערְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן הֵייבּ אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט זַיין אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן.

**דִי** חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ל"ד סִימָן ט'), לִמֶּדְךָ תּוֹרָה דֶּרֶךְ אֶרֶץ שֶׁכְּשֶׁיְּהֵא עוֹשֶׂה אָדָם מִצְוָה יְהֵא עוֹשֶׂה אוֹתָהּ בְּלֵב שָׂמֵחַ; וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה זָאל עֶר עֶס טוּן מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע הַארְץ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר טוּט אַלֶע מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ זִיךְ צוּ דִיר, פַאר דַיין נְשָׁמָה וֶוענְן,

פַאר דַיין גוּטְסְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט: זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, לָאז נִישְׁט דִי עַצְבוּת צוּ דִיר אֵיין מִינוּט, עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי דִיךְ צוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, מִיט אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', דוּ מֵיינְסְט אַז אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן? דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם כַּאפְּט דִיךְ אַרַיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א) דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְווֹת - זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה הֲלָכָה ו'), וְוִי אַזוֹי כַּאפְּט עֶר אַרַיין אַ מֶענְטְשׁ מִיט מִצְווֹת? עֶר זָאגְט אִים "עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים נא) "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה", אִיז פָּאלְג מִיר זַיי צוּבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועט נִתְקַבֵּל וֶוערְן דַיין תְּשׁוּבָה אוֹיבְן", אוּן אַזוֹי רֶעדְט צוּ דֶער יֵצֶר הָרָע דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) אַז פוּן אַ לֵב נִשְׁבָּר קֶען מֶען קוּמֶען צוּ עַצְבוּת, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ עֶפְנְט זִיךְ אִים אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה אֲפִילוּ עֶר אִיז אִין מָדוֹר הַקְלִיפּוֹת, דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען אִינְגַאנְצְן, וֶוען עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה צוּ עוֹלָם הַיְצִירָה, פוּן עוֹלָם הַיְצִירָה גֵייט עֶר אַרוֹיף צוּ עוֹלָם הַבְּרִיאָה, פוּן עוֹלָם הַבְּרִיאָה גֵייט עֶר אַרוֹיף בִּיז עוֹלָם הָאֲצִילוּת, אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט

צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! דֶער עִיקָר אִיז נָאר לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַּף כא.) אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִכֵּיוָן שֶׁקִּיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלָה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן תּוֹרָה, אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי לִימוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַז עֶר הָאט פּוֹגֶם גֶעוֶוען בִּבְרִית? הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן, דוּ ווֵייסְט דֶען דֶער כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה? אוֹרַיְיתָא בְּתִפְאֶרֶת בְּרִית בִּיְסוֹד, תּוֹרָה אִיז אַסַאךְ הֶעכֶער, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז עֶר מְבַטֵּל אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, ס'אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוֹיבּ עֶר וֶועט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת זָאגְן אוּן לֶערְנֶען וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל

תַּחְתִּית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ׳שְׁ׳נָ׳ה׳, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִשְׁנֶה נֶעמְט דָאס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ קוֹדֶם זָאגְן, נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן קוּק אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, לַאךְ זִיךְ אוֹיס וָואס יֶענֶער קְרוּמְט מִיט דִי נָאז וְכוּ׳, אוּן יֶענֶער בְּלָאזְט וְכוּ׳, אוּן יֶענֶער שְׁרֵייט וְכוּ׳, דוּ נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג אֵיין פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זַייעֶר אַסַאךְ אַסַאךְ זָאגְן, בִּיז דֶער מֹחַ װֶערְט אִים אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיבֶּעט לֶערְנֶען גְמָרָא, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אוּן דִי חַזַ״ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה י״ט.) לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַב דִמְשַׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַסַאךְ זָאגְן אוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשֶׁ׳ע גְמָרָא, אוּן מְמֵילֶא וָואס הָאסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל צוּ זַיין מִיט אַן אַנְדֶערְן? נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים װֶעט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ װֶעסְט זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אוּן דוּ װֶעסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק, אוּן נָאכְדֶעם װֶעסְטוּ עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ װֶעסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, װֶעסְטוּ אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ מַסֶכְתָּא, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ בְּרָכוֹת, אוּן נָאכְדֶעם

אָנְהֵייבְּן שַׁבָּת, און נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן עֵירוּבִין, און נָאכְדֶעם פְּסָחִים וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

**אָבֶּער** דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', נָאר אִיךְ וֵוייס אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער רַחֲמָן, און עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי רַחְמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וְויאַזוֹי אוּמְצוּקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיי אִים הִתְבּוֹדְדוּת, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה מִן הַכֹּל; דָאס אַ מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּזוּנְדֶערְן אוֹיף אַ פְּלַאץ ווּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְצֶער הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז הֶעכֶער ווִי אַלְסְדִינְג.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ קַיין שׁוּם קְדוּשָׁה נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', בִּיז סְ'אִיז דִיר אַזוֹי בִּיטֶער, בִּיז דוּ מֵיינְסְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט און דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן גֵיהִנוֹם נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ' וְכוּ', קוּמְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן עֶר לֶערְנְט אוּנְז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ח) עֶס אִיז גָאר קַיין יִאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָן, עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד.

דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אוּנְז (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ה׳ הֲלָכָה ג׳) כְּמָה דַאֲנָא רַחֲמָן בִּשְׁמַיָא כַּךְ תְּהֱוּוֹן רַחֲמָנִין בְּאַרְעָא, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ רַחֲמָן אִין הִימְל אַזוֹי זָאלְט עֶטְץ זַיין רַחְמָנִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳) אַז דֶער צַדִיק אִיז אַ רַחֲמָן אוּן דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת אִיז דָאס עֶר נֶעמְט אַרוֹיס מֶענְטְשְׁן פוּן עֲווֹנוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צָרָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, סְ׳אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה פַאר אַ נְשָׁמָה וִוי זִינְדִיגְן, וָוארוּם אַ נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַעַל, אוּן וֶוען עֶר זִינְדִיגְט מַאכְט עֶר פְלֶעקְן אוֹיף דִי נְשָׁמָה, אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז מִיט שִׂמְחָה, גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוּן הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיכֶעט,

און נֶעם זֵיי אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר בְּלָאטֶע, און דָאס קֶען מֶען נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה, הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ זַיין בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיפְן אַנְדֶערְן, וֶועט דֶער בַּאשֶׁעפֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ"א:) כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת אֵין מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם; אַ אִיד דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַ צְווייטְן אִיד, און דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ צְווייטְן אִיד שִׂמְחָה, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ אִיד, און אַזוֹי צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּרְכְן וֶועג פוּן שִׂמְחָה, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער וֶועג ווִי מֶען קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת וּבִמְרִירוּת און אִין דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ' וְכוּ', אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען, זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְווֹת, און עֶר אִיז פוֹיל און עֶר לִיגְט אִין בֶּעט ווִי אַ פֵיינֶער וְכוּ', עֶס גְלוֹסְט זִיךְ אִים נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן בֶּעט, און וָואס טוּט עֶר אוֹיף? גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, עֶר וֶוערְט נָאר מֶער פַארְוִויקֶלְט אִין עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, און זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, און מִשְׁנַיּוֹת, און גְּמָרָא, דִי דְרֵיי שִׁיעוּרִים

דַארְף זַיין בַּיי דִיר חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, זָאלְסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס עֶטְלִיכֶע מָאל, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה עֶנְדִיגְן שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען צָאלְט אִין הִימְל פַאר אֵיין מַסֶכֶת, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דַף י"ד ע"ב) מַאן דְזָכֵה לַהֲלָכָה חַד יָרִית עָלְמָא חָד, כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְזָכֵי לְמַסֶכְתָּא חֲדָא, אוֹ לִתְרֵין, אוֹ לְשִׁתִּין; אוּיבּ אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר עֶנְדִיגְט אֵיין מַסֶכְתָּא בַּאקוּמְט עֶר אַ גַאנְצְן עוֹלָם בְּרוּחְנִיוּת, מִיט מִילֵי מִילְיָאנֶער מַלְאָכִים, אִיז אַ וואוּנְדֶער פָארְוָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט נִישְׁט מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכְתָּא? זַיין נָאמֶען אִיז דָאךְ ס'מ'א'ל' וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת סִ'יוּם מַ'סֶכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה מְסַיֵים צוּ זַיין אַ מַסֶכְתָּא.

וְעַל כּוּלָם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מְחַבֵּר רְמָ"א, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט) אַז אַ יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִים לֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ"א, אוּן אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אוֹרַח חַיִים זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן יוֹרֶה דֵעָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֶזֶר, אוּן אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אֶבֶן הָעֶזֶר זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ

פִּירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אֵיין שִׁיעוּר מַאכְן זִיךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה זָאל עֶר לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָואס דָאס וֶועט אִים אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן אַלֶע כְּפִירוֹת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מְחַבֵּר רְמָ"א פוּן ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ דֶערמָאלְטְס קֶענְסְטוּ זִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר לֶערְנֶען בְּעִיוּן טוּר בֵּית יוֹסֵף, מִיט שׁוּלְחָן עָרוּךְ מָגֵן אַבְרָהָם מִיט טוּרֵי זָהָב וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען בְּעִיוּן, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שִׁינּוּי לְטוֹבָה, אָבֶּער פַארְגֶעס נִישְׁט אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר שִׂמְחָה, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אִיךְ בֶּעט זִיךְ צוּ דִיר מִיט רַחֲמִים, הֵייבּ שׁוֹין אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שִׁינּוּי לְטוֹבָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט זַיין אִין אַזַא מִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', הֵן עֶס וֶועט נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דִיר וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן נֶעמֶען קַיין שׁוּם מִיטְל וְכוּ' וְכוּ'.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קלג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ה טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט פַּאר פִּדְיוֹן, זָאל דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר דִי דִינִים דוּרְכְ'ן פֶּלֶא עֶלְיוֹן אוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי וֵוייסְן וִויאַזוֹי צוּ מַאכְן אַ פִּדְיוֹן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רט"ו), הַלְוַואי וָואלְסְטוּ גֶעלֶערְנְט יֶעצְט דִי תּוֹרָה, אוּן זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן הַמְתָּקַת הַדִינִים, אוֹיךְ אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְכַאפְּן בַּיינַאכְט אַ חֲצוֹת, זָאלְסְט זָאגְן דֶעם "סֵדֶר תִּיקוּן חֲצוֹת" וָואס עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ט) אֲמִירַת חֲצוֹת אִיז אַזוֹי וִוי אַ פִּדְיוֹן, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

בִּכְלַל זָאלְסְטוּ זֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) טוֹב הַוַיָ"ה לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו, דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם וִויל צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וְכוּ', אוּן וִויל דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת וָואס עֶס וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט פַּארְן מֶענְטְשׁ מֵחֲמַת זַיינֶע עֲווֹנוֹת וְחַטָאִים, בְּרֶענְגְט דָאס אִים

אַרײַן כָּל מִינֵי דִמְיוֹנוֹת מִיט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרײַן, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"א)

מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרײַן אִין אַ גֶעוָועלְבּ אַ גֶעשֶׁעפְט אַ סְטָאר, דֶער גֶעוָועלְבֶּער דֶער סְטָאר קִיפֶּער גֶעבְּט אוֹיף בָּארְג אוּן עֶר שְׁרַייבְּט אוֹיף, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרײַן אוּן עֶר נֶעמְט אוֹיף בָּארְג אוּן נָאכְדֶעם צָאלְט עֶר אָפּ; - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בָּארְגְן פַאר זִיךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מְקַיֵים זַיין אַפָּאר מִצְווֹת? דָאס וֶועט אִים דָאךְ בְּלַייבְּן, עֶר וֶועט דָאךְ בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פַאר דֶעם! עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרִינְג צוּ זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, צוּ זָאגְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית וָואס דוּ גֵייסְט, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף זִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מְזוּזָה וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף דִי טִיר; דוּ קוּמְסְט אַרײַן דוּ גֵייסְט אַרוֹיס, גֶעבּ אַלְץ אַ קוּשׁ דִי מְזוּזָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תְּפִילִין וָואס דוּ הָאסְט הַיינְט אָנְגֶעטוּן.

**עֶס** קוּמְט צוּ עֶסְן מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּם עֶסְן אוּן מֶען זָאגְט דִי בְּרָכָה 'עַל נְטִילַת יָדַיִם', אוּן מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג וָואס מֶען עֶסְט עֶס זָאל נָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטֶענֶע מַאֲכָלִים מִיט

אַן עֶרְלִיכְן הֶכְשֵׁר; אוּן וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט, בֶּענְטְשְׁט מֶען מִיט מוֹרָא'דִיגֶע כַּוָונָה אִין סִידוּר דֶּייקָא, פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת אִינְזִינֶען הָאבְּן, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה לַעֲשִׁירוּת. אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּענְטְשְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן בֶּענְטְשְׁט אִין אַ סִידוּר, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ וֶוערְן רַייךְ. אַ אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, אוּן וָואס דַארְף מֶען זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן? וָואס דַארְף מֶען זַיין צוּוֶועלַייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג? צִי וֵוייסְטוּ נִישְׁט אַז דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין וָואס עֶר צוּבְּרֶעכְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מַאכְט פוּן אִים אַשׁ אוּן פַארֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אִים אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, אִין אַ יֵאוּשׁ, אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וִוי פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין? אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶר וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן! בֶּעט אִיךְ דִיר: נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט אִין אַ בַּאזוּנְדֶער אָרְט וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

**נָאר** שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זִינְג זִיךְ אִינְטֶער אַ נִיגוּן, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין בַּעַל מְנַגֵן, זִינְג זִיךְ אִינְטֶער צְוִוישְׁן

דִיר מִיט זִיךְ אַ נִיגוּן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רע"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זִינְגֶען אַ נִיגוּן אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי נִיגוּן, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט קַיין בַּעַל מְנַגֵן, אָבֶער יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ זִינְגֶען זַיין נִיגוּן, אוּן דָאס וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע, גֶענוּג שׁוֹין מָרָה שְׁחוֹרָה, גֶענוּג שׁוֹין עַצְבוּת, גֶענוּג שׁוֹין דִיפְּרֶעסְיֶע, גֶענוּג שׁוֹין יִאוּשׁ, הֵייבּ אָן פוּן נֵיי, מַאךְ אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**הֵייבּ** אָן צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן שִׂמְחָה, וֶועסְטוּ אַלֵיין זַיין פְרֵיילִיךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ גֶעפַאלְן אוּן אִיז בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין, דִי עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין אִיז מְחַזֵק צוּ זַיין יֶענֶעם, אִיבֶּערְדֶעם זַיי מְחַזֵק יֶענֶעם, וֶועסְטוּ אוֹיכֶעט הָאבְּן גַדְלוּת הַמּוֹחִין.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קלד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ה טֵבֵת ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דַארְפְסְט** ווייסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דֶער וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיין קָאפּ אִיז פִיל מִיט טִינוּף מִיט צוֹאָה וכו' וכו', ווִי אִיז דָאס גֶעמָאלְט גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַזוֹי אָפְּרֶעדְן אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? דָאס קוּמְט נָאר וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית דֶעמָאלְט קוּמְט אִים אַריין מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז זִיךְ מְזַכֵּךְ דִי בְּלוּט מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ה) אַז וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן אִיז אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט נִזְדַּכֵּךְ זַיין בְּלוּט, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג וָואס עֶר עֶסְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין דֶעם קַיין שׁוּם תַּעֲרוּבוֹת פוּן נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'ע עֶסְן, דֶעמָאלְט הָאט עֶר לוֹיטֶערֶע בְּלוּט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, לְהֶיפֶּךְ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וָואס עֶר עֶסְט, וּבִפְרַט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשַׁל אִין מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, וָואס דָאס אִיז לֵיידֶער הַיינְט זֵייעֶר פַארְהַאנְדִין, וּבִפְרַט אַז מֶען עֶסְט אִינְטֶערְוֶועגְנְס,

אַבִּי גֶעבַאפְּט וכו׳, אַבִּי גֶע׳נַאשְׁ׳ט וכו׳, גֶעקוֹיפְט זַאכְן מִיט בְּדִיעֶבד׳יגֶע הֶכְשֵׁרִים וכו׳, אוּן אַמָאל בִּכְלַל אָן אַ הֶכְשֵׁר, אוּן וָואס ווִיל מֶען אַז דֶער בְּלוּט זָאל זַיין לוֹיטֶער?

דֶער רַמְבַּ״ם בְּרֶענְגְט (אִיגֶּרֶת תֵּימָן) אַז אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, דוּרְכְדֶעם קוּמְט אִים קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּיז עֶר פַאלְט אַרַיין אִין בִּיטֶערֶע כְּפִירוּת רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, מִכָּל שֶׁכֵּן אֵיינֶער וָואס אִיז אוֹיכֶעט פּוֹגֵם בִּבְרִית וכו׳, אַוַודַאי אִיז זַיין מוֹחַ צוּדְרֵייט אוּן פַארְקְרִימְט וכו׳ וכו׳, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן נָאר קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ אִיד זָאגְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג (תְּהִלִּים קמ״ה) ״צַדִּיק הַוָי״ה בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו״, ׳גָאטֶענְיוּ אִיז תָּמִיד גוּט׳ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דַארְף מֶען ווִיסְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז גֶערֶעכְט, אוּן אוּנְז דַארְפְן מִיר נָאר בֶּעטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גוּט זַיין, אוּן אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ ווִילְסְט נָאר מַיין גוּטְס, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ס״ב) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ״ג) ״וְאֵל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים״ דָאס מִיר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעב אוּנְז אִיבֶּער דֶעם רַחְמָנוּת אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְט, וָוארוּם אַמָאל קֶען זַיין דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל נָאר אוּנְזֶער גוּטְס ווִי כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְשְׁטֵייט, אָבֶער אוּנְז קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם דִּינִים אוּן עוֹנְשִׁים, בֶּעטְן מִיר ״וְאֵל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים״ גֶעב אִיבֶּער דִי רַחְמָנוּת אִין אוּנְזֶערֶע

הֶענְט, אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי רַחְמָנוּת אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְט, און זָאלְסְט פִירְן אַזוֹי וִוי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן כִּבְיָכוֹל מִיר דַארְפְן הָאבְּן גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה און קִינְדֶער און נַחַת פון זֵיי, דָאס אִיז דִי גֶרֶעסְטֶע בְּרָכָה.

עַל כָּל פָּנִים וִוי עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, וָוארוּם וֶוער סְ'הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז זַיין לֶעבְּן גָאר גָאר אַנְדֶערְשׁ, אַלֶעס פִירְט זִיךְ אִים גְלַייךְ, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ דַארְף אַזוֹי זַיין, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעֲלָה; אַ מֶענְטְשׁ קָאפְּט נִישְׁט קֵיין קְלַאפּ אִין פִינְגֶער'ל אֵיידֶער מֶען רוּפְט אוֹיס אוֹיבְן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פון אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, דוּ וֶועסְט זֶען אַז דִי רְשָׁעִים וֶועלְן הָאבְּן אַ מַפָּלָה.

וַוארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, און עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און אַסַאךְ דַפִין גְמָרָא, מִיט אַסַאךְ סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און אַסַאךְ דַפִין זוֹהַר, מִיט אַסַאךְ דַפִין תִּיקוּנִים, דָאס וֶועט דִיךְ בְּלַייבְּן, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז שְׁטוּתִים און הֲבָלִים, וָואס אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה און תְּפִלָּה מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאס גֵייט מִיט אִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי יוֹסִי בֶּן קִיסְמָא הָאט גֶעזָאגְט (אָבוֹת

פֶּרֶק ו׳) אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת אֶלָא תּוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד; און דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, זֶע קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְקְרוּמֶען מִיט דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת וכו׳ וכו׳, דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז נָאר אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית הַנִצְחִי, סְ׳וֶועט קוּמֶען אַ טָאג אַ שָׁעָה אַ רֶגַע וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, און מֶען נֶעמְט מִיט זִיךְ גָארְנִישְׁט מִיט, נָאר תּוֹרָה און תְּפִלָה מִיט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קלה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ״ה טֵבֵת ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט וויסְן אֵיין זַאךְ, שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן דִי טוֹבוֹת און דִי חֲסָדִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט דִיךְ גֶעטוּן, דוּ בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין גֶעלֶעגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וכו׳ וכו׳, און מֶען הָאט דִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דָארְטְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן חֶסֶד וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט דִיךְ גֶעטוּן, וּבִפְרַט אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען

הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קִינְד, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

יֶעצְט, זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פַארְפְּלָאנְטֶעְרְט צוּ וֶוערְן מִיט דִי מַלְכוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז צוּ רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען אַ אִיד וָואס עֶר פְלֶעגְט הַאנְדְלֶען מִיט גֶעשֶׁעפְטְן אַקֶעגְן דִי מַלְכוּת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אִים שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶענִיצְט גָארְנִישְׁט בִּיז מֶען הָאט דֶעם אִיד גֶעכַאפְּט, אוּן מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רַחֲמִים דוּרְךְ אַ בְּרִיוו פוּן תְּפִיסָה, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאל עֶפֶּעס טוּן פַאר אִים, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין חֲרָטָה, אוּן עֶר זֶעט ווִי גֶערֶעכְט אִיר זֶענְט גֶעוֶוען, אוּן עֶס טוּט אִים בַּאנְק וכו' וכו', הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין אַ בְּרִיוו, "אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט אֶמֶת'ע חֲרָטָה, וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין יֶעצְט אוֹיכֶעט, אָבֶער דַיין חֲרָטָה אִיז, אַז וָואס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַזַא וֶועג וָואס מֶען הָאט מִיךְ גֶעכַאפְּט, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיף אַ וֶועג ווִי מֶען וָואלְט מִיר נִישְׁט גֶעכַאפְּט" זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז חֲרָטָה נִיצְט שְׁטֶענְדִיג, אָבֶער דִי חֲרָטָה דַארְף זַיין מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, נִישְׁט אוֹיף אַזַא אוֹיפְן "אִיךְ לְעוֹלָם דַארְף אִיךְ שְׁווִינְדְלֶען וכו' אוּן מֶען וֶועט מִיר נִישְׁט כַאפְּן וכו', אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיךְ כַאפְּן וֶועל אִיךְ חֲרָטָה הָאבְּן וכו', אוּן אִיךְ

װעל חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַזַא װעג וכו׳׳, אֶמֶת בַּיים רֶבִּי׳ן מֵיינְט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ט׳) אַז װען אַ אִיד זָאגְט דִי דִיבּוּרִים מִיט אַן אֶמֶת לַייכְט אִים דִי דִיבּוּרִים, אָבֶּער דֶער אֶמֶת דַארְף זַיין מִיט גָאר גָאר אַ שְׁטַארְקְן אֶמֶת, עֶר זָאל רֶעדְן אַזוֹי וִוי זַיין אֶמֶת, בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אוֹיב דוּ װעסְט זִיךְ פִּירְן אוֹיף אַזַא אוֹיפְן װעסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין דַיין לֶעבְּן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, װעסְטוּ זֶען דָאס װעט דִיךְ בְּרֶענְגֶן אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּב, וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אֵיינְס צוּ צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אַז דוּ װעסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת װעסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן װען דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן װען דוּ קֶענְסְט זִיךְ נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא אִיז אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי בֶּעסֶער, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ װעסְט מִיךְ פָאלְגְן װעסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן אוֹיף דִי װעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע װעלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קלו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בְּשַׁלַּח ט' שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם רַב אֶל ... תִּחְיֶה

עֶנְקֶערֶע מֶענֶער הָאבְּן מִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל עֶנְק שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער וְכוּ'.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "פַארְוָואס מַאכְט אִיר נִישְׁט עֶנְקֶערֶע פְרוֹיעֶן פַאר חַסִידוֹת'טֶעס?" וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אִין שְׁטוּב שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז יֶעדֶער מַאן זָאל זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, זַיין וַוייבּ, וַוייל זֵי לַיידְט גֶענוּג צָרוֹת, צַעַר הָעִיבּוּר וְכוּ', צַעַר הַלֵידָה וְכוּ', צַעַר הַגִידוּל וְכוּ', אוּן אַז דִי פְרוֹי וֶועט אוֹיכֶעט זַיין אַ חַסִידוֹת'טֶע פוּן דֶעם זֶעלְבְּן רֶבִּי'ן ווִי דֶער מַאן אִיז אַ חָסִיד, דֶעמָאלְטְס וֶועט הֶערְשְׁן צְווִישְׁן זֵיי אַ שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אֵיינֶער וֶועט אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן.

אוּן מֶען זֶעט ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דֶער שָׂטָן פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען הֶעצְט דִי פְרוֹי אַקֶעגְן מַאן, "קוּק נָאר צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז מְקוּרָב!", אוּן דֶער פְרוֹי שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִיר חַבֶר'טֶע, כְּאִילוּ זִי דִי גְרוֹיסֶע חַכֶמֶת זִי וֵוייסְט שׁוֹין וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל

איז זי גורם עֶס זָאל זַיין מַחְלוֹקֶת צְווישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אוּן דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶע חַסִידוּת'ער, וֶוען דִי פְּרוּי מִישְׁט זִיךְ אַריין אִין דֶעם מַאנְ'ס וֶועג וְכוּ', וַוייל דִי חַבֶרְ'טֶע בַּאלַאנְגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אוּן זי הֶעצְט אוֹיף דִי חַבֶרְ'טֶע אַקֶעגְן אִיר מַאן, בִּיז עֶס וֶוערְט צְווישְׁן זֵיי אַ וִויכּוּחַ אוּן אַ מַחְלוֹקֶת. אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חַסִידוּת, דֶעמָאלְט אִיז דֶער שָׂטָן זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין אַסַאךְ חַבֶרְ'טָארִינְס הֶעצְן דִי וַוייבּ אַקֶעגְן אִיר מַאן, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע רְצִיחָה וֶוען חַבֶרְ'טָארִינְס הֶעצְן אַ פְּרוֹי אַקֶעגְן אִיר מַאן. - פוּן וֶוען אָן מִישְׁט זִיךְ אַ פְּרוֹי צוּ וָואסֶערֶע חֲסִידוּת אִיר מַאן בַּאלַאנְגְט? אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַ פְּרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אוֹיף מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אוּן הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס קוּמְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר דוּרְךְ דִי פְּרוֹי, אוּן עֶר דַארְף אִיר זֵייעֶר שֶׁעצְן. ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ, (תְּכַבְּדוּ וּתְיַיקְּרוּ אֶת נְשׁוֹתֵיכֶם כְּדֵי שֶׁתִּתְעַשְּׁרוּ); דָאס הֵייסְט אוֹיבּ אַ מַאן אִיז זֵייעֶר נִזְהָר אִין דִי כָּבוֹד פוּן זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט קוּמְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ. אוּן אוֹיף דֶעם הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעשְׁטֶעלְט.

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ פְרוֹי זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיר מַאן אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, אוּן זִי וֶועט גֶעוִוינֶען פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ, סַיי כָּבוֹד פוּן דִי מַאן, סַיי הִילְף פוּן דִי מַאן וְכוּ', אוּן וֶועגְן אַ שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְ'טָארְן וָואס אִיז אִיר מְקַנֵא וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, קֶען זִי אוֹיפְהֶעצְן דִי פְרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד מִיט אַלֶע לִיגֶענְטְס אוּן מִיט אַלֶע לֵיצָנוּת, וְכוּ', וְכוּ', פְרֶעגְט זִיךְ דִי שְׁאֵלָה: לוֹינְט זִיךְ דֶען אָנְצוּוֶוערְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט וֶועגְן אַ חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיז פוּל מִיט קִנְאָה? אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן זָאל זִיךְ פִירְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אוּן דָאס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פַאר דִיר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, וָוארוּם דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֶען וָואס הֵייסְט אַן עֶכְטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען מֶען לֶעבְט מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן מִיט כָּבוֹד.

**דֶער** עִיקֶר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי מָאדֶע פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע גוֹיִים וְכוּ', אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט הָאבְּן דִי טָמֵא'נֶע כֵּלִי אִין שְׁטוּב, אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ', וָואס דָאס הָאט שׁוֹין לֵיידֶער חָרוּב גֶעמַאכְט אָן אַ שִׁיעוּר אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן מִיט דַיין מַאן צוּזַאמֶען, אוּן בֵּיידֶע זָאלְט עֶטְץ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי שְׁטוּב זָאל זִיךְ פִירְן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּב, מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

**אַזוֹי** ווִי דִי וָואךְ וֶועט זַיין חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען מַאכְט אַ סְעוּדָה בָּרַבִּים, אִיז זֵייעֶר

וואוּיל אַז יֶעדֶער פְּרוּי זָאל עֶפֶּעס קָאכְן אָדֶער בַּאקְן לְכָבוֹד דִי סְעוּדָה, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועט עֶמְץ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט בְּרֵייט פַּרְנָסָה אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, ווִי סְ'שְׁטֵייט (דְבָרִים כ׳) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה".

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## קלז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר יִתְרוֹ י״א שְׁבָט ה'תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ לִיגְסְט אִין אַזַא טִיפֶע בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַלֵיין שׁוּלְדִיג, ווייל מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט, אוּן דוּ ווילְסְט נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין מֶענְטְשׁ "דוּ בִּיסְט צוּגֶעגְלִיכֶען צוּ אֵיינֶעם וָואס טְרוּנְקְט זִיךְ אִין יַם, אוּן וֶוען אֵיינֶער ווִיל אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַ זִיכֶערְן טוֹיט, שְׁרַייט עֶר 'לָאז מִיךְ אָפּ!' וְכוּ'".

**אַלֶע** צָרוֹת דַיינֶע נֶעמְט זִיךְ ווייל דוּ צִיעֶסְט זִיךְ צוּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס אִיז אַלֵיין דִי קְלִיפּוֹת מִיט דִי סִטְרָא אַחְרָא. וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט

נָאר שִׂמְחָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א׳ ט״ז) ״עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ״. אַוודַאי אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ וְכוּ׳, ווָארוּם אַ מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ שִׂמְחָה, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ״ד) אַז שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פְּרֵיילִיךְ צוּ זַיין, אָבֶער גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיילִיךְ, ווערְט אִים דֶערְבְּרֵייטֶערְט דִי הַארְץ אוּן דֶער שֵׂכֶל, אוּן דֶעמָאלְטְס ווִיל עֶר שׁוֹין נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם נַארִישְׁקֵייטְן, ווָארוּם מִיט עַצְבוּת פַארְלִירְט מֶען דִי שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן, אוּן דִי חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אַ מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר הָאט שֵׂכֶל וֶועט נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם עֲבֵירָה. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע״ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַריין גַדְלוּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אוּן עֶר ווֵייסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים נֶעבְּן אִים, אוּן קוּקְט אוֹיף אִים, דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים אַוֶועקְפַאלְן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים בֶּעטְן טוּן אַן עֲבֵירָה וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְט זֶען צוּ זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ נֵייטְן צוּ שִׂמְחָה, אֲפִילוּ סְ׳וֶועט דִיךְ אָנְקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, טוּ אַלֶעס ווָאס עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אַבִּי צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ גֵיין נָאר מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיר דַיין מַחֲשָׁבָה צִיעֶן

נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז בְּשִׂמְחָ"ה דִי אוֹתִיוֹת מַחְשָׁבָ"ה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז אוֹיבּ אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר דְרֵייעֶן מִיט דִי מַחְשָׁבָה ווִי עֶר ווִיל. אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶועןן פוּן דֶעם יַם פוּן דִי תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֶען נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דַיין מַחְשָׁבָה וֶועלְן נָאר טְרַאכְטְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוֹיךְ זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, וָואס דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶס הָאט זִיךְ אִין דִיר צוּגֶעקְלֶעבְּט, וָוארוּם מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, עֶס אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייטְן, אוֹיךְ מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנֶה אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַשְׁפִּיעַ פַּרְנָסָה. זֶע זַיי שְׁטַארְק אִין דֶעם, וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קלח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"א שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַיין אַרְבֶּעט וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית

רַבָּן, דָאס אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי פֶּרֶק ב') בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם, וּכֵיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיַּד נֶהֱפָּךְ כַּעְסוֹ לְרַחֲמִים; וּבִפְרַט אַז מֶען גֶעוואוינְט צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן קִינְדְוַוייז אוֹיס אַז זֵיי זָאלְן רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לג) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דִי עִיקָר אֱמוּנָה אָן חָכְמוֹת, נָאר אַזוֹי ווִי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גְלֵייבְּן; אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, "נָאךְ אַלֶע מֵיינֶע הַשָּׂגוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ מַשִּׂיג גֶעוֶוען אוּן דֶערְגְרֵייכְט, לֵייג אִיךְ אַלֶעם אַוֶועק אוּן אִיךְ דַאוֶוען אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד אָן שֵׂכֶל וְכוּ'". ווייל דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אֱמוּנָה אִיז אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע הַשָּׂגוֹת, נָאר פָּשׁוּט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם אֵייגֶענֶע חָכְמוֹת. מֶען זֶעט בַּיי דִי וֶועלְט זוּכְט מֶען מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וְכוּ', אוּן וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם וָואס קֶען עֶפֶּעס כַּוָּונוֹת וְכוּ' אִיז מֶען אִים מְקַנֵּא וְכוּ', אָדֶער מֶען ווִיל אִים נָאכְמַאכְן וְכוּ', אוּן קֵיינֶעם פַּאלְט נִישְׁט אַיין אַז אַלְסְדִינְג קוּמְט נִישְׁט צוּ פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי קִינְדֶערְלֶעךְ גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ טוּסְט גָאר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וָואס דָאס וֶועט זֵיי צוּנוּץ קוּמֶען אוֹיף דֶעם גַאנְצְן

לֶעבְּן, וָוארום דו וֵוייסְט אַז דִי לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אַזוי וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריקֵייטְן אִין זַיין לֶעבְּן וְכוּ׳, מֶען הָאט אִין לֶעבְּן גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, אוּן רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן ווִיאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, נָאר וֶוערְן מֶער פַארְפְּלָאנְטֶערְט אוּן פַארְדְרֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳. מַה שֶׁאֵין כֵּן אוֹיבּ מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווִיאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, דָאס וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן דָאס וֶועט זֵיי דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס קוּמְט פָאר אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אַ יוּנְג קִינְד הָאט אַ רֵיין הַארְץ, אוּן אַז מֶען לֵייגְט אִין אִים אַרַיין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דָאס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיי אִים דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן ס׳וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דָאס טוּסְטוּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) עַל הַפָּסוּק (דָנִיאֵל י״ב) ״וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד״ אֵלוּ מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת; וָואס דֶער פְּשׁוּטֶער פֵּירוּשׁ אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְן אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דֶעם זְכוּת פוּן דִי מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קי״ט) ״כָּל

מִצְווֹתֶיךָ אֱמוּנָה" אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס דֶער עֶרֶב רַב זֶענֶען זֵייעֶר צוּשְׁפְּרֵייט, אוּן הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלֶע עֶרְלֵיי כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶע דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת וָואס אִיז יֶעצְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס לֵיידֶער דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע זֶענֶען אִין דֶעם אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן. אוּן מֶען דַארְף גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַּאלְן אִין דֶעם נֶץ פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִיז הַיינְט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְגְרֵייכְן, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת אוּן פַארְקְרוּמְטְקֵייט בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְגֵיין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי אַ פְּרָאסְטֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? ווייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן חָכְמוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ תְּהִלִּים.

מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן זוּכְן מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וְכוּ', אוּן וֶוען ס'דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעזֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וְכוּ' הָאבְּן זֵיי קֶעלְבֶּערְנֶע הִתְפַּעֲלוּת וְכוּ' וְכוּ', וָואס דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּת,

וַוייל דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶער אִיד פִירְן זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ מִיט אַן אֱמֶת: גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אִין טָאג, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן דַאוֶוענֶען וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן סִידוּר, אוּן מְכַוֵין זַיין פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט, צִיצִית תְּפִילִין מְזוּזָה כַּשְׁרוּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן לֶערְנֶען תוֹרָה יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, מִיט מִשְׁנַיוֹת, מִיט גְמָרָא, וְכוּ', אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ. דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַלְוַואי** זָאלְן מִיר דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אָנְגֶעקְלֶעבְּט מִיט נַארִישֶׁע חָכְמוֹת וָואס אִיז הוֹילֶע דִמְיוֹנוֹת. אָבֶּער וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן חָכְמוֹת, מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, דֶער דֶערְגְרֵייכְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז ווּאוּיל אִיז דֶער מְלַמֵד וָואס עֶר לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי גוּטֶע מִדוֹת, קַיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, אוּן דֶערְוַוייטֶערְן זִיךְ פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן לָשׁוֹן הָרַע, אוּן רְכִילוּת, וְכוּ' וְכוּ', נָאר זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ. אוּן אוֹיף אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (שַׁבָּת קי"ט:) אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵים אֶלָא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; אַז ווּאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַזַא מְלַמֵד וָואס לֶערְנְט דָאס מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער. נָאר גֶעדֶענְק גוּט אַז אַ מְלַמֵד מוּז זַיין גֶעדוּלְדִיג, הָאבְּן סַבְלָנוּת, מֶען

דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב) "חֲנֹךְ לְנַעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קלט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"א שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב' סִימָן פ"ב) אַז פַארְוָואס גֵייט אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, אַלֶעס גֵייט אִים פַארְקֶערְט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט וְכוּ' וְכוּ'? דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן גַאֲוָה וְגַדְלוּת וָואס עֶס הָאט זִיךְ אִין אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט, וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל, דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים גֵיין כְּסֵדֶר. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן גַאֲוָה וְגַדְלוּת, וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ יֵשׁוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נב), אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וִוי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן

דָארְטְן בֶּעטְן רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ זַיינֶע מִדּוֹת רָעוֹת. קוֹדֶם זָאל עֶר בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה רָעָה אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דִי צְווייטֶע מִדָּה רָעָה אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דִי דְרִיטֶע מִדָּה רָעָה, וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז עֶר וֶועט אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת. אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין זִיכֶער אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעריסְן פוּן זִיךְ אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן דֶער עֶפֶּעס בַּיי אִים, דָאס אִיז דֶער יֵשׁוּת וָואס אִיז דָא בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין זִיךְ קַיין שׁוּם גַאֲוָה וְגַדְלוּת, קַיין שׁוּם יֵשׁוּת וְכוּ'. אוּן דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין, נָאכְן יִשּׁוּב הַדַּעַת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וויינֶען, טַייכְן טְרֶערְן גִיסְן: ווִי קֶען זַיין אַז אַזַא גְרָאבְּיַאן, אוּן אַזַא פָּשׁוּטֶער עַם הָאָרֶץ ווִי עֶר אִיז זָאל נָאךְ הָאבְּן יֵשׁוּת אוּן גֵיאוּת? לֵיידֶער לֵיידֶער קֵיינֶער כַּאפְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן יֵשׁוּת אוּן גֵיאוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶען צוּבְּרֶעכְן פוּן דִיר דַיין גַאֲוָה דַיין גַדְלוּת דַיין יֵשׁוּת וְכוּ' וְכוּ', קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, קוּק נָאר אוֹיף דִיר, זָאלְסְט ווִיסְן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אַלֵיין יֵשׁוּת וְגֵיאוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל נִישְׁט וֶועלְן גָארְנִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע רָצוֹן נָאר וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל, וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קע"ז), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים, עֶר וויל גָארנִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע רָצוֹן נָאר וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וויל, דָאס הֵייסְט עַלִיַית הַמַלְכוּת, דָאס עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, אוּן אַלֶעס גֵייט אִים פַּארְקֶערְט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ הָאסְט אִין זִיךְ יֵשׁוּת וְגֵיאוּת, אוּן דוּ ווִילְסְט זַיין אַ רֶבִּי וְכוּ׳, אַ מְפוּרְסָם וְכוּ׳, אַ גָאוֹן וְכוּ׳, אַ רָב וְכוּ׳, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין רָצוֹן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר מְקַיֵים זַיין דִי תּוֹרָה אוּן דִי מִצְווֹת, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ס"ז), הַסְנֶה הַסְנֶה לַאו מִשׁוּם דִגְבִיהַת מִכָּל אִילָנֵי אַשְׁרֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שְׁכִינָתֵיהּ עַלָךְ, אֶלָא מִשׁוּם דְמָיְיכַת מִכָּל אִילָנֵי אַשְׁרֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא שְׁכִינְתֵּיהּ עַלָךְ, [דָארְן בּוֹים, דָארְן בּוֹים: נִישְׁט וַוייל דוּ בִּיסְט הֶעכֶער פוּן אַלֶע בֵּיימֶער הָאט הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גֶעמַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אוֹיף דִיר, נָאר וַוייל דוּ בִּיסְט נִידְרִיגֶער פוּן אַלֶע בֵּיימֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אוֹיף דִיר] זֶעט מֶען פוּן דֶעם, וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ פַּאר גָארְנִישְׁט, רוּעֶט אִין אִים דִי שְׁכִינָה. אִיבֶּערְדֶעם אַז ס'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה: זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ

פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת. ווי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה) הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעְלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל; דָאס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ דָאס אִיז הֶעכֶער ווִי אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט. ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן בֶּעטְן דֶער עִיקָר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן זָאלְסְט נִישְׁט וֶועלְן קַיין אַנְדֶערֶע רָצוֹן נָאר וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל, אַזוֹי וֶועט דִיר אָנְהוֹיבְּן צוּ גֵיין אַלֶעס כְּסִדְרָן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן שׁוֹין זוּנְטָאג, אוּן בִּיז פְּרַייטָאג זָאלְסְטוּ דָאס עֶנְדִיגְן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעפַּסְקֶענְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר, פוּן זוּנְטָאג אָן הֵייסְט שׁוֹין עִם הַצִּבּוּר. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם, וָוארוּם דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים. אַזוֹי ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.), לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר

אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאלְסְט זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ' וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דַיין נְשָׁמָה וְכוּ'.

אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דִי גְרוֹיסֶע מַעְלָה פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת ווי דָאס אִיז מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה, וָואלְט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם דָאס וֶוער עֶס זָאגְט יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט הַארְגֶענֶען דָאס יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) אוּן אֵיינֶע פוּן דֶיע אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל, אִיבֶּערְדֶעם זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וועסְטוּ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין לֶעבְּן, וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן אַזוֹי לֵיידִיג וְכוּ'. וְעַל כּוּלָם זֶע מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס פוּן בְּרָכוֹת, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵּים זַיין בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן שַׁבָּת, אוֹיבֶּעט אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אוֹיבֶּעט מְסַיֵּים זַיין, וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת עֵירוּבִין וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס. אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, דִי קְלִיפּוֹת אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ הִיטְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר ווִיל דִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶן גַאֲוָה אוּן גַדְלוּת, דָאס אִיז נָאךְ אַרְגֶער פוּן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט דֶעם אֶמֶת וֶוער עֶר אִיז וְכוּ', דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אָבֶער וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶר ווִיל גֶעוֶועלְטִיגְן אוּן דִיקְטִירְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף דֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת. אִיבֶּערְדֶעם רַייס אַרוֹיס פוּן דִיר דִי גַאֲוָה אוּן דִי יֵשׁוּת, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט דִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין אַלֶעם כְּסִדְרָן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קמ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"א שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַ מִצְוָה דְאוֹרַיְיתָא, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אוֹיף דֶעם, וָוארוּם ס'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבּ רֶעדְן אוֹיף אַ טַאטְן, אָדֶער מְבַזֶה זַיין אַ טַאטְן חָלִילָה וְחַס, אוֹיף דֶעם קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מִידַת חֲסִידוּת וְכוּ', דָאס אִיז אַ מִצְוַות

עַשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דֶעם. ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:), בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי; וֶוען אַ אִיד אִיז מְכַבֵּד זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ וֶועל וואוֹינֶען צְווִישְׁן עֶנְק, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען אִיז מְבַזֶּה אַ טַאטְן אוּן אַ מַאמֶען, ווייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט וואוֹינֶען דָארְט, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט ווִי דוּ מֵיינְסְט.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק כז) כָּל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מִן הָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם, דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה בַּאלַאנְגְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר ווייל גָארְנִישְׁט נָאר מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט אוֹיף דַיין טַאטְן אוּן מַאמֶען. אֱמֶת אִיךְ בִּין דִיר דָן לְכַף זְכוּת פוּן רוֹב צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס סְ'דַאכְט זִיךְ דִיר אַז זֵיי ווילְן דִיךְ נִישְׁט זוּכְן קֵיין שִׁידוּךְ הָאסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ אוֹיף זֵיי וְכוּ', אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין תִּירוּץ; אַ טַאטְן אוּן אַ מַאמֶען דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין מִיט גֶרֶעסְטְן מָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ. אוּן עֶס וָואלְט זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען אַז דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן ר"מ הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן זָאלְסְט חַזֶּרְן דֶעם סִימָן אַסַאךְ מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט עֶס קֶענֶען אוֹיסְנְווייניג, וָוארוּם דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶע הַלָכוֹת'עֶר וָואס יֶעדֶער אִידִישׁ קִינְד דַארְף דָאס גֶעדֶענְקְן אוּן ווִיסְן.

און עס ווערט געבּרענגט, אַז דער גרויסער גאון און צדיק רבּי דוד מקאַרלין זצ"ל האט געהאט א בּית דין און מען פלעגט קומען צו אים צו דין תורות. איינמאל איז געקומען אַ טאטע מיט אַ זון צו אים אויף אַ דין תּוֹרה, און ער האט אויסגעהערט בּיידענס טענות. פּלוּצלינג האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער האט געזאגט "איך קען נישט פּסקענען דעם דין תּוֹרה!" האט מען אים געפרעגט "פאַרוואס?" האט ער געענטפערט פאַרן זון, "די מינוט וואס דו האסט אַרויסגעזאגט דברי גנאי וכו' בּזיונות ווערטער אויף דיין טאטן, בּין איך דיר געווארן אַ שׂוֹנא, אַזוי ווי עס שטייט (תּהלים קל"ט כ"א) "הלא משׂנאך הוי"ה אשׂנא ובתקוממך אתקוטט", וויפיל דו בּיסט געווען אַ חצוף און עזות פּנים אויף דיין טאטן, האב איך דיר פיינט בּתכלית השׂנאה. און די תּוֹרה הקדושה האט אונז געזאגט אַז אַ שׂוֹנא טאר נישט דן זיין דעם צווייטן, ווייל דו בּיסט אַן עזות פּנים פאר דיין טאטן האב איך דיר פיינט, קען איך נישט זיין אין דעם דין תּוֹרה", און ער האט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאנגען. זעט מען פון דעם ווי הארב די מצוה פון כּיבּוד אב ואם איז, און מען טאר נישט מזלזל זיין אין דעם.

זע תּשובה צו טון, און בּעט איבּער דיין טאטן און מאַמען. גלייב מיר מיט דעם וואס זיי וועלן זען אַז דו לערנסט יעדן טאג אַסאך פּרקים משניות, און אַסאך דפין גמרא, און אַסאך פּרקים שולחן ערוך, אַפילו זיי וועלן קריגן בּיים

אָנְפַאנְג אוֹיף דִיר זֵיי וֶועלְן זָאגְן "דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ וְכוּ'", דוּ שְׁוַוייג אוּן עֶנְטְפֶער נִישְׁט, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן זֶען ווי דוּ בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען אוּן דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף מִיט גוּטֶע מִדּוֹת וֶועלְן זֵיי בַּיים סוֹף דִיךְ מְכַבֵּד זַיין.
אָבֶּער דוּ טָארְסְט נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ טַאטְן מַאמֶען גָארְנִישְׁט, וָוארוּם סְ'אִיז זֵייעֶר הַארְבּ רֶעדְן אוֹיף אַ טַאטֶע מַאמֶען.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין פָּאטֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הֶערְץ זַ"ל זֵייעֶר גֶעקְרִיגְט אוֹיף זַיין זוּן, אוּן הָאט אִים גֶערוּדְפְט, אוּן הָאט אִים גֶעוָואלְט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גָארְנִישְׁט גֶענְטְפֶערְט זַיין טַאטְן, נָאר עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, אוּן וויפִיל דֶער פָּאטֶער הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶוען אוּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען וְכוּ' פוּן אַלְסְדִינְג וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל נִישְׁט גֶענְטְפֶערְט, גֶעשְׁווִיגְן, אוּן הָאט אַלְץ גֶעלֶערְנְט מֶער אוּן מֶער, בִּיז סְ'הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַז זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעלוֹיבְּט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז מֵיין זוּן רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מִיר מְכַבֵּד מֶער ווי אַלֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן רֶבִּי נָתָן, אַזוֹי הָאט עֶר אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרֶענְסְט קִינְד, אוּן עֶר ווִיל נָאר דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.
אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אוֹיבֶּעט טוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶועסְטוּ זֶען אַלֶעם וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**לֵייְדער** לֵייְדער אִיז דָא בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרַע אוּן בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת וָואס זֵיי הֶעצְן אוֹיף אַקֶעגְן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלַל, אוּן צוּ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בִּפְרַט. אִיבֶּערְדֶעם אִיז דֶער עִיקָר נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן, נָאר לֶערְנֶען מִיט גְרֶעסֶערֶע הַתְמָדָה, אוּן דַאוֶּוענֶען מִיט מֶער כַּוָּונָה, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ, וֶועט דֶער גוּטֶער נָאמֶען גֵיין פַאר דִיר, אוּן אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה. גֶעדֶענְק אַ טַאטְן אוּן אַ מַאמֶען טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶר כָּבוֹד.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קמא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"א שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**מַיין** צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בַּאֲרִיכוּת.

**דוּ** הָאסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר דִיר, זֶע צוּ חַזֶרְן אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם גוּף וָואס עֶס אִיז דָא לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶועְרִים אִין קֵבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען. דוּ דַארְפְסְט

ווייסן אַז דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט אַז ס'וֶועט אוֹיפְמַאכְן אַלֶע אָדֶערְן, אוּן ס'וֶועט צוּבִּינְדְען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ הוּא בְּתוֹךְ הַסֵּפֶר; אַז מֶען ווִיל זֶען דֶעם צַדִּיק דַארְף מֶען קוּקְן אִין דֶעם סֵפֶר, דָארְטְן אִיז בַּאהַאלְטְן זַיין פָּנִים, זַיין שֵׂכֶל, זַיין נְשָׁמָה. אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וֶועסְטוּ זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָן לֶערְנֶען "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אִיז מֶען בִּכְלַל נִישְׁט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינֶרעדְן אַנְדֶערְשׁ.

מֶען זֶעט הַיינְט פַּארְקְרוּמְטֶע דְרָכִים וָואס ס'גֶעפוּנֶען זִיךְ אִינֶעוֵוייניג וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם וֶוער עֶס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶוערְט אִים גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגְן אוּן דָאס הַארְץ, אוּן עֶס בְּרֶענְט אִים דָאס גַאנְץ לֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן דֶער עִיקָר דִי שִׂיחוֹת פוּן סֵפֶר "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן סֵפֶר "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן" דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן טוּ נִישְׁט קַיין ווִילְדֶע עֲבוֹדוֹת, וָואס יֶעדֶע מְשׁוּגֶענֶער וְכוּ' וְכוּ' הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט וְכוּ' וְכוּ'. דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז זִיס, אוּן בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ

צוּ אַ גֶעוואַלְדִיגְן דְבֵיקוּת אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן סְ'אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים צוּ שִׂמְחָה אוּן צוּ דְבֵיקוּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעלֶעבְּט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ לֵייבּ דִיסְקִין זי"ע, וָואס וֶוער סְ'הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף אִים אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ פַּחַד, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז זַיין פָּאטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט בַּיי דִי אַכְצְן יָאר, "מַיין קִינְד זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אַז אַן עֲבֵירָה אִיז עֶרְגֶער וִוי דִי טוֹיט", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אָבֶּער פוּן דִיר מַיין קִינְד בֶּעט אִיךְ, זָאלְסְט אֵיין רֶגַע נִישְׁט מֵסִיחַ זַיין פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז אֵיין מִינוּט אַז מֶען אִיז מֵסִיחַ דַעַת פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף דָאס זַיין בַּיים מֶענְטְשׁ אַרְגֶער וִוי דֶער טוֹיט". זֶע וָואס הֵייסְט אַ פָּאטֶער וָואס עֶר זָאגְט אָן זַיין זוּן אַזַא צַוָואָה אַז עֶר זָאל נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֵיין מִינוּט, וָוארוּם אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מֵסִיחַ דַעַת זַיין אֵיין מִינוּט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דָאס זַיין בַּיי דִיר אַרְגֶער וִוי דֶער טוֹיט, אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּ אַזַא דְבֵיקוּת אַז עֶר אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ח), אַז דֶער עִיקָר דְבֵיקוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז תָּלוּי וִוי עֶר הִיט

דֶעם דִיבּוּר, און אַ איד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאר אַז מֶען הִיט דֶעם דִיבּוּר, וָוארוּם אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז נָאר וֶועגְן זַיין דִיבּוּר וָואס עֶר רֶעדְט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן. וּבִפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת לֵיצָנוּת, דָאס אִיז דֶער אַבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן יֶענֶעם, און אַזוֹי ווִי מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף זִיךְ, און אַזוֹי ווִי מֶען טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם טָאר מֶען נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן זִיךְ. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט דִי וֶוערְטֶער אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קמב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"א שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין בַּיי דִיךְ גֶעפַאלְן.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; סְ'אִיז

אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיך, נִישְׁט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיך, נָאר עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיך, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיך וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹות, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳), כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ, עֶר טוּט עֶס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִיוּת. אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיך אִין דִי הֶענְט אַריין, זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קס״ט), אוֹיבּ אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיך הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳, עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת וְכוּ׳. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיך, זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל דִיר נָאר צוּבְּרֶעכְן, עֶר וִויל דִיר אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיך נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיך, כָאטְשׁ סְ׳קוּמְט אָן מוֹרָא׳דִיג שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיך, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי גְאוּלָה. וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיך גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן זַיין גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה) ״כִּי בְּשִׂמְחָה תֵצֵאוּ״, דוּרְךְ שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער דוּרְךְ זַיינֶע עֲוֹונוֹת לִיגְט אִין אַ בִּיטֶערְן גָלוּת. וָואס הֵייסְט גָלוּת? וֶוען דֶער מֹחַ פוּן מֶענְטְשׁ

שְׁלָאפְט און טְרַאכְט נִישְׁט פון דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט גָלוּת. אִיבֶּערְדֶעם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (פְּסָחִים קטז:) "חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם"; אַ אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז אַרוֹיס פון מִצְרַיִם, מֶען אִיז מַזְכִּיר יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי און בַּיינַאכְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע יְצִיאַת מִצְרַיִם, וָוארוּם דָאס אִיז תָלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אֱמוּנָה, אַ אִיד זָאגְט "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הוי"ה אֱלֹקֵינוּ הוי"ה אֶחָד" אִינְדֶערְפְרִי און בַּיינַאכְט, און דֶעמָאלְטְס דַארְף מֶען מַזְכִּיר זַיין יְצִיאַת מִצְרַיִם, זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז אוֹיבּ אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פון זַיינֶע מְצָרִים, מִצְרַיִם אִיז צְוֵויי וֶוערְטֶער, מֵצַר יָם, דֶער מֹחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יַם הַחָכְמָה, סְ'קֶען גֵיין בִּיזְן סוֹף וְכוּ' וְכוּ', און וֶוען סְ'אִיז עֶנְג וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן מֵצַר יָם, דֶער מֹחַ אִיז אִין עֶנְגֶענִישׁ, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט עֶר דוּרְךְ אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

וַוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה? נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, און אַז מֶען בֶּעט אוֹיף שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שִׂמְחָה, און אַז מֶען הָאט שִׂמְחָה הָאט מֶען אַלֶעס, און עֶס פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, וָוארוּם דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פון דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה פְרֵיילִיכְקֵייט, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב' סִימָן א') מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ; וֶוער סְ'אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז מַצְלִיחַ.

**איבֶּערְדֶעם** אויבּ דוּ ווילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטְן מַאמֶען, אוּן זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ יֶעדְן אִיד, אוּן זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶע וֶועלְן דִיךְ לִיבּ הָאבְּן. דִי עִיקֶר צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז נָאר וַוייל עֶר שְׁלֶעפְּט אוֹיף זִיךְ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן בִּיטֶערְנִישְׁט. אִיבֶּערְדֶעם זֶע אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מָרָה שְׁחוֹרוֹת, אוּן פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת, אוּן זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא, מִיר הָאבְּן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אֲפִילוּ מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה, קֶען מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן דָאס דַאנְקֶען גָאט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט גֶעדַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג פַארְן עָמוּד, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן בְּרָכוֹת הָאט עֶר פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי בְּרָכוֹת אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ פְּשׁוּטֶער אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, "רֶבִּי, אִיר הָאט פַארְפֶעלְט אַ בְּרָכָה, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט!" הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי בְּרָכָה גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט מִיר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגט אִין אַ בִּיטֶערְנִישְׁט אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דֶער אַרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ' וְכוּ', און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ און גֶעזָאגְט "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", וִוי נִישְׁט אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, און מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, און מְמֵילָא הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ הֵיילִיגֶער צַדִיק אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹרָא'דִיג בַּאוואוּנְדֶערְט, און הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז "עֶר אִיז דֶער תְּפִילִין פוּן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", און "עֶר אִיז דֶער פְּאֵר הַדוֹר" וְכוּ' וְכוּ', און אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין זִיךְ נָאר מִיט "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וִוי אוּנְז דַארְפְן זִיךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי מִיט דֶעם מְחַזֵק זַיין. וָואס טוּסְטוּ אַז דוּ וֶוערְסְט גֶעבּוֹירְן אַ כִּינֶעזֶער וְכוּ', אָדֶער אַ טֶערְק וְכוּ', אָדֶער אַ גוֹי פוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט אוּמָה? וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶענוּצְט, אַז דוּ וָואלְסְט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַ אִיד וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין גִיוּר, מְגַייר זַיין זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', און אַזוֹי בִּיסְטוּ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן. און אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען גוֹרֵם אַ גְרוֹיסֶער יִחוּד אִין הִימְל, וַוייל בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָארְטְן דָא נָאר שִׂמְחָה. און מִיט דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה

אָדֶער אוֹיבּ עֶר אִיז חָלִילָה וְחַס אִין דִי טוּמְאָה: אוֹיבּ עֶר אִיז בְּמָרָה שְׁחוֹרָה אוּן בְּעַצְבוּת, אוּן עֶר אִיז דִיפְּרֶעסְט דֶערְבִּיטֶערְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַ סִימָן עֶר לִיגְט אִין דִי טוּמְאָה, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע, אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז שׁוֹין אִין דִי קְדוּשָׁה. אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט; וָואס הָאסְטוּ צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע?

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג), אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּבְחִינַת אֶחָד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אַקֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן עֶר הֵייסְט אַבְרָהָם הָעִבְרִי, וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן אֵיין זַייט, מֵעֵבֶר אֶחָד, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט מַקְרִיא גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר: אֵיין מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֵיין אַקֶעגְן מִילֵי מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן זֵיי! דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט אַזוֹי פִיל שְׁבָחִים אַלְץ וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, קוּק נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וָואס הָאסְטוּ מִיט אַן אַנְדֶערְן? אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין מִיט

דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, ס'וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶּעלְן. פָּאלְג מִיר הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קמג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער עִיקָר זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז זַיין מַעְלָה זֵייעֶר גְרוֹיס אִין הִימְל.

**דֶער** עִיקָר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אִים אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ אִיז דִי לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי כח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה הָאט אַלֶע בְּרָכוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קמד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**צוּפִיל** צַייט הָאבּ אִיךְ נִשְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן לַאנְגֶע בְּרִיוו, הֲגַם אִיךְ שְׁרַייבּ יֶעדְן טָאג, אָבֶער אִידִישׁ אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן, אִיבֶּערְדֶעם מוּזְטוּ מִיךְ מוֹחֵל זַיין אַז אִיךְ בִּין מְקַצֵּר. דוּ דַארְפְסְט וויסְן אֵיין זַאךְ: מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער עִיקָר הִתְקַרְבוּת אִיז לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אֵיינְמָאל אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז דָא עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רַחֲמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי עֶר בְּרֶענְגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז) "וֶוער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל? דֶער וָואס אִיז אַ רַחֲמָן, אוּן עֶר קֶען רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידְן", אוּן דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת אִיז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע זִינְד, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יִסוּרִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת נה.) אֵין יִסוּרִים בְּלֹא עָוֹן; וָואס הֵייסְט יִסוּרִים? וֶוען סְ'אִיז דָא עֲווֹנוֹת, וָוארוּם אַ נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, אוּן וֶוען מֶען פַארְפְלֶעקְט דָאס אָן מִיט זִינְד דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יִסוּרִים, וָוארוּם אוֹיבּ סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין זִינְד אִיז נִישְׁטָא קַיין יִסוּרִים, יִסוּרִים אִיז נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, וָוארוּם וֶוער סְ'ווייסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אִידְן, ווֵייסְט

אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט קֵיין זִינְד, אוּן אוֹיף דֶעם טוּט דֶער צַדִיק מְנַחֵם זַיין, דָאס הֵייסְט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן שַׁיינְט אִין זֵיי אַרַיין אַ הִתְחַזְקוּת אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן", וָואס דָאס אִיז שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְצֵייכֶענְט אוּן פַארְשְׁרִיבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוּסְט וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זַיינֶע אַז מֶען וֶועט מְקַיֵים זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי עֶר וֵוייסְט וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיבֶּערְדֶעם אֵיידֶער דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ לֶערְנֶען "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען קוֹדֶם דִי שִׂיחוֹת וָואס דָאס אִיז גְרִינְגֶער, אוּן זָאלְסְט זֶען צוּ פְּרוּבִּירְן מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט אַסַאךְ פוּן שִׂמְחָה וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע מַצָבִים נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַסַאךְ מַאֲרִיךְ פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס הֵייסְט

הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַּאר אִים אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט אַסַאךְ פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד ווִי אַזוֹי אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט הֵן מֵחֲמַת עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערְן תְּפִיסָה אַ שְׁוֶוערְן קָאפּ וְכוּ' וְכוּ', הֵן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ לֵיידֶער גֶעזִינְדִיגְט אוּן דֶער קָאפּ לִיגְט אִים נֶעבֶּעךְ אִין אַלֶע שְׁמוּץ אוּן טִינוּפֶת וְכוּ' וְכוּ', פוּנֶדעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וויאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, וְקוּנְטְרֵס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד"), אַ מֶענְטְשׁ זָאל נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאגְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן, אוּן זָאגְן כְּסִדְרָן בִּיז עֶר וֶועט מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכְתָּא זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ סֵדֶר, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין נְשָׁמָה, סְ'וֶוערְט גֶערֵיינִיגְט זַיין מֹחַ בִּיז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

זְיסְן דַארְפְּסְטוּ וויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זַ"ל הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִיד פוּן הִימְל וָואס אִיז אִים גֶעקוּמֶען מְגַלֶה זַיין סוֹדוֹת, נָאר אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט צְווִישְׁן דְרַייסִיג אוּן פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אוּן אֵיינְמָאל מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, קֶען מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ גְמָרָא, ווִי

דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זי"ע בְּרֶענְגְט אִין דִי הַקְדָמָה פוּן זַיין פֵּירוּשׁ אוֹיף מִשְׁנָיוֹת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא אוּן עֶר זָאל זָאגְן אָן רַשִׁ"י אוּן אָן תּוֹסְפוֹת, אוּן חַזֶרְן אוֹיף דֶעם אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, וֶועט אִים לֶעבְּטִיג וֶוערְן דֶער לֶעבְּן. זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז אַן אַלְט אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶער וֶועג: אֵיינֶער וָואס הָאט אַ שְׁוֶוערְן תְּפִיסָה, אַ שְׁוֶוערְן פַארְשְׁטַאנְד, זָאל עֶר נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא אוּן עֶס זָאגְן אָן אַ שִׁיעֶר מָאל, בִּיז ס'וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דֶעם קָאפּ. דַארְפְסְט נִישְׁט קוּקְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וָואס אַנְדֶערֶע שְׁפֶּעטְן, וָואס אַנְדֶערֶע מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, דָאס אִיז דַיינְ'ס, נֶעם מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן חַזֶר דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועסְטוּ זֶען אַז בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אַן אַנְדֶערֶע מַסֶכְתָּא חַזֶרְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דֶער עִיקָר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן אוֹיף דִיר.

אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן אַ שִׁיעוּר עֵצוֹת וִויאַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַז ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ וֶועג וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִויאַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, וָוארוּם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע מַצָבִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, ווִי דֶער לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז, "הָעִיקָר מַה שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ". יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, יֶעדֶער

מֶענְטְשׁ הָאט בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. ס'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה וֶוערְן צוּבְּרָאכְן און אויפְגֶעבְּן דֶעם לֶעבְּן און וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וְכוּ' וְכוּ'; דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן פוילְקַייט, און פוילְקַייט קוּמְט פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, און עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) - נֶעמְט זִיךְ פוּן כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, און עֶר אִיז אִים מְחַיֶה יֶעדְן טָאג און יֶעדֶע שָׁעָה און יֶעדֶע רֶגַע פוּן נַיי, וָואלְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייט, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטַארְבְּן, עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט לֶעבְּן, עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט טוּן מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם מִקַּאלִיסְק זי"ע וָואס הָאט סוֹף יָמָיו גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה, אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן אִיד פוּן אַכְצִיג יָאר וַויינֶענְדִיג, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן "פַארְוָואס וַויינְסְטוּ?", הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט, "ס'אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער אִיךְ וויל שְׁטַארְבְּן!" הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אַ שְׁרַיי גֶעטוּן אויף אִים: "דוּ שׁוֹטֶה אֵיינֶער! אִיז נִישְׁט וֶוערְט נָאךְ צוּ לֶעבְּן נָאךְ אֵיין טָאג כְּדֵי צוּ לֵייגְן תְּפִילִין? דוּ וֵוייסְט דֶען וָואס תְּפִילִין אִיז? וֶוען אַ אִיד טוּט אָן תְּפִילִין וָואסְפַּארַא לֶעכְט עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת? וֶוען דוּ וֵוייסְט דָאס וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן נָאךְ אַ

טָאג און נָאךְ אַ טָאג, און אָנְטוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלִּין, און נָאכְאַמָאל תְּפִלִּין!", וָוארוּם דוּרְךְ יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים וּבִפְרַט וֶוען עֶר טוּט דָאס מִיט אַ שִׂמְחָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט בַּאלַייכְט עֶר אַלֶע וֶועלְטְן, דָאס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

**פַארְוָואס** אִיז אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ מִתְרַשֵּׁל מִיט קִיוּם הַמִּצְוֹת?

וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דוּרְךְ זַיינֶע מִצְווֹת וֶוערְט אַ יִחוּד אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, עֶר וֶוערְט פְלוּצְלִינְג אַן עָנָיו: "מַיינֶע מִצְווֹת אִיז עֶפֶּעס וֶוערְט? מַיינֶע מִצְווֹת טוּט עֶפֶּעס אוֹיף אִין דִי הִימְלֶען?" בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סא) אַז "אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז אַ כֹּל יָכוֹל, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶע אִיד גְלֵייבְּן אִין זִיךְ", אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה צִיט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זַיין נְשָׁמָה גְרוֹיסֶע לֶעכְט, מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, און דָאס וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ יֶעדֶע אִיד אָן אַן אוֹיסְנַאם. און אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט אִים אַלֶע צָרוֹת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פו), "פַארְוָואס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבוֹדוֹת, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיבֶעט עֶפֶּעס וֶוערְט", און עֶר בְּרֶענְגְט צוּ וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מח:) "מִי בָז לְיוֹם קְטַנּוֹת" מִי גָרַם לְצַדִּיקִים שֶׁיִּבַזְבְּזוּ

שׁוּלְחָנָם לְעָתִיד לָבֹא, קַטְנוּת שֶׁהָיָה בָּהֶם; גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פַאלְן אַוֶועק וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן, אוּן דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּאוַוייזְן וֶוען דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס וֶועט דִיךְ אַריינְגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵשֶׁק אוּן תְשׁוּקָה דָאס דִי הַארְץ זָאל דִיר בְּרֶענֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם.

**אִיךְ** מוּז מְקַצֵר זַיין, וּבִפְרַט וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן אִין אִידִישׁ, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שְׁרַייבְּן נָאר לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קמה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ז שְׁבָט ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**בָּאטְשׁ** אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם שִׁיעוּר דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, אוּן אִיךְ וֵויס גַאנְץ גוּט ווִי דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מְקוֹמוֹת הַמְטוּנָפִים רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ', מִיר

קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנארְן וְכוּ׳, אִיךְ זֶע דִיר וָואךְ אַיין וָואךְ אוֹיס, אוּן וֶוען אִיךְ בַּאמֶערְק דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דַיין טְרוֹיעֶרִיגְקַייט אוּן דַיין מְבוּלְבְּלְדִיגֶער הַנְהָגָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**זְוִיסְן** דַארְפְסְטוּ וִויסְן, אַז דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה נָאר אַז סְ׳אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אִים אַ רוּחַ שְׁטוּת; זָאגְט אוֹיףְ דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳) קוּמְט אוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועלְדִיג זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים אַזוֹיפִיל מָאס רוּחַ שְׁטוּת גֵייט אַרַיין אִין אִים, בִּיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה אִיז אַ פָּשׁוּטֶער מְשׁוּגֶענֶער, עֶר טוּט זַאכְן אַקֶעגְן דֶעם שֵׂכֶל; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: טוּ תְּשׁוּבָה! לָאז זִיךְ אָפּ שׂוֹין פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס הָאבְּן דִיךְ אַיינְגֶעגַארְט וְכוּ׳ וְכוּ׳! נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין! דוּ וֶועסְט דָאךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ וֶוערְן. הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער וְכוּ׳, אַז אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען וֶועט דִיךְ כַאפְּן וְכוּ׳, וָואס פַארַא בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת דוּ וֶועסְט גוֹרֵם זַיין פַאר זִיךְ אוּן פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה!

**דָאס** אַלֶעס קוּמְט פוּן לֵיידִיג גֵיין. דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב׳), יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְגִיעַת שְׁנֵיהֶם מַשְׁכַּחַת עָוֹן; הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זַ״ל, אַז אוֹיבּ אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק אִין פַּרְנָסָה אִיז מַשְׁכַּחַת לָשׁוֹן שִׁכְחָה, מַאכְט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן זִינְדִיגְן,

וָוארום אַ מֶענְטְש וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרום לֵיידִיג, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (כְּתוּבּוֹת נט.) הַבְּטֵילָה מְבִיאָה לִידֵי זִימָה; אֵיינֶער וָואס עֶר דְרֵייט זִיךְ פּוּסְט אוּן פַּאר, מוּז עֶר טוּן שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער תַּנָא, טוֹב תּוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ, לֶערְנֶען אוּן אַרְבֶּעטְן, אַזוֹי "מַשְׁכַּחַת עָוֹן" וֶועט עֶר פַּארְגֶעסְן צוּ זִינְדִיגְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַּארְנוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט צַייט צוּ זִינְדִיגְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען זוּכְן אַרְבֶּעט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס פַּאר אַן אַרְבֶּעט, אָבֶּער יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן זָאלְסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה זַיין, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ שְׁמוּץ.

**עֶם** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיךְ דַארְף דִיר שְׁרַייבְּן דָאס, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט דִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן אִיךְ זֶע אַז אִיךְ רֶעד צוּם וַואנְט וְכוּ'. אִיךְ וֵוייס אַז מֶען רֶעד צוּם וַואנְט עֶנְטְפֶערְט זִי נִישְׁט... אַזוֹי זֶעט אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר רֶעד אִיךְ אוֹיבֶּעט צוּ אַ וַואנְט...; וַואנְט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי תּוֹרָה "קִיר", אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (וַיִקְרָא י"ד ל"ז) "וְרָאָה אֶת הַנֶגַע וְהִנֵה הַנֶגַע בְּקִירוֹת הַבָּיִת" וגו', "וּמַרְאֵיהֶן שָׁפָל מִן הַקִיר" וגו', קִי"ר אִיז דִי אוֹתִיּוֹת קֶר"י, דָאס הֵייסְט אַן אוּמְרֵיינִיג וְכוּ'; פוּן וַואנֶעט וֶוערְט דָאס הַארְץ פוּן מֶענְטְשׁ אַזוֹי פַּארְשְׁטָאפְּט בִּיז אַז מֶען רֶעדְט צוּ אִים אִיז אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ וַואנְט - אַ קִי"ר? פוּן דֶעם עָוֹן פוּן קֶר"י, פוּן אַן אָפְּרֵיין וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זֶע תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן זָאלְסְט שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין מְקוֹמוֹת הַמְטוּנָפִים, וָוארוּם דֶער סוֹף וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

**נֶעם** זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט זִיךְ טְרֶעפְן אַ דַזְשַׁאבּ, אַן אַרְבֶּעט, אוּן זָאלְסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה זַיין, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין פַּארְנוּמֶען, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן, אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וֶועט פַּארְרָאכְטְן וֶוערְן.

**אִיךְ** מֵיין נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר דַיין טוֹבָה, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, וָוארוּם דֶער וֶועג וָואס דוּ גֵייסְט וְכוּ', וֶועט זַיין בַּיים סוֹף אַ גֶט רַחְמָנָא לִישֵׁיזְבָן, אוּן דוּ וֶועסְט פַּאר'יָתוֹמֶ'ען דַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וְכוּ', אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּ נַאר אוּן גֶעשְׁפֶּעט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם. פְּרֶעג אִיךְ דִיר: וָואס טוֹיג דִיר דָאס?

**אִיךְ** הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס מָאל וֶועט דִי וֶוערְטֶער אַרַיינְגֵיין בַּיי דִיר אִין הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

**זָאלְסְט** זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס מֶער אִיז אַלְץ בֶּעסֶער, וָוארוּם מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט מְזוּכָךְ דִי נְשָׁמָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג, אוּן זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן.**

# קמו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ז שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**עֶס** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִינְגֶערְמַאן אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן וְכוּ', דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אֵיין קִינְד, בַּאלְד וֶועסְטוּ זַיין אַ זֵיידֶע, אוּן דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ וֶועל דִיךְ נָאכְלוֹיפְן?

**דַארְפְסְט** וִויסְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרְבֶּעט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן בִּפְרַט אוֹיף דִיר וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז דֶער סוֹף וֶועסְטוּ וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט, וָוארוּם אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, קוֹדֶם נֶעמְט עֶר זִיךְ צוּ אַ בָּחוּר וָואס עֶר בְּרֶענְט שְׁטַארְק מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן אָפְּצוּקִילְן, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר זִיךְ צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר בְּרֶענְט שְׁטַארְק מְקוֹרָב זַיין צוּם צַדִיק, אוּן אִיז מְעוֹרֵר אַנְדֶערֶע מְקוֹרָב זַיין צוּם צַדִיק, אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר זִיךְ צוּ אִים אָפְּקִילְן.

דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז אָפְּצוּקִילְן דֶעם מֶענְטְשׁ, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט בַּיי עֲמָלֵק'ן (דְבָרִים כ"ה י"ז) זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בְּדֶרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וגו',

ס'איז דָא אַ מִצְוַות עֲשֵׂה צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס עֲמָלֵק הָאט גֶעטוּן פַאר דִי אִידְן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי קַאלְט גֶעמַאכְט. דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן "קָרְךָ" לָשׁוֹן קַר, קַאלְט גֶעמַאכְט, וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן בְּרֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי, אוּן דִי עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים וָואס דֶער סוֹף אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִצְרִיִים וָואס זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט שְׁלֶעק צֶען מַכּוֹת וְכוּ' וְכוּ', בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען דִי אִידְן פַארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר הַארְץ נָאכְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ס'אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט זֵיי אָפְּגֶעקִילְט. דָאס אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק'ן אָפְּצוּקִילְן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶוערְט בַּיי יֶעדְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד: בַּיים אָנְפַאנְג בְּרֶענְט עֶר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, עֶר פָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ' אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אָבֶער דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט פַארְלַיידְן, וֶוען עֶר זֶעט אַז אֵיינֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע הֶענְט, וָואס טוּט עֶר? עֶר קִילְט אִים אָפּ. דָאס אִיז דֶער קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק, "אֲשֶׁר קָרְךָ בְּדֶרֶךְ". עֶר מַאכְט אִים קַאלְט, עֶר קִילְט אִים אָפּ פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶר קִילְט אִים אָפּ פוּן שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, וְכוּ', וְכוּ'.

**אַ**'**שֶׁר** קָ'רְךָ בַּ'דֶרֶךְ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אב"ק, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער רָאשֵׁי תֵּיבוֹת א'וֹת בְּ'רִית קֹ'וֹדֶשׁ. פוּן וַואנֶעט קוּמְט עֲמָלֵק צוּ אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים קֶענֶען אָפְּקִילְן? וַוייל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען מִיטְן א'וֹת בְּ'רִית קֹ'וֹדֶשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִיתוֹ צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק'ן וָואס עֶר מַאכְט קַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ. אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ דִיךְ נָאכְצוּלוֹיפְן וְכוּ', אוּן נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ רוּף דִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, אוּן דוּ אִינְטֶערֶעסִירְסְט מִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל נָאכְגֶעלָאפְן, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעבֶּעטְן אַזוֹיפִיל מָאל, קֶער זִיךְ אוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן דוּ הָאסְט גֶעטוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, הָאסְט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, הָאסְט גֶעמֵיינְט דוּ טוּסְט מִיר אָפּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל הָאסְטוּ זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעטוּן.

**עֶם** אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, דוּ זִינְקְסְט אִין דִי טוּמְאָה וְכוּ', דוּ הָאסְט בַּיי דִיר אַן אִינְטֶערְנֶעט, וָואס לֵיידֶער קוּקְסְטוּ שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס הָאט דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וְכוּ', וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער נִישְׁט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר זֶעט אַלֶעס; אוּן דֶער סִימָן אַז אֵיינֶער אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, אִיז וֶוען עֶר וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן אוֹיף דִיר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אַז דוּ זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען, דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ בְּרִיוו, אוּן צוּם סוֹף עֶנְטְפֶערְסְטוּ נִישְׁט וְכוּ'. דֶער הָאט דִיךְ אָפְּגֶעקִילְט, אוּן יֶענֶער הָאט דִיךְ אָפְּגֶעקִילְט. אִיבֶּערְדֶעם קֶען אִיךְ דִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן, אוּן סְ'אִיז תָּלוּי אִין דִיר אַלֵיין: אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט, אוּן דוּ וֶועסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַז נִישְׁט וֶועסְטוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף; דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ חָכָם מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? פַארְוָואס? וַוייל אַפָּאר קְרֶעצִיגֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען פְּגוּם בִּבְרִיתָם וְכוּ' וְכוּ' טוּעֶן אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ אִין דֶער וֶועלְט וְכוּ' הָאבְּן דִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן קוּמֶען צוּ מִיר וְכוּ' וְכוּ'? אִיבֶּערְדֶעם בַּאטְרַאכְט זִיךְ ווִי דוּ בִּיסְט, אוּן אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען, דוּ זָאלְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין פַארְוָוארְפֶענֶע נְשָׁמָה.

**אַמָאל** הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס אִיז דִיר גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז אִיךְ זָאל פָאְרְן נָאר מִיט דִיר וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט נָאר מִיר גֶעוָואלְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין וְכוּ', אוּן אַז אָךְ אוּן וֵויי אַז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַן אַנְדֶערְן וְכוּ' בִּיסְטוּ פָּשׁוּט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן וְכוּ', עֶס אִיז בַּיי דִיר גֶעוֶוען אַן עִנְיָן פוּן רִיבּוּי אוֹר וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר

גֶעוָוארְנְט אוֹיף דֶעם, אוּן הַיינְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן וְכוּ׳.

**מֶער** פוּן צוּ שְׁרַייבְּן דִיר אַ בְּרִיוו, קֶען אִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר לַייד, אוּן אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל וֶועסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, וֶועט דִיךְ דָאךְ אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דֶעם וֶועלְט אַזֶעלְכֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ אַז דוּ וֶועסְט פָּשׁוּט אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען וְכוּ׳.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (ליקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קי"ט) דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶה, אָדֶער גֵיהִנוֹם אָדֶער גַן עֵדֶן; וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אוּן אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹות בְּשִׂמְחָה, אוּן דַאוֶוענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן רֶעדְט צוּ אִים, דָאס אִיז גַן עֵדֶן, סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם; אוּן פַארְקֶערְט אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי נַארִישְׁקַייט פוּן דִי וֶועלְט, פַארְפְּלָאנְטֶערְט מֶען זִיךְ אִין דֶעם בִּיטֶערְן גֵיהִנוֹם, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיי דִי וֶועלְט עוֹלָם הַזֶה, אָבֶער אִין אֱמֶת׳ן אַרַיין אִיז דָאס דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיין, וֶועלְדִיג דִי צָרוֹת אוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן, דֶער אַזוֹי וְכוּ׳, אוּן דֶער אַזוֹי וְכוּ׳. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן קוּם צוּרִיק; עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**אִיךְ** הָאף דִיר צוּ זֶען בְּקָרוֹב מִיט אַ פְרֵיילִיכְן הַארְץ, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ אוֹיף דִיר גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אַמָאל הָאט דִיךְ

גֶעבְּרֶענְט דָאס הַארְץ, און הַיינְט הָאט דִיךְ עֲמָלֵק אָנְגֶעכַאפְּט און עֶר קִילְט דִיךְ אָפּ בִּיז דו בִּיסְט קַאלְט ווִי אַ שְׁטִיק אַייז. אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דַיין הַארְץ, כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל שַׁארְף, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל') אַמָאל קוּמְט דֶער תּוֹכָחָה מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ בִּזָיוֹן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קמז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ י"ז שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, דו מוּזְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן יֶעדְן וָואס עֶר פְּרֶעגְט דִיךְ וְכוּ' וְכוּ', דו מוּזְט זִיךְ נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן וְכוּ' וְכוּ', דו בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג קֵיינֶעם קַיין עֶנְטְפֶער וְכוּ' וְכוּ', דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) לַמֵּד לְשׁוֹנְךָ לוֹמַר אֵינִי יוֹדֵעַ, אַז מֶען זָאגְט 'אִיךְ וֵוייס נִישְׁט' קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַלֶעס וֵוייסְט עֶר וְכוּ', בַּאוַוייזְט עֶר אַז עֶר אִיז נִישְׁט מֶער ווִי אַ שׁוֹטֶה וְכוּ', וַוייל אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז סְ'אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶר וֵוייסְט נִישְׁט, אִיז מִמֵילָא נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ זָאגְן 'אִיךְ וֵוייס נִישְׁט', און

אַזוֹי דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת לֵיצָנוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**בֶּאֱמֶת** וֵוייסְט טַאקֶע נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶענֶעם, אוּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט יֶענֶעם, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים נד:) אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּלִבּוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ; אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין יֶענֶעמְ'ס הַארְץ, מֶען קֶען מֵיינֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל גַאֲוָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, וָואס עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מַמָשׁ ווִי גָארְנִישְׁט אַ שְׁטִיק בְּלָאטֶע, אוּן מֶען קֶען מֵיינֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַ עָנָיו, עֶר גֵייט מִיטְן קָאפּ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הַאלְט אִים פַאר אַ גְרוֹיסְן עָנָיו, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז עֶר אַ בַּעַל גֵיאֶה וָואס אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ חֶרְפָּה וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ רֶעדְן פוּן יֶענֶעם, וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם?

**וֶוען** מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דִי מַהֲרַ"ם שִׁיף, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעזָאגְט 'אִיךְ קֶען זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מַהֲרַ"ם שִׁיף, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין פְּשַׁט אִין אַ פָּשׁוּטְן אִיד, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נ"א) "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה" אוּן וֶוער וֵוייסְט וֶוער אִיז דֶער אֱמֶת'ר לֵב נִשְׁבָּר? ווִי קֶען אַ מֶענְטְשׁ

זָאגְן פְּשַׁט אִין אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה, אַז ווארוּל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין חֲקִירוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס מִיט יֶענֶעם גֵייט אָפּ וְכוּ', אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִויכּוּחִים מִיט יֶענֶעם, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאג אִיךְ דִיר, גֵיי נִישְׁט אַרַיין מִיט קֵיינֶעם אִין קַיין וִויכּוּחִים, אוּן דַארְפְסְט זִיךְ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן, בִּיסְט קֵיינֶעם נִישְׁט שׁוּלְדִיג קַיין עֶנְטְפֶער, דְרֵיי זִיךְ אַרוּיס, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ טָאג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) **אוֹיפְן פָּסוּק** (תְּהִלִּים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיבּ מֶען וִויל טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְט אִיר וִויסְן אִיר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיבֶּערְדֶעם זֶע הַיינְט דַוְקָא זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר, זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה עֶרְלִיךְ אִין אַ סִידוּר, אוּן זָאלְסְט זָאגְן דִי בְּרָכוֹת עֶרְלִיךְ, אוּן זֶע אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַ דַף גְּמָרָא, וְעַל כּוּלָם מַאךְ זִיךְ אַ

שִׁיעוּר אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, כְּדֵי זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן, אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּנְזֶערֶע לַייט, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, אָנְהֵייבְּן פוּן אוֹרַח חַיִּים אוּן עֶנְדִיגְן, אוּן אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה אוּן עֶנְדִיגְן, אוּן אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֵזֶר אוּן עֶנְדִיגְן, אוּן אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט אוּן עֶנְדִיגְן, אָבֶּער בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ קֶען דָאךְ נֶעמֶען אַפָּאר יָאר, אִיבֶּערְדֶעם אִיז זֵייעֶר גוּט זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַ אִיד זֶעט אוֹיס, אוּן ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קמח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר יִתְרוֹ י״ז שְׁבָט ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם רַב אֶל ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אַ** עֵצָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אִיז בַּאווּאוּסְט פוּן צַדִיקִים, נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִימ׳ל אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן דָאס בַּאגִיסְן מִיט טְרֶערְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַנְדֶערְשׁ גֵייט דָאס נִישְׁט, גוּטֶע קִינְדֶער ווַאקְסְן נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער.

**אַז** וואויל איז יֶעדֶער פְרוֹי וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג אוֹיס אַ "יוֹם תְּהִלִּים" דָאס הֵייסְט דֶער תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף זִיבְּן חֲלָקִים אַקֶעגְן דִי זִיבְּן טֶעגְן פוּן דִי וָואךְ, יֶעדְן טָאג דַארְף יֶעדֶער פְרוֹי אוּן יֶעדֶער מַאן זָאגְן אַ "יוֹם תְּהִלִּים" אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, אוּן בִּפְרַט אוֹיף הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען זָאגְן תְּהִלִּים אוּן עֶס בַּאוַואסֶערְן מִיט טְרֶערְן.

**מֶען** הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע ווִי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג אָנְגֶעפִילְט אַ גְלָאז מִיט מַיינֶע טְרֶערְן, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוַואשְׁן דֶעם פָּנִים מִיט דֶעם, אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער.

**אִיךְ** הָאבּ אוֹיכֶעט גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס הָאט גֶעקֶענְט אַ אִיד וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע מוּצְלָחִים'דִיגֶע קִינְדֶער, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ דָאס זוֹכֶה גֶעוֶוען? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ ווָאוּנְדֶער, וָואס מֵיינְט אִיר זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעוָואקְסְן אוֹיפְן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג אָנְגֶעפִילְט מֵיין קַאפֶּעל מִיט טְרֶערְן, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוַואשְׁן דֶעם פָּנִים מִיט דֶעם. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ טְרֶערְן גִיסְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ אַייךְ, גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ זָאגְן אַ "יוֹם תְּהִלִּים" כְּדֵי אִיר זָאלְט עֶנְדִיגְן

יֶעדֶע וָואךְ דֶעם גַאנְצְן "סֵפֶר תְּהִלִּים", אוּן וֶוען מֶען קֶען דָאס בַּאוַואסֶערְן מִיט טְרֶערְן אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים תְּהִלִּים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג) אַז דָאס זָאגְן תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אוּן אִיז מְסוּגָל אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אַלֶע הִימְלֶען פַאר דֶעם וָואס עֶר זָאגְט דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִּים", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קכ"ה) דָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין גַאנְצְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִין דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים, אוּן וֶוען אַ אִיד זָאגְט תְּהִלִּים אִיז עֶר מְעוֹרֵר דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְט אִים צוּ, צוּ זַיינֶע תְּפִילוֹת.

**זָאל** דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער וֶועלְט עֶנְק צוּהֶערְן דִי תְּפִילוֹת אוּן תַּחֲנוּנִים וָואס אִיר וֶועט אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ בַּיים זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אוּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח, אוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַ שֵׁיינֶע דִירָה בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

**נָאר** פָאלְגְט מִיר אוּן טוּט דִי עֵצָה.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג.**

# קמט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ח שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַּיין לַאנְגֶען בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז פַאר דַיינֶע אוֹיגְן, זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ צוּ חַזֶרְן אוּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים: "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" דָאס אִיז דֶער סֵפֶר הַיְסוֹד, דִי תּוֹרוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין פַארְשִׁידֶענֶע צַייטְן; "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף; "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" דָאס אִיז דֶער סֵפֶר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען נָאךְ פַאר דִי בַּר מִצְוָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ אִיד; אוּן דִי סְפָרִים "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכֶענְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, - אוּן דִי סְפָרִים דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ לֶערְנֶען, וֶועסְטוּ זֶען דָארְטְן עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. זָאלְסְט וויסְן: בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידוּת אִיז תָּלוּי נָאר כְּפִי מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים. בִּפְרַט וָואס עֶס אִיז נִתְחַדֵּשׁ גֶעוָוארְן לְעַצְמָם פוּן אַ כַּת מְשׁוּגָעִים מִיט דֶעם עִנְיָן נַ' נַח' וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן אוּן אַ מְשׁוּגַעַת וְכוּ', אוּן ווִי בַּיי דִי וֶועלְט

**אִיז וֶוען ס'קוּמְט אַ נַייֶע זַאךְ כַאפְּט מֶען זִיךְ אָן אִין דֶעם, אוּן מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז וֶוער וֵוייסְט וָואס.**

**דֶער** גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן "פֶּתֶק" אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער לֵצָנוּת. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה אַ אִיד הָאט עֶר גֶעהֵייסְן ר' יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִיד, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶען רוֹדֶפְט דֶעם אִינְגֶערְמַאן יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זַ"ל פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, נָאר וַוייל עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶער, הָאט עֶר אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַ צֶעטְל, אוּן עֶר הָאט עֶס דָארְטְן גֶעטְרָאפְן הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פוּן הִימְל אַ פִּיתְקָא מִן הַשָּׁמַיִם, אוּן אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גַאנְצֶער לֵיצָנוּת. אָבֶער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וֵוייסְן נִישְׁט וואוּ אַיין אוּן וואוּ אוֹיס, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט פוּן אִים אַ גַאנְצְן מְצִיאוּת, בִּיז זֵיי מַאכְן זִיךְ מְשׁוּגָע פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט וְכוּ' וְכוּ', אוּן טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס מַאכְט אָן אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּיז מֶען מֵיינְט אַז אַלֶע זֶענֶען מְשׁוּגָעִים רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע'), אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, עֶר קֶען צִיעֶן צוּ זִיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר ס'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מִיט זֵייעֶר דִיבּוּר אוּן מִיט זֵייעֶר הַנְהָגָה שְׁטוּפְּן זֵיי אַוֶועק אַנְדֶערֶע, אוּן גֶעמֵיינְט הָאט עֶר טַאקֶע אַזֶעלְכֶע מְשׁוּגָעִים וּמְטוֹרָפִים וָואס זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט ווִילְדֶע דְרָכִים, אוּן זֵיי זָאגְן אַז דָאס הָאט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, און מִיט דֶעם זֶעהֶען זֵיי גוֹרֵם אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן נִתְרַחֵק וֶוערְן, - אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי זַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן ס"ט), מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רַע; אַז אֵיינֶער הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף עֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף אִים קַיין שֵׁם רַע. מִיט דִי אַלֶע ווִילְדֶע הַנְהָגוֹת מִיט דִי אַלֶע מְשׁוּגַע'תְן אִיז מֶען מוֹצִיא שֵׁם רַע אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז זַייעֶר זַייעֶר הַארְבּ, וָוארוּם דָאס אִיז בִּכְלַל (שַׁבָּת קיט:) "כָּל הַמְּבַזֶּה תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ".

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט, - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים עֶס זָאל זַיין אִיבֶּעראַל, - און גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ בִּין עוֹסֵק אִין דֶעם שׁוֹין כִּמְעַט פוּפְצִיג יָאר, וָואס אִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיךְ דְּרִיק און דְּרִיק און דְּרִיק וְכוּ' אַלֶע דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און צוּשְׁפְּרֵייט דָאס בְּכָל קַצְוֵי תֵבֵל, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס מְפַרְסֵם צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דַעַת, וָואס דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און רֶעדְן צוּ אִים און זַיין פְּרֵיילִיךְ, און מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת, און מַרְבֶּה זַיין בְּלִימּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד

וָואס אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט אַ שְׁוֶוערְן קָאפּ אוּן אַ שְׁוֶוערְן פַארְשְׁטַאנְד קֶען עֶר אוֹיכֶעט לֶערְנֶען, (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, וְקוּנְטְרָס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד") קוּק אַרַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט וֶועסְטוּ זֶען דֶעם גְרִינְגֶען וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, גֵייט דוּרְךְ אַ יָאר הָאסְטוּ דוּרְכְגֶעלֶערְנְט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה מִיט אַלֶע רַשִׁ"י'ס. וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז מֶען קוּקְט אַרַיין יֶעדְן טָאג אֵיין שְׁטִיקֶעלֶע אוֹרַח חַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אֵיין שְׁטִיקֶעלֶע רַמְבַּ"ן הַקָּדוֹשׁ, אוּן מֶען צֵייכְנְט צוּ אַ פִּינְטֶעלֶע אוֹיף דֶעם שְׁטִיקְל וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט, אוֹיף אַזַא אוֹפְן בְּמֶשֶׁךְ צְוֵויי דְרֵיי יָאר הָאט מֶען דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם גַאנְצְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אוּן דֶעם רַמְבַּ"ן הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַנְדֶערֶע מְפוֹרְשִׁים. סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי אֵיין שְׁטִיקֶעלֶע אַ טָאג, אוּן אִיבֶּערְס יָאר לֶערְנְט מֶען וִוי מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וִוי סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין פִּינְטֶעלֶעךְ. אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת צוּ צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אָדֶער דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה מְסַיֵּים צוּ זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מְסַיֵּים צוּ זַיין בַּ'בְלִי יְ'רוּשַׁלְמִי תּ'וֹסֶפְתָּא, וָואס דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם אִיז בַּ'יִ'ת', דָאס אִיז אַ הוֹיז וָואס אַ מֶענְטְשׁ בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**עֶס** איז נִישְׁט שְׁווער יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל בַּבְלִי, אַבִּיסְל יְרוּשַׁלְמִי, אַבִּיסְל תּוֹסֶפְתָּא, בְּמֶשֶׁךְ יָארְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דָאס מְסַיֵּים צוּ זַיין, אָבֶּער דָאס אִיז אַ בַּיִת נִצְחִי. אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֶען לֶערְנְט טָאר מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, ווי די חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה פָּרָשָׁה א' סִימָן לב) זֶה שִׁיפּוּטָהּ שֶׁל תּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד תּוֹרָה וְשִׁכְחָה וְכוּ', לְטוֹבָתוֹ אָדָם לוֹמֵד תּוֹרָה וְשׁוֹכֵחַ, שֶׁאִילוּ הָיָה אָדָם לוֹמֵד תּוֹרָה וְלֹא שִׁכְחָה, הָיָה מִתְעַסֵּק בַּתּוֹרָה שְׁתַּיִם שָׁלֹשׁ שָׁנִים וְחוֹזֵר וּמִתְעַסֵּק בִּמְלַאכְתּוֹ, וְלֹא הָיָה מַשְׁגִּיחַ בָּהּ לְעוֹלָם כָּל יָמָיו, אֶלָּא מִתּוֹךְ שֶׁאָדָם לוֹמֵד תּוֹרָה וְשׁוֹכְחָה אֵינוֹ מֵזִיז וְאֵינוֹ מַזִּיעַ אֶת עַצְמוֹ מִדִּבְרֵי תּוֹרָה; דָאס הֵייסְט פוּן הִימְל פִּירְט מֶען אַ מֶענְטְשׁ זָאל פַארְגֶעסְן וָואס עֶר לֶערְנְט, וָוארוּם וֶוען עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּטְן זִכָּרוֹן וָואלְט עֶר גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין צְווֵיי אָדֶער דְרֵיי יָאר, אוּן נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען לֵיידִיגְיין וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, לֶערְן יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנֶה גְמָרָא מֶדְרָשׁ, אוּן הֲלָכָה, אֲפִילוּ דוּ פַארְגֶעסְט לֶערְן וַוייטֶער אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אַ סִימָן נָאךְ אַ סִימָן וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וֶועסְטוּ בְּמֶשֶׁךְ כַּמָּה וְכַמָּה יָארְן זוֹכֶה זַיין מְסַיֵּים צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן.

**גֶעדֶענְק** גַאנְץ גוּט אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע

סְפָרִים, וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים אַזוֹיפִיל אִיז עֶר מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאנְס אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים דִמְיוֹנוֹת וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט צוּ; אוֹיב ס'הָאט נִישְׁט קַיין מָקוֹר אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ ווִיסְן אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים. דוּ דַארְפְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל דִיר נִישְׁט פַארְפִירְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט זַיין מְצוּמְצָם, יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זַיין מְיוּשָׁב וָואס דוּ טוּסְט, זָאלְסְט נִישְׁט טוּן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועןנִישְׁט צוּ פַאסְטְן אוּן נִישְׁט צוּ טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַז ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, וֶועט עֶר טוּן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֶועט מְקַדֵשׁ שֵׁם שָׁמַיִם זַיין בָּרַבִּים, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי ס'דַארְף צוּ זַיין, אוּן דַיְיקָא מִיט אַזַא הַנְהָגָה וֶועסְטוּ קֶענֶען מְקָרֵב זַיין נָאךְ בָּחוּרִים אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קנ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ח שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד שׁוֹתֶה בְּצָמָא מֵימֵי הַנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה זי"ע ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') עִיקָר הַתְּשׁוּבָה לִשְׁמוֹעַ בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַארְף עֶר הֶערְן זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם אָן אַלֶעס פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, וָואס מֶען אִיז דִיךְ מְבַזֶּה אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר שְׁוַוייג אָפּ.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט דִיר נִישְׁט שְׁוַוייגְן, אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט אַ כֹּחַ מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִים נֶעמְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט, אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר עוֹקֶר זַיין וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, אַז דוּ בִּיסְט מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וָואס ווִי בַּאוואוּסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר זֵייעֶר פַיינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז' מִזְּבוּב וְעַכְבִּישׁ), אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת,

אויב דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען, און דוּ גֵיי און גֶעבּ זִיךְ אַן עֵצָה וְכוּ'. אִיז עֶר אַוֶועק און עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען און עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אֵיינֶעם וְכוּ' און עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַן עֵצָה, דִי נְשָׁמָה קֶען אַרָאפְּקוּמֶען, און עֶר הָאט גֶעלַאכְט וְכוּ', און עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֵצָה פון דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַז מֶען וֶועט אָפְּלַאכְן פון דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, און נִישְׁט נָאר פון רֶבִּינְ'ס זַאךְ וֶועט מֶען אָפְּלַאכְן, נָאר אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מְקָרֵב זַיין רְחוֹקִים וֶועט מֶען פון זֵיי אָפְּלַאכְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק: שְׁטַארְק זִיךְ און וֶוער נִישְׁט פַּארְלוֹירְן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז דִיר מְבַזֶה און מֶען רֶעדְט אויף דִיר, דוּ זָאלְסְט וֶוערְן שְׁטַארְקֶער און שְׁטַארְקֶער, און דוּ זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויפְן דֶרֶךְ פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** עִיקָר אִיז זֵיי אויסְלֶערְנֶען דֶעם עִנְיָן פון רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד מוּסָד, און אויבֶּעט לֶערְנֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פון רֶבִּי'ן, וָוארוּם מֶען קֶען שׁוֹין זַיין אִינֶעוֵוייבִּיג און מֶען מַאכְט נִישְׁט אויף קַיין חוּמָשׁ, קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

געזאָגט (שיחות הר"ן סימן נ"א), "דאָס זאָלט איר מקבל זיין פון מיר איר זאָלט זיך נישט לאָזן נארן, די וועלט נאַרט אייך".

**דארפסט** וויסן אין אַ פּלאַץ וואו מען רעדט נישט פון תורה פון דאָרטן דאַרף מען אַנטלויפן, וואָרום עפּעס פעלט דאָרטן, וואָרום דעם היילינגן רבינ'ס זאַך איז געווען לערנען תורה, ווי ער האָט געזאָגט (שיחות הר"ן סימן י"ט) אַז "ביי מיר איז דער עיקר לעובדא ולמעשה, מען זאָל זיך נעמען אויף זיך לערנען יעדן טאָג "כך וכך", אַז אפילו איינער וואָס ער ליגט אין בלאָטע, פול מיט זינד, אָבער דער כח התורה וועט אים אַרויסרייסן פון זיין בלאָטע", איבערדעם זיי נישט קיין בטלן, פאַל נישט אַראָפּ ביי דיר, און זיי מחזק בחורים און יונגעלייט. עס איז מקובל ביי אונזערע לייט אַז דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט "כך וכך" דאָס גייט אַרויף אויף ח"י פּרקים משניות, וואָס דאָס הרגעט דעם יצר הרע, באַטש אַסאַך מאכן פון דעם ליצנות וכו', זאָלסטו וויסן אַז זיי מאַכן ליצנות פון זיך, אַז וואויל איז דעם וואָס ער איז זוכה יעדן חודש צו ענדיגן ששה סדרי משנה, דערווייל האָט ער ביי זיך אַ סעט משניות; און אַז ער איז זוכה נאָך אַ חודש מסיים צו זיין ששה סדרי משנה, האָט ער צוויי סעט'ן משניות, ביז ס'איז היינט דאַ ברוך השם בחורים און יונגעלייט וואָס האָבן שוין געענדיגט צענדליגער מאָל ששה סדרי משנה אָן אַ גוזמא.

**אויך** איז דאַ ביי אונז זייער אַסאַך יונגעלייט וואָס ענדיגן יעדן חודש דעם ליקוטי מוהר"ן. מען מאַכט אַ גאַנצן

פָּאמְפֶּע אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אֵיין מָאל אַ יָאר וְכוּ' וְכוּ', וָואס בַּיי אוּנְז כִּמְעַט יֶעדֶער עֶרְנְסְטֶער יוּנְגֶערְמַאן אִיז מְסַיֵּים יֶעדְן חוֹדֶשׁ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַן אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אִין זַיין סֵפֶר, אוּן חַזֶרְן זַיין סֵפֶר בִּיז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אוֹיסְנְוֵוייניג, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי דִיר, אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר שְׁוַוייג אָפּ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה, מַחְלוֹקֶת", וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְרִיגְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, מִיר קֶענֶען נִישְׁט עֶס אִיבֶּערְטְרָאגְן, מֶען קְרִיגְט אוֹיף אוּנְז אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז, מֶען שְׁפֶּעט אוּנְז וְכוּ' וְכוּ'!", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַסַאךְ שַׁארְפֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען זִיצְן נֶעבְּן עֶנְק, מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן מִיט עֶנְק וְכוּ'", בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע שׂוֹנְאִים וָואס זֵיי ווילְן נִישְׁט שְׁטֵיין אִין מַיין ד' אַמּוֹת, אוּן זֵיי ווילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט מִיר וְכוּ', אִיז וָואס? אִיךְ הָאבּ הִתְפַּעֲלוּת פוּן זֵיי? אַדְּרַבָּה! אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ', אוּן מֶען קְרִיגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ', בַּאקוּמְט עֶר אַ לֵב נִשְׁבָּר,

און וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט רוּהט אוֹיף אִים דִי שְׁכִינָה. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן: הַאלְט זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר כָּל דָבָר אָסוּר וְכוּ' וְכוּ', מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, "וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן מִקְוֶה? מֶען גֵייט אַרָאפּ און נָאךְ אַרָאפּ און וַוייטֶער אַרָאפּ, און אַז מֶען אִיז שׁוֹין אוּנְטְן בַּייגְט מֶען זִיךְ הֶערְשְׁט אַרָאפּ, דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן מִקְוֶה", דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין און מְבַטֵל זַיין זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וְוִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס מֶען זֶעט פַאר דִי אוֹיגְן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אַז ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר וֵוייסְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, דֶער מֶענְטְשׁ לַאכְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיס פוּן אַלְסְדִינְג, ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע ווארויל אִיז דֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דִיר און נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִיר", וָואס דָאס מֵיינְט, מֶען קֶען זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען לֶעבְּט דָאךְ, מֶען דְרֵייט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מֶען אִיז נִישְׁט אִין דִיר, דֶער גַאנְצֶער מֹחַ מַחְשָׁבָה לִיגְט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט בַּיי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה. אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, און קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן,

און אויב דו וועסט זיך האַלטְן וועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קנא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ח שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, דָאס הֵייסְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אַ אִיד דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר בֶּעטְן אוֹיף אִידִישׁ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ', דָאס נֶעמְט זִיךְ מַחֲמַת דֶעם כְּפִירוֹת וָואס אִיז אַרַיין אִין אִים דוּרְךְ זַיינֶע עֲווֹנוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם; אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט אִים דֶער מֹחַ פַאר'טִפְשְׁ'עט וְכוּ', פַארְנַארְט וְכוּ', בִּיז עֶס כַאפְּט זִיךְ אִין אִים אַרַיין כְּפִירָה גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', כְּאִילוּ קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין יֶעדֶע תְּפִלָּה יֶעדֶע בַּקָּשָׁה יֶעדְן דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעשׁ אִין הִימְל.

אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִיש, און אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס דְרִיקְט אִים, און אוֹיב דֶער מֶענְטְש וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם טָאג בַּיי טָאג קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף זֶען אַ גְרוֹיסֶער שִׁינוּי, בִּיז עֶר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי נִישְׁט בַּיי דִיר גֶעפַּאלְן, און שְׁטַארְק זִיךְ אִין דֶעם.

בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' אַלְטֶער טֶעפְּלִיקֶער זַ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוָואגֶער מִיט ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן זַ"ל, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְחַבֵּר זַיין עֶטְלִיכֶע סְפָרִים, צְווִישְׁן זַיי אִיז דֶער סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶפֶשׁ" וָואס דָאס אִיז אַ לִיקוּט צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, און עֶר אִיז מַסְבִּיר וָואס הִתְבּוֹדְדוּת אִיז, און זֵייעֶר אַסאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר. אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִיר כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זֶען וָואס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער ווִי מֶען מֵיינְט, מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זַיין בַּיי דִיר אַ שִׁינוּי לְטוֹבָה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן, און נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. אֶמֶת אִיךְ וֵויים עֶס גֵייט אוֹיף

דִיר דוּרְךְ פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קנב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ח שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** זֶען נִזְהָר זַיין דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּיבּוּר מִתְפַּלְלִין; וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶונְט צוּזַאמֶען, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין דַאוֶונֶען אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַוְוקָא, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶער זִינְד, אַ אִיד קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת דָאס הוֹיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען.

**תְּפִלָּה** בְּכֹּחַ מֵיינְט מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ וֶוען עֶר רֶעדְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען זָאל עֶר אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס עֶר

רֶעדְט, וָוארוּם דִי מַחְשָׁבָה פְלִיט אִין אֵיין זַייט, אוּן דֶער מוֹיל רֶעדְט פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט. וָואס הֵייסְט, מֶען קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָדֶער גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת צוּבִּינְדֶען דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה בְּכֹּחַ, וַוייל ס'נֶעמְט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת צוּבִּינְדֶען דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר. אַדְרַבָּה פְּרָאבִּיר אוֹיס וֶועסְטוּ זֶען ווִיפִיל דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ זָאגְן אַ מִזְמוֹר אָדֶער אַ בְּרָכָה וְכוּ' וְכוּ' וֶועט גְלַייך דַיין מַחְשָׁבָה פְלִיעֶן אִין אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן קוּמֶען זִיךְ אָן בַּיים דַאוֶוענֶען, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל'), אַז אַלֶע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת קוּמֶען זִיךְ אָן בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת צוּבִּינְדֶען דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר.

ס'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזֶא זי"ע, אַז אוֹיב אַ אִיד הָאט אִינְזִינֶען פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּן אָנְפַאנְג

דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, דֶער מֹחַ וֶועט אִים שַׁיינֶען שְׁטֶענְדִיג. זָאלְסְט ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ גֶעווָאוֹינְהַייט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ טְרַאכְטְן וָואס עֶר זָאגְט, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן עֶר וֶועט אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, וָואס דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה בְּכַוָונָה, עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּלְשׁוֹן נוֹכֵחַ, בָּרוּךְ אַתָּה וְכוּ', גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ, אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת וְכוּ', דוּ גֶעבְּסְט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׂכֶל, - בֶּעט אִיךְ

דִיר גֶעבּ מִיר אוֹיכֶעט שֵׂכֶל וְכוּ'. אַזוֹי זָאל מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, אוּן גֶעדֶענְקְן וֶוען מֶען דַאוֶוענְט רֶעדְט מֶען בְּלָשׁוֹן נוֹכָח צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי חַיִים וָואלָאזְשֶׁענֶער זַ"ל הָאבְּן אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס לֶערְנְט עֶר נִישְׁט מוּסָר? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר לֶערְנְט יָא מוּסָר. זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים גֶעוֶוען פַארְווָאוּנְדֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען עֶר לֶערְנְט דָאךְ נִישְׁט קַיין מוּסָר, וָוארוּם עֶר פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְטִיפְן אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר זֵיי, "מֵיין מוּסָר אִיז וֶוען אִיךְ דַאוֶוען, דֶעמָאלְטְס רֶעד אִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אִינְזִינֶען לָשׁוֹן נוֹכָח, כַּבְיָכוֹל אִיךְ רֶעד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס רַייסְט מִיר דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָוארוּם וָואס הֵייסְט מוּסָר? מְעוֹרֵר זַיין דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן וֶוען אִיךְ דַאוֶוען, דַאוֶוען אִיךְ בְּלָשׁוֹן נוֹכָח, אִיךְ הָאבּ אִינְזִינֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד, אוּן דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מוּסָר!".

**שְׁטַארְק** זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קנג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ט שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, מֶען דַארְף קוּקְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט מִיט דִי יוּגְנְט, לַיידֶער וֶוערְן זֵיי נִכְשָׁל מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת דוּרְךְ דִי שְׁמוּצִיגֶע מַכְשִׁירִים וְכוּ', אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ח.) אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת; דֶער יֵצֶר אִיז נִישְׁט שׁוֹלֵט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נָאר וָואס זַיינֶע אוֹיגְן זֶעהְן; אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ מֶען זֶעט שְׁמוּץ טוּט מֶען שְׁמוּץ, ווִי עֶס שְׁטֵייט (טוּר אוֹרַח חַיִּים סִימָן א') הָעַיִן רוֹאָה וְהַלֵּב חוֹמֵד וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גּוֹמְרִים; דִי אוֹיג זֶעט אוּן דָאס הַארְץ גְלִיסְט אוּן נָאכְדֶעם טוּט מֶען שׁוֹין אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס; אוּן ווִי אַ יוּנְג בָּחוּר'ל אִיז שׁוֹין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִיז שׁוֹין זַייעֶר שְׁוֶוער אִיהְם אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶערְפוּן, אוּן זַיין קָאפּ וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט מִיט אַלֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן עֶר פַארְלִירְט דֶעם חֵשֶׁק צוּ דִי קְדוּשָּׁה צוּ דִי תּוֹרָה, וָוארוּם דֶער בִּיטֶערֶער חֵטְא וָואס הֵייסְט חַטֹּאוֹת נְעוּרִים פַארְבְּלֶענְד דִי אוֹיגְן בִּיז עֶר זֶעהְט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם אֱמֶת אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקֵייט בִּיז עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֵייגְן תְּפִילִּין וְכוּ' וְכוּ'. דָאס אִיז אַ פַּאקְט דָאס אִיז לֵיידֶער דִי בִּיטֶערֶע מְצִיאוּת. אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער בּוֹרֵא

כָּל הָעוֹלָמִים רַחֲמָנוּת גִיהַאט אוֹיף אוּנְזֶער פִינְסְטֶער'ע דוֹר אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ אוּנְז אֵיין גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר אַלֵיין פַארְשְׁטֵייט דָאס נִגְעֵי הַנֶפֶשׁ אוּן הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הֵיילְט דִי נְשָׁמָה (עַיֵין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י"ג מִיּוֹם ו'), אוּן אֵיינֶע פוּן זַיינֶע עֵצוֹת אִיז דָאס דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) דָאס אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע תְּפִיסָה אַ שְׁוֶוערֶע פַארְשְׁטַאנְד זָאל עֶר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאל עֶר עֶנְדִיגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן מִיט אַזוֹיפִיל זָאגְן בַּיים סוֹף וֶועט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיךְ עֶס וֶועט אִיהְם אַרַיין בְּרֶענְגְן אַ חֵשֶׁק אוּן אַ רָצוֹן צוּ לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי זָאל עֶר אוֹיךְ טוּהְן מִיט גְמָרָא עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן זָאגְן אַ דַף נָאךְ אַ דַף אָן רַשִׁ"י אָן תּוֹסְפוֹת בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת וְכוּ' בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, דָאס וֶועט אִיהְם גֶעבְּן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וָוארוּם דֶער כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט שׁוֹין אִין טִיפֶענִישׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית צוּם סוֹף וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן דָארְט דוּרְךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט).

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קנד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ שְׁאֵלָה פוּן אַ מוֹרֶה הוֹרָאָה, וַוייל דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ וְכוּ', מֶען טָאר נִישְׁט פַארְלִירְן קַיין שׁוּם קִינְד, יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן מֶען דַארְף אוֹיף אִים אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה פוּן אַ גְרוֹיסְן מוֹרֶה הוֹרָאָה, וַוייל דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן דִינֵי נְפָשׁוֹת וְכוּ'.

הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים פוּן גָאר עֶרְלִיכֶע מוֹרֶה הוֹרָאָה, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁט כְּדַאי פַארְלָאזְן זִיךְ נָאר אוֹיף "אוֹ יוּ" וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ לָאזְן דִי קִינְדֶער בְּרֶענְגְן אִין חֵדֶר קַיין שׁוּם נַאשׁ אָדֶער גֶעטְרַאנְק וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דָאס דֶער רַמְבַּ"ם בְּרֶענְגְט (אִיגֶרֶת תֵּימָן) אוֹיבּ מֶען פִּיטֶערְט זִיךְ מִיט נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר'עֶ מַאֲכָלִים לֹא עָלֵינוּ, וֶוערְט דָאס בְּלוּט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְמִישְׁט וְכוּ', אוּן עֶס גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אַריין אִין אִים דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין חֵדֶר אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין שׁוּם נַאשׁ וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין הֵיימִישֶׁע הֶכְשֵׁר.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קנה

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַז דוּ הַאלְסְט זִיךְ נָאךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אָפְּרַייסְן אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז אֵיידֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען בְּזֶה הָעוֹלָם, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ' (עַיֵין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז' מִזְבּוּב וְעַכְבִּישׁ), אִיבֶּערְדֶעם פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אַרוּמְפָארְן אִין אַלֶע שְׁטֶעט אוּן שְׁטֶעטְלֶעךְ ווִי עֶס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אוּנְזֶערֶע לַייט, כְּדֵי זֵיי מְחַזֵק זַיין צוּ בְּלַייבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**לֵיידֶער** זֶעעֶן מִיר אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶועןְ, עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַזַא מִין מַחְלוֹקֶת דַיְיקָא

צְווישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט וְכוּ' וְכוּ', אֵיינֶער פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ' וְכוּ', גֶעוואַלְד! טִיפְּשִׁים וְכוּ'! מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם זֶעלְבְּן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר פָארְן צוּ אִים צוּזַאמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען לֶערְנְט דֶעם זֶעלְבְּן סֵפֶר דֶעם הֵיילִיגְן "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן צוּם סוֹף אִיז דָא אַזוֹיפִיל פֵּירוּדִים וְכוּ'? דָאס הָאט אַלֶעס אָנְגֶעמַאכְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אוּן עֶר הָאט לֵיידֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מז:) מִשֶּׁרַבּוּ תַּלְמִידֵי שַׁמַּאי וְהִילֵל שֶׁלֹּא שִׁימְשׁוּ כָּל צוֹרְכָן, רָבוּ מַחְלוֹקֶת בְּיִשְׂרָאֵל וְנַעֲשִׂית תּוֹרָה כִּשְׁתֵּי תּוֹרוֹת; דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת וָואס עֶס אִיז דָא אִינֶעוֵוייניג אִיז נָאר פוּן דִי וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים יָשָׁר וְהָפוּךְ וְכוּ', וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין מַחְלוֹקֶת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת עֶר אִיז דֶער שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, אוּן אַלֶע זַיינֶע מְקוּרָבִים זֶענֶען שִׂכְלִיִּים פְּרָטִיִּים, אוּן אַלֶע שִׂכְלִיִּים פְּרָטִיִּים דַארְפְן נִכְלַל וֶוערְן אִין שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ אִין שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, דָארְטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין מַחְלוֹקֶת וְכוּ', מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט צְווינְגֶען אַז דוּ מוּזְט הַאלְטְן אַזוֹי ווִי אִיךְ וְכוּ', וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (בְּרָכוֹת ס"ג) כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנוֹת כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד), דָאס יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָּה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אוּן נִישְׁט נָאר אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאר עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט

הָאבְּן דֶעם צְוֵייטְנְס נְקוּדָה וְכוּ', אִיז וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן אוּן מִתְוַוכֵּחַ זַיין? דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן קְלֵיינֶע מוֹחוֹת וְכוּ', וָואס זֵיי מֵיינֶען נָאר זִיךְ וְכוּ', זֵיי ווִילְן נָאךְ וֶוערְן גְרוֹיס וְכוּ', זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִין אַ גְרוֹיסֶער סַכָּנָה, אַזוֹי ווִי דִי פִּישׁ אִין יַם וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וֶוען מֶען וֶועט זֵיי פַאנְגֶען, אַזוֹי אִיז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען מֶען וֶועט אִים צוּרִיק רוּפְן אוֹיבְן וְכוּ', אוּן וֶוער סְ'נֶעמְט דָאס אַריין בַּיי זִיךְ אִין מוֹחַ אַז מֶען קֶען אִים יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה צוּרִיק רוּפְן אוֹיבְן וְכוּ', דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט אוֹיף נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען מִי בְּרֹאשׁ וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הַאלְסְט זִיךְ נָאךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם מִיט שִׂמְחָה בְּרֶעכְט מֶען דוּרְךְ אַלֶע מְנִיעוֹת, אַז וואוֹיל אִיז דֶער אִיד וָואס פְּרֵייט זִיךְ יֶעדְן טָאג מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אוּן מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר זַיין לוֹיטֶערֶער הַארְץ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.**

**זֶע** צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, וָוארוּם סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת צְווִישְׁן זֵיי.

**אִין** דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין הָאבְּן גֶעוואוינְט גְרוֹיסֶע גְבִירִים בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, און זֵיי הָאבְּן אויפְגֶעבּויעֶט אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ פַאר זִיךְ, און זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַ בְּרֵייטְן מִזְרָח וַואנְט כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער אויבְן אָן, און אַלֶע גְבִירִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אויבְן אָן, בִּיז עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶנְג וְכוּ', הָאט זִיךְ טְשֶׁערִינֶער רָב אָנְגֶערוּפְן, "דִי גוּפִים זֶענֶען אַזוֹי בַּאהָאפְטְן אֵיינֶער לֶעבְּן אַנְדֶערְן, אָבֶּער דִי הֶערְצֶער זֶענֶען אַזוֹי וַוייט אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן..." וָוארוּם עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן זֵיי, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֶר הָאט לִיב יֶעדְן מְקוּרָב, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט פוּן זַיין חַבוּרָה.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "מָאוֹר וְשָׁמֶשׁ" (וַיְחִי) אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי מְנֶעשְׁכִיז זי"ע, אַז צוּ אַ צַדִיק פָארְן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, און יֶעדֶער אֵיינֶער פָארְט וֶועגְן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, דֶער ווִיל קֶענֶען לֶערְנֶען וְכוּ', דֶער ווִיל קֶענֶען דַאוֶונֶען וְכוּ', דֶער דַארְף פַּרְנָסָה וְכוּ', דֶער דַארְף אַ רְפוּאָה וְכוּ', דֶער דַארְף אַ יְשׁוּעָה וְכוּ', אָבֶּער דֶער שְׁלֵימוּת אִיז צוּ פָארְן צוּם צַדִיק כְּדֵי גֶעוָוואר צוּ וֶוערְן אַז ס'אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס אַרַיינֶעמֶען בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן אַרַיין, נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים אֵיין סֶעקוּנְדֶע, אַז וואוּיל אִיז דֶער וָואס קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה דָאס עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר שְׁנֶעל גֶעפָארְן צוּ דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי מְנֶעשְׁכִיז זי"ע, כְּדֵי עֶר זָאל אִים נָאךְ כַאפְּן בַּחַיִים חַיוּתוֹ, אוּן דֶער צַדִיק הָאט גֶעמַאכְט לְכָבוֹד אִים אַ סְעוּדָה, כָאטְשׁ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ (פִינְף טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת) פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה, אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט מִיט אִים, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן אַ לַאנְגֶע צַייט (קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט). בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אִיז גֶעוֶוען אַן עִנְיָן צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי מְנֶעשְׁכִיז זי"ע, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַלֶע בֶּעלְזֶער רֶבִּיִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט עֶנְדִיגְן זֵייעֶרע וֶוערְטֶער מִיט אַ גוּטֶע זַאךְ, הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט דִי וֶוערְטֶער "דֶער נֶעשְׁכִיזֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער אִיד", אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס "מָרְדְכַי בֶּן גִיטְל בִּלְתִּי לְהַשֵּׁם לְבַדוֹ", וֶוען דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶע צַדִיק דֶער רִיבְנִיצֶער רֶבִּי זי"ע אִיז בַּיי מִיר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אַ וָואךְ צַייט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט, דָאס עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי צַדִיקִים אַז לֵיל שִׁישִׁי זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען "מָרְדְכַי בֶּן גִיטְל", אוּן עֶר הָאט גֶעטְרוּנְקֶען אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְּן אוּן גֶעזָאגְט "לְחַיִים, מָרְדְכַי בֶּן גִיטְל".

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט מְקוּרָב זַיין צוּ אַ צַדִיק, נֶעמֶען פוּן אִים נָאר רוּחְנִיוּת, אוּן מְמֵילָא וֶועט שׁוֹין

קוּמֶען גַשְׁמִיוּת, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ד) אַז עֶס וֶועט וֶוערְן פַארְרָאכְטְן אוֹיבְן בְּרוּחְנִיּוּת וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא זַיין אוּנְטְן גַשְׁמִיּוּת, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי אָשֶׁר פוּן סְטָאלִין זי"ע, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיינֶע חֲסִידִים, דָאס דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי מְנֶעשְׁכִּיז זי"ע כָּל עִנְיָנָיו וַעֲסָקָיו וּמַגָמוֹתָיו וּכְלוֹת נַפְשׁוֹ לְהַחְזִיק וּלְגַלוֹת הָאֱמוּנָה בָּעוֹלָם וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָן קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק, נָאר שֶׁעפְּן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קנו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, וָוארוּם אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר הוּא מַה שֶׁקוֹרִין דֶער הַאלְטִין זִיךְ", אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, מֶען פְּרָאבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַנְדֶערֶע

שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ח), **אַז** מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶוערְט דָאס הַארְץ פַארְפְלַאמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן צַדִּיקִים אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט וָואס אוֹיף זֵיי אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, וֶוערְט נִמְשָׁךְ דִי הֶאָרָה וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּזֶה הָעוֹלָם אוֹיף דֶעם מְסַפֵּר, הַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה קוּמְט אַרָאפּ דִי לֶעבְּט פוּן דִי צַדִּיקִים, אִיבֶּערְדֶעם אַז עֶס הָאט דִיר פַּאסִירְט אַזַא אוּמְגְלִיק אוּן ס'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע צָרוֹת, אִיז דִי עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס מִיט זֵיי הָאט פַּאסִירְט, אוּן וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אוּן דִי זְכוּת פוּן דִי צַדִּיקִים וֶועט אוֹיף דִיר אוֹיבֶעט מֵגֵן זַיין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעוֶוען רַב אִין שִׁינָאוְוא, אוּן דָארְטְן הָאט זִיךְ פַּארְטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים אַ שַׂר אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט נָאר אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן טוּן מִיט אִים גְרוֹיס רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיּוּת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ מַעֲשֶׂה: אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין לֶעמְבֶּערְג אַ גְרוֹיסֶער רַב, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים הַכֹּהֵן רַאפָּאפָּארְט ז"ל, וָואס דֶער שַׂר אִין לֶעמְבֶּערְג הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף

אִים, און עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט חָלִילָה וְחַס אוּמְבְּרֶענְגֶען, און מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער שַׂר פְּלַאנְט, אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען און הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין רֶעבֶּעצִין, ״הֶער נָאר אוֹיס וָואס דֶער שַׂר וִויל טוּן: עֶר וִויל מִיךְ מַעֲבִיר זַיין מִן הָעוֹלָם. לָאמִיר אַוֶועקְגֶעבְּן אֵיין נאכְט פַאר תְּפִלָּה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין, און דוּ וֶועסְט מִתְפַּלֵל זַיין, און מִיר וֶועלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם עָרֵל!״. וְכַךְ הֲוָה: דִי נַאכְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים און זִי הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים, און זֵיי הָאבְּן בֵּיידֶע אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִים מִיט גְרוֹיס בְּבְכִיוֹת; עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אֵיין ווִינְקְל, און זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען און דִי אַנְדֶערֶע ווִינְקְל, און זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אוֹיסְדֶערְצֵיילְט זֵייעֶרֶע צָרוֹת, און גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת הָאבְּן. דֶערְוַוייל דִי נַאכְט אִיז דֶער שַׂר פוּן לֶעמְבֶּערְג גֶעפָארְן אוֹיף אַ שְׁלִיטְן מִיט צְווֵיי גֶעזוּנְטֶע פֶּערְד, און עֶר אִיז גֶעוֶוען גוּט אָנְגֶעטְרִינְקֶען בְּגִילוּפִין, און דִי פֶּערְד הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לוֹיפְן, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן שְׁלִיטְן, און דִי פֶּערְד זֶענֶען גֶעוָוארְן ווִילְד און זֵיי הָאבְּן אִים צוּטְרָאטְן אוֹיף טוֹיט.

און אִינְדֶערְפְרִי אִיז מֶען גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן לֶעמְבֶּערְגֶער רָב אַז דֶער שַׂר הָאט גֶעהַאט אַ מַפָּלָה, און עֶר הָאט גֶעפֵּייגֶערְט מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה. - דָאס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט, - ״אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט

זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ הָאבּ מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מֵיין רֶעבִּיצִין אִיז זַייעֶר שְׁוַואךְ אוּן קֶען נִישְׁט אוּיף זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט. אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוּיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֶועט זִיךְ נוֹקֵם זַיין מַיין נְקָמָה", דֶערְוַוייל הָאט דֶער שַׂר גֶעהַאלְטְן אַ בִּיקְס אִין דֶער הַאנְט, אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר אַ דְרִיק גֶעגֶעבְּן אוּיפְן צִינְגְל פוּן דֶעם בִּיקְס, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט קוֹילְן, אִיז אִים אַרַיין אַ קוֹיל אִין פִּיסְק, אוּן אַדוּרְךְ דֶעם מוֹחַ, אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַ מִיתָה מְשׁוּנָּה.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דֶערְצֵיילְט סִיפּוּרִים פוּן צַדִיקִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּן וואוּנְדֶערְס, וֶוערְט נִתְעוֹרֵר דֶער אוֹר פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוּיף דִי וֶועלְט דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין דִי הֶערְצֶער פוּן זֵייעֶרע מְקוֹרָבִים, אוּן דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט טוּן רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת, הָאבְּן גֶעהַאט אַ ווִיסְטְן סוֹף.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אַסַאךְ צָרוֹת וְכוּ' אוּן מֶען לָאקֶערְט אוּיף דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי רִשְׁעֵי הָעֵרֶב רַב וְכוּ' וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען דִיר מְצַעֵר וְכוּ', זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רל"ד), וֶוען אַ אִיד דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, וֶוערְט נִתְעוֹרֵר

דִּי רַחְמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ טַהֲרַת הַמַּחְשָׁבָה, זַיין מַחְשָׁבָה זַיין גֶעדַאנְק וֶוערְט לוֹיטֶער אוּן רֵיין אוּן הֵייבְּט אָן צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז עֶר וֶועט זֶען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ט), **אַז אַ** אִיד רֶעדְט פוּן שְׁבַח הַצַּדִּיקִים, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶעם מֹחַ, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַ דִיבּוּר וָואס אִיז נִשְׁמַע וְנִתְקַבֵּל, וָואס עֶר בֶּעט אוּן וָואס עֶר רֶעדְט וֶוערְט נִתְקַבֵּל אִין הִימְל, אוּן עֶס וֶוערְט נִתְקַבֵּל בַּיי מֶענְטְשְׁן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן שְׁבַח פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**נָאר** דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס טוּט דִיר זֵייעֶר וֵויי וֶוען מֶען רוֹדֶפְט דִיךְ עַד לְחָרְמָה, אוּן מֶען טְרֶעפְט אוֹיס אוֹיף דִיר נַייעֶ לִיגֶענְטְס יֶעדֶעס מָאל וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען אִיז גוֹזֶר אוֹיף דִיר נַייעֶ גְזֵירוֹת יֶעדֶעס מָאל וְכוּ', דִיךְ צוּ שְׁטֶערְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִיךְ אִינְטֶערְדְרִיקְן וְכוּ' וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט מְקַיֵים זַיין דָאס וָואס

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן צַדִּיקִים אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, דָאס אִיז מַמְשִׁיךְ יְשׁוּעוֹת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶע דַיינֶע שׂוֹנְאִים וָואס זֵיי ווִילְן דִיר טוּן שְׁלֶעכְטְס וֶועלְן הָאבְּן אַ ווִיסְטֶע מַפָּלָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קנז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו ווִי דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָארְטְן דַיין בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ' וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען דָאס בִּיטֶער הַארְץ, אוּן צוּ שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטְן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועמֶען צוּ בֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג אִין דִי י"ג עִיקָּרִים, וָואס דֶער

רַמְבַּ"ם הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט יְסוֹדוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, וֶוערְט גֶעזָאגְט דָארְטְן "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל וְאֵין לְזוּלָתוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל", אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ קַיין שׁוּם בָּשָׂר וָדָם, וְויסְן דַארְפְסְטוּ וְויסְן אַז קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, עֶר אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אַז מֶען קוּמְט צוּ אִים אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס, בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען בֶּעט אוּן מֶען וֵויינְט אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, טָאר מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן ווידֶערְאַמָאל, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:) אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה יַחֲזוֹר וְיִתְפַּלֵּל, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים כ"ז) קַוֵּה אֶל הֲוַיָ"ה חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל הֲוַיָ"ה; בִּיז בַּיים סוֹף וֶועט מֶען זֶען אַ גְרוֹיסְן יְשׁוּעָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, פַּאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר בִּיטֶער, בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד וְכוּ' וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם דִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, אוּן בֶּעט אִים אִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִינְדִיגְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אוֹיף דִיר מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט דִיךְ אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען אִינְגַאנְצְן,

אוּן עֶר הָאט דִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן ווִי עֶר הָאט דִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט** ווִיסְן וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּאר אִים מִיט אַן אֱמֶת, - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ב) - לַייכְט אִים דֶער דִיבּוּר בִּיז עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פִינְסְטֶערְנִישׁ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט עֶר פַארְדְרֵייט אוּן פַארְווִיקְלְט אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ, אָבֶּער וֶוען עֶר רֶעדְט זַיינֶע דִיבּוּרִים מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶר מֵיינְט דָאס נָאר מִיט אַן אֱמֶת, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי דִיבּוּרִים לַייכְטְן אִים עֶר זָאל זֶען דִי טִירְן ווִי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן.

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אָשֶׁר מִרָאפְּשִׁיץ זי"ע הָאט אַמָאל הוֹשַׁעֲנָא רַבָּא זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט: "הוֹשַׁע נָא אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ הוֹשַׁע נָא!, הוֹשַׁע נָא בִּלְתֶּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ הוֹשַׁע נָא!, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט אַזוֹי פִיל מָאל אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן בִּיסְטוּ אַן אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דוּ אַלֵיין! בִּלְתְּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן!", אוּן עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעוֵויינְט. זֶעט מֶען אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אֱמֶת'דִיג דָבוּק אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיכֶעט בַּאנוּצְט מִיט דִי עֵצָה.

**אוּן** אַזוֹי וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער ווִי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, אַלְץ מֶער הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת, אוּן הָאט גֶעוֵויינְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ווִי קֶען מֶען זַיין אַ אִיד? ווִי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", בִּיז אֵיינְמָאל הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל, "רֶבִּי, אִיר הָאט דָאךְ מְגַלֶה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע גִילוּיִים, פַארְוָואס זָאגְט אִיר, 'ווִי קֶען מֶען זַיין אַ אִיד? ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?'" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעווּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע הַשָּׂגוֹת? אַז אִיךְ זֶע דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן וְכוּ', אִיז מִן הַסְתָּם דָא נָאךְ הֶעכֶערְס אוּן נָאךְ הֶעכֶערְס וְכוּ' וְכוּ'", אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן וְכוּ', עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לֵב נִשְׁבָּר, אוּן גֶעבֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפּוּעֶלְט אַז זַיין לֶעכְט זָאל לַייכְטְן אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז "מֵיין פֵייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען".

**אוּן** מֶען זֶעט אַז דָבָר אֶחָד מִדְּבָרָיו לֹא שָׁב רֵיקָם, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס אוֹר וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִידְן וֶוערְן מְקוֹרָב צוּ זַיין דַעַת, צוּ זַיין טִיפְן לִימוּד, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, אוּן טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

מֶען זֶעט ס'קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְויפִיל טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת קוּמֶען זִיךְ דָארְטְן צוּזַאם וְכוּ', הֵיי יָאר הָאט זִיךְ פַּארְקְלִיבְּן אִיבֶּער פֶּערְצִיג טוֹיזֶענְט אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאר מִיט אֵיין כַּוָונָה, צוּ נֶעמֶען אַ תִּיקוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז דֶער וָואס וֶועט זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים פַּארְרֶעכְטְן מִיט אַזַא מִין תִּיקוּן וָואס עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: פָּאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט. נָאר אִיךְ גֶעבּ דִיר אַן עֵצָה, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה, וָוארוּם אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר מַחֲמַת עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, פַאלְט עֶר אַרַיין אִין מְדוֹר הַקְלִיפּוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט פִינְסְטֶערְנִישׁ, וואס דָאס הֵייסְט קְלִיפּוֹת וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא וְכוּ', עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה קוּמְט פוּן דִי טוּמְאָה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דִי קְדוּשָּׁה אִיז נָאר שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז), בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ וויסְן, וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי

מִצְווֹת, ווִי נִישְׁט אֲפִילוּ עֶר אִיז ווִי אַזוֹי עֶר אִיז וְכוּ', אָבֶער בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, אוּן עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, אוּן עֶר הָאט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן עֶר עֶסְט כָּשֵׁר אוּן עֶר הִיט שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, וָוארוּם יְעֶדְער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; מִיט דֶעם גֵייט עֶר אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן עֶס לַייכְט אִים עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן עֶר בַּאקוּמְט נַייעֶ מוֹחִין, וָואס עֶס לַייכְט אִים שְׁטֶענְדִיג דָאס גֶעטְלִיכְן לִיכְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וָואס דָאס אִיז דִי קְדוּשָּׁה. מֶען דַארְף בֶּעטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן מֶען זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ פַארְבְּרֵייטֶערְן דָאס הַארְץ אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אוֹיבּ מֶען בֶּעט מִיט אַן אֶמֶת וֶוערְט דִי תְּפִלָּה נִתְקַבֵּל לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל.

**זֶע** צוּ קוּמֶען צוּ מִיר וֶועלְן מִיר רֶעדְן צוּזַאמֶען אוּן מֶען וֶועט טְרַאכְטְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דִיר הֶעלְפְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# קנה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף פִּדְיוֹן, זָאל דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר אַלֶע דִינִים דוּרְכְ'ן פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן מִיטְן פִּינְטֶעלֶע אִיד וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים, אִין יֶעדְן אִיד אִיז דָא שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, דֶערְפַאר הֵייסְט עֶר 'יְהוּדִי' עַל שֵׁם יְהוּדָה אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ"ח סִימָן ו') יְהוּדָה אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ וְכוּ', יִהְיוּ כָּל אַחֶיךָ נִקְרָאִין עַל שִׁמְךָ; דָאס הֵייסְט אַ אִיד וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יְהוּדִי עַל שֵׁם יְהוּדָה, אִין דֶעם וָוארְט יְהוּדָה אִיז דָא דֶער שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אוּן דֶער אוֹת ד', וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז עַל דְלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם. דָאס הֵייסְט וֶוען אַ אִיד הַאלְט זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְט לַייכְט אִין אִים דֶער שֵׁם הַוַיָ"ה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ, לַייכְט נִישְׁט אִין אִים דֶער שֵׁם הַוַיָ"ה, וָוארוּם וָואס מֶער אַ אִיד אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, לַייכְט אִין אִים דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה, וָואס דָאס אִיז דֶער וָוארְט יְהוּדָה, שֵׁם הַוַיָ"ה מִיט דֶעם אוֹת ד', ד' מֵיינְט דְלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶעמָאלְטְס לַייכְט בַּיי אִים דִי שֵׁם הַוַיָ"ה, אוּן אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הֵייסְט

ער יְהוּדִי, יֶעדער איד איז בְּטֶבַע צוּבְּרָאכְן ווי די חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא עֵקֶב), "כִּי אַתֶּם הַמְעַט" אַתֶּם מְמַעֲטִין אֶת עַצְמְכֶם; אִידְן שְׁפִּירְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרָאכְן, נִידְרִיג, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף זַיין בְּעַצְבוּת, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַוֶועק מַאכְן זַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זַיינֶע מִצְוֹות, אַדְרַבָּה, אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוֹות פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין זִיךְ.

**זִייסְן** זָאלְסְטוּ וויסְן, אַזוֹי ווי סְ'אִיז דָא אַ לַאו (וַיִקְרָא יט) "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" מֶען טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְן אַ צְווייטְן איד, אַזוֹי טָאר מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְן, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין עִנְיָן זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין עֲנָוָה, דָאס הֵייסְט נָאר גֵיאוּת, אוּן שְׁטוּת, וְכוּ', מֶען דַארְף זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען טוּט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וויסְן, אַז אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דָאס גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ.

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער רֶבִּי רֶבִּי הֶערְשׁ זִי"ע דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן נַדְבוֹרְנָא בַּעַל מְחַבֵּר "צֶמַח ה' לַצְבִי",

און עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט "רֶבִּי, מֵיין דַאוֶוענֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד! מַיינֶע מִצְווֹת זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד!", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אָנְגֶעשְׁרִיגְן, "ווִי מֶעג אַ אִיד אַזוֹי רֶעדְן? וָוארוּם וֶוען אַ אִיד דַאוֶוענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר נִכְלַל אִין אִים, וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה גֵייט עֶר אַרַיין אִין אִים וְכוּ' וְכוּ'", און אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מְשַׁבֵּחַ צוּ זַיין וָואס וֶוערְט גֶעטוּן בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "וֶוען אַ אִיד דַאוֶוענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר בַּאהָאפְטְן צוּ אִים, וְכוּ', וְכוּ'", און עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט, "ווִי קֶען אַ אִיד זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים?".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און גֶעפוּנֶען בַּיי זִיךְ דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, און עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און הַאלְט זִיךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַרְגְסְטֶן וְכוּ', דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט עֲנָוָה וְכוּ', אַדְרַבָּה אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים, און דָאס וֶועט אִים דֶערְהֵייבְּן הֶעכֶער און הֶעכֶער וְכוּ' וְכוּ', דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע

פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ צוּבְרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶן אִין אַ יִאוּשׁ וְכוּ׳, עֶר זָאל דֶערְוַוייטֶערְט וֶוערְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין וֶועג וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פַּארְקֶערְט, אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אֲפִילוּ פוּן דֶעם טִיפְסְטְן בְּלָאטֶע ווִי עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ"ד) וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן עִמְקֵי עֲמָקִים פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן עוֹלָם עֲשִׂיָּה צוּ עוֹלָם הַיְצִירָה, פוּן עוֹלָם הַיְצִירָה צוּ עוֹלָם הַבְּרִיאָה, בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ עוֹלָם הָאֲצִילוּת מָטֵי וְלֹא מָטֵי וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶר וֶוערְט בַּאהָאפְטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר פַּאלְט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין יִאוּשׁ, אוּן אִין קַיין דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג**

# קנט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"א שְׁבָט ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט מֶען אַיינְגֶעפִּירְט אַז נָאךְ יֶעדְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב גֵייט מֶען אַ רִיקוּד, אוּן דֶער תַּכְלִית פוּן דֶעם אִיז פָּשׁוּט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דַאוֶוענֶען יֶעדֶע תְּפִלָּה פוּן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְלוּבָּשׁ מִיט זַיין גוּף הַגַּשְׁמִי, קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן וָואס הֵייסְט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אָדֶער מִנְחָה אָדֶער מַעֲרִיב, דָאס פוּן דֶעם וֶוערְט אִין הִימְל גְרוֹיסֶע יִחוּדִים וְכוּ' וְכוּ' אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד וָואס דַאוֶוענְט אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין כָּל זְמַן מֶען אִיז מְלוּבָּשׁ מִיט אַ גוּף הַגַּשְׁמִי וְכוּ', וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס עֶס וֶוערְט גֶעטוּן פוּן זַיין דַאוֶוענֶען אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, נָאר דִי צָרָה אִיז אַז קֵיינֶער כַּאפְּט נִישְׁט אַז דוּרְךְ יֶעדְן אֵיינֶעם'ס תְּפִלָּה וֶוערְט גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ מִתְרַשֵׁל מִיט תְּפִלָּה.

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט, אַז דוּרְךְ יֶעדֶע תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען נַייעֶ מוֹחִין, אוּן מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ נַייעֶ עוֹלָמוֹת

וָואס דָאס קֶען מֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, וַוייל מִיר זֶענֶען מְלוּבָּשׁ אִין אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגְן גוּף, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אוּנְז אַז אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן חַס וְשָׁלוֹם לָרִיק וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ מִתְרַשֵׁל, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע, אַז צוּלִיב דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ קְלֵיינֶע אֱמוּנָה וְכוּ' עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז אוֹיבֶּעט חָשׁוּב אוּן הִימְל אִיבֶּערְדֶעם פַארְפַּאסְט עֶר גְרוֹיסֶע תִּיקוּנִים וָואס עֶר קֶען גוֹרֵם זַיין אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן וָואס עֶס וֶוערְט גֶעטוּן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת דוּרְךְ זַיינֶע מִצְווֹת, וָואלְט עֶר יֶעדֶע מִצְוָה גֶעטוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, נָאר עֶס גְלֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אַז זַיינֶע מִצְווֹת טוּעֶן עֶפֶּעס אוֹיף, אִיבֶּערְדֶעם וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶוערְט בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאכְגֶעלָאזְט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זִיךְ מִתְרַשֵׁל רַחְמָנָא לִיצְלָן אִין קִיוּם הַמִצְווֹת מַעֲשִׂיוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיבֶּעט בַּיים דַאוָוענֶען, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז פוּן זַיין דַאוָוענֶען אִיז עֶר גוֹרֵם אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר בַּאשַׁאפְט נַייעֶ עוֹלָמוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט ווִיסְן אַז אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע

קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען טוּט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן פְרֵייִ זִיךְ נָאךְ יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ דַאוֶוענְסְט, הֵן שַׁחֲרִית הֵן מִנְחָה הֵן מַעֲרִיב, אוּן גֵיי אַ רִיקוּד נָאךְ יֶעדְן דַאוֶוענֶען, כָּאטְשׁ מֶענְטְשְׁן לַאכְן פוּן דֶעם, אָבֶּער דִי מְצִיאוּת אִיז אַז אוֹיבּ אַ אִיד פְרֵייט זִיךְ מִיט זַיינֶע תְּפִילוֹת מַאכְט דָאס אַ רַעשׁ אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, אוֹיכֶעט דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דוּרְךְ זַיינֶע דְרֵייִ תְּפִילוֹת וָואס עֶר דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב וֶוערְט גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין הִימְל וְכוּ', וֶועט עֶר דַאוֶוענֶען לַאנְגְזַאם מִיט כַּוָּונָה פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן בַּיים סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דַוְיקָא דוּרְךְ זַיינֶע דְרֵייִ תְּפִילוֹת אַז עֶס זָאלְן אִים לַייכְטְן דִי מוֹחִין.

**זֶע** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן פַאל נִישְׁט בַּיי דִיר אַרָאפּ, נָאר זַיי פְרֵייְלִיךְ אוּן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג גֵיין אַ רִיקוּד, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קס

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ב שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָפְּדְרִיקְן נָאךְ אַ כְּרַךְ פוּן דִי בְּרִיוו, וָוארוּם דָאס אִיז

אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, און דִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה׳) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, וָוארוּם מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל דָאס עֶר הָאט גוּט גֶעטְרַאכְט ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס אוֹר לְדוֹרֵי דוֹרוֹת? בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי הַחְלָטָה אַז נָאר דוּרְךְ דְרִיקְן דִי סְפָרִים וָואס דָאס גֵייט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, און עֶס בְּלַייבְּט לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מַמְשִׁיךְ זַיין דְרִיקְן אֵיין כְּרַךְ נָאכְן אַנְדֶערְן דִי בְּרִיוו אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים, כִּמְעַט יֶעדְן טָאג קוּמֶען מֶענְטְשְׁן מִיר זָאגְן אַ יַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַסַאךְ צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ' מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטַארְק זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַזָא גְרוֹיסְן חֵלֶק אִין זְכוּת הָרַבִּים, און בְּוַודַאי וֶועט דֶער זְכוּת דִיר מֵגִין זַיין, דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט שִׂמְחָה, און נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, און מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט מְחַיֶּיה אִידְן, פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קסא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ה שְׁבָט ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן שְׁטַארְקְן זִיךְ, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיף אִים פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זַייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה) אֵין מְחַזְקִין אֶלָּא לִמְחוּזָקִין; דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע דֶער דַארְף אַלֵיין הָאבְּן חִיזּוּק, אִיבֶּערְדֶעם וִויל אִיךְ דִיר שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט נִישְׁט נָאכְלָאזְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, זָאלְסְט הַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) דָאס אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֶענְדִיג אָפְּהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אָבֶּער זֵיי מוּזְן וִויסְן אַז צוּקוּמֶען צוּ שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם זַייעֶר שְׁטַארְק.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען טוּן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן וִויפִיל מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער מֹחַ אוּן דֶער דַעַת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י'), אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה, אוּן אוֹיבֶּעט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זִיסֶע עֵצָה ווִי דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד

וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) מֶען זָאל נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז צוּם סוֹף, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פִירְן דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַּרְנָסָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אוּן אוֹיכֶעט זָאל מֶען זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא יֶעדְן טָאג בִּיז מֶען וֶועט מְסַיֵים זַיין אֵיין מַסֶכֶת נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע וְכוּ' וְכוּ'. עֶס אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "וֶוער סְ'אִיז מְסַיֵים שַׁ"ס צִיט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ צֶלֶם אֱלֹקִים" וָואס דָאס הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, אִיז דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל זָאל יֶעדֶער בָּחוּר דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ"ס כָּאטְשׁ אֵיין מָאל, אוּן נָאכְדֶעם אִיז זֵייעֶר גוּט אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא, אוּן אִיבֶּערְחַזֶרְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן אַז מֶען חַזֶר'ט אַזוֹי פִיל מָאל גֶעדֶענְקְט מֶען עֶס נָאכְדֶעם, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי פָּארְלֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי פַארְשְׁטֵיין וָואס זֵיי לֶערְנֶען דִי מַסֶכֶת בְּרָכוֹת הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט בְּעִיוּן וְכוּ' וְכוּ', אוֹיךְ דַארְף מֶען זֵיי מְעוֹרֵר זַיין אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַז זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן.

**דֶער** עִיקָר אִיז נִישְׁט זִיךְ צוּ מַאכְן צוּ טוּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, מֶען דַארְף טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט: צִיצִית, תְּפִילִין, מְזוּזָה, שַׁבָּת, כַּשְׁרוּת, אַ בָּארְד,

אוּן פֵּיאוֹת, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטְס וָואס מֶען הָאט.

דֶער עִיקֶר דוּ זָאלְסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, פַאר דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט וָואס דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, בְּחִינַת מוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי סְ׳שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּרוּמָה קכ״ח:), תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב׳) ״בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם״, וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא וְזָכֵי לְעָלְמָא דְאָתֵי, כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי, עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִימָחֵי בִּידֵיהּ. וְעַל דָא כְּתִיב (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וגו׳, דֶער וָואס עֶר נֶעמְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶער אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

זֶע נָאר צוּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה מִיט דִי בָּחוּרִים, וָוארוּם אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם שְׁטֶענְדִיג חַזֶּרְן,

מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵיגָה. דֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען זַיין פָּאטֶער דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זי"ע אִיז נָאךְ גֶעוֶוען רָב אִין טֶעטְשׁ, דֶער רֹאשׁ הַקָהָל הָאט גֶעהֵייסְן ר' מָרְדְכַי, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זִידִיטְשׁוֹבֶער חָסִיד, הָאט עֶר אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רָב אוֹיבּ עֶר וִויל מִיטְפָּארְן מִיט אִים אוֹיף שַׁבָּת צוּם רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער זי"ע, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט יָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן אַ פַּארְנוּמֶענֶער מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַהֵיימְפָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶוענְן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיבֶּערְדֶעם גֶעט עֶר אִים אִיבֶּער אַ קְווִיטְל אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם זִידִיטְשׁוֹבֶער רֶבִּי'ן זָאל עֶר אִיבֶּערְגֶעבְּן זַיין קְווִיטְל, אוּן עֶר זָאל אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן מָרְדְכַי'ן, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶעגְנְט זִיךְ פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט, אוּן וֶוען דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם זִידִיטְשׁוֹבֶער רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט וְכוּ' וְכוּ', הָאט עֶר אִים אוֹיכֶעט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם קְווִיטְל פוּן דֶעם רֹאשׁ הַקָהָל אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן מָרְדְכַי'ן, הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער אָנְגֶערוּפְן, (מִיטְן זִידִיטְשׁוֹבֶער נוּסַח) "יִצְחָק אַייזִיק בֶּן עֶטְיָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִינְזִינֶען הָאבְּן מָרְדְכַי'ן?

יִצְחָק אַייזיק בֶּן עֶטְיָה איז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִינְזִינֶען הָאבְּן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

זֶעט מֶען וָואס אִיז דִי שְׁטְרֶעבּוּנְג פוּן אַ צַדִיק בְּזֶה הָעוֹלָם, נָאר אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס דַארְף מֶען אַריינְלֵייגְן אין דִי בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן שְׁטֶענְדִיג נָאר אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט, און אַלֶעס וָואס מֶען הֶערְט, און אַלֶעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט וְכוּ', אִיז נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הַאלְט דֶערְבַּיי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קסב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ה שְׁבָט ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי דִיךְ, בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט יֶעצְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חוֹבוֹת, זַיי מְקַיֵים (תְּהִילִים נ"ה) "הַשְׁלֵךְ עַל הַוַיָ"ה יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ לֹא יִתֵּן לְעוֹלָם מוֹט לַצַדִיק" דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (מִדְרָשׁ תְּהִילִים נ"ה) דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזֶען אַלֶע זַיינֶע שׂוֹנְאִים, הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא

גֶעהַאט וְכוּ', אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַל תִּתְיָרֵא, אֲנִי עִמְּךָ. הַשְׁלֵךְ עַל הַוַיָ"ה יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ. בָּשָׂר וָדָם יֵשׁ לוֹ אוֹהֵב וְהוֹלֵךְ אֵלָיו. פַּעַם אַחַת מְקַבְּלוֹ, וּשְׁנִיָּה וּשְׁלִישִׁית נִרְאָה לוֹ, רְבִיעִית אֵינוֹ נִפְנֶה לוֹ. וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵינוֹ כֵּן, כָּל זְמַן שֶׁאַתָּה מַטְרִיחַ עָלָיו הוּא מְקַבֵּל יְהָבְךָ. לְכַךְ, הַשְׁלֵךְ עַל הַוַיָ"ה יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, יֶעצְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער דוּ וֶועסְט דָאס אִיבֶּערְקוּמֶען, וֶועסְט דָאס נָאךְ דֶערְצֵיילְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶמִיץ וֶועט אוֹיפְמַאכְן אַ יְשִׁיבָה, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶמִיץ וֶועט אוֹיפְמַאכְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַ יְשִׁיבָה אוּן עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן בַּאלְד וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע פוּן גֶעלְט, מֶען וֶועט קֶענֶען אָפְּצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת.

מֶען דַארְף נָאר זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זֶע וִוי אִיךְ זִינְק אִין חוֹבוֹת, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת וָואס אִיךְ בִּין אַרַיין אִין דֶעם, אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן אַלֶע חוֹבוֹת, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען, וָוארוּם מַיין גַאנְץ כַּוָונָה אִיז נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ יְשִׁיבָה אוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וִוי דִי תַּלְמִידִים וֶועלְן רֶעדְן נָאר פוּן דִיר, אוּן זֵיי וֶועלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דַיין הֵיילִיגֶער תּוֹרָה. אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן הֶער צוּ מַיין תְּפִלָּה אוּן מַיין גֶעבֶּעט, אוּן שֶׁענְק מִיר

אַ שֶׁפַע אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן עֶס זָאל מִיר נִתְרַחֵב וֶוערְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה". אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, וְוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ל' סִימָן ג') בְּדוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא לֹא כֹהֵן וְלֹא אוּרִים וְתוּמִים וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוּ בִּלְבַד אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם (תְּהִלִּים ק"ב) "תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן" מִכָּאן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַבֵּל הַשָּׁבִים, "וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל יָהּ" שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹרֵא אוֹתָן בְּרִיָּה חֲדָשָׁה; אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אוּן עֶר לוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קסג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ג' אֲדָר א' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין יֶעצְט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ זֶע וְוי מֶען בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אוֹיף דֶעם גַאנְצֶע צְוָואנְצִיג יָאר, דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים לֵייגְן אַלֶע מִינֵי שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען

אַבִּי דִי בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאל נִישְׁט וֶוערְן גֶעבּוֹיעֶט, אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ"ב) "וְאַתָּה מָרוֹם לְעוֹלָם הַוָיָ"ה" זָאגְט רַשִׁ"י, לְעוֹלָם יָדוֹ עַל הָעֶלְיוֹנָה, כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְלָאזְט נִישְׁט אַ אִיד וָואס עֶר וִויל מִיט אַן אֱמֶת טוּן זַיין רָצוֹן, מֶען זֶעט וָואס רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים בְּרֶענְגֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו), דָאס וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין רָצוֹן, עֶר הָאט בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הֶעלְפְט עֶר אִים עֶר זָאל עֶס קֶענֶען מוֹצִיא זַיין מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין: צְוָואנְצִיג יָאר! טָאג אַיין טָאג אוֹיס, וָואךְ אַיין וָואךְ אוֹיס, חוֹדֶשׁ אַיין חוֹדֶשׁ אוֹיס, יָאר אַיין יָאר אוֹיס וְכוּ' וְכוּ', בֶּענְקְט מֶען אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט נָאךְ פוּן בֶּענְקְן אוּן הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט עַקְשָׁנוּת, בַּיים סוֹף הֶעלְפְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען זֶעט דִי פֵּירוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ אוֹיכֶעט, כָאטְשׁ עֶס קוּמְט דִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער זָאלְסְט וִויסְן דָאס אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אִיז אֵיינֶע פוּן דִי ווּאוּנְדֶער, אוּן וָואס מֶען דַארְף אִין דֶעם זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט נָאכְלָאזְן דֶעם רָצוֹן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה, כְּפִי דֶעם נוּסַח פוּן דֶעם אֲרִיזַ"ל, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט דָאס אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ

לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיף דֶעם סֵדֶר, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי ס'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה הֲלָכָה ב') אַז מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן דִי אֲרִיזַ"ל וֶוערְט נִמְחָל אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תִּיקוּן הַבְּרִית.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר נִזְהָר יֶעדְן נַאכְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה כְּפִי נוּסַח הָאֲרִיזַ"ל,

אוֹיסֶערְדֶעם וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי י"ג עִיקָרִים פוּן רַמְבַּ"ם, וָואס דָאס אִיז דִי "אֲנִי מַאֲמִין", אוֹיכֶעט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, נָאךְ 'בִּרְכַּת הַתּוֹרָה', זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי י"ג עִיקָרִים וָואס דָאס אִיז דִי "אֲנִי מַאֲמִין". דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זי"ע פְלֶעגְט דָאס זָאגְן אַסַאךְ מָאל אִין טָאג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן רַעַשׁ אוּן צִיטֶער, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", הָאֱמוּנָה תּוֹלֶה בְּפֶה שֶׁל אָדָם, דִי אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי כְּפִי מֶען רֶעדְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל, אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין דִי אֱמוּנָה, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה'), אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן וואו עֶר הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, וָוארוּם ס'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים נָאר מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה.

און וויסְן זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי לַיידְן אויף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר מַחֲמַת זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען זֵיי זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט זֵיי וְכוּ' וְכוּ' וָואלְטְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלִיטְן אויף דִי נֶערְוְון, פַארְוָואס וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי נֶערְוֶועז? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז תָּלוּי אִין מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וֶוערְט עֶר נֶערְוֶועז: פַארְוָואס טוּט נִישְׁט יֶענֶער וָואס אִיךְ וִויל? פַארְוָואס וֶוערְט נִישְׁט ווי אִיךְ וויל וְכוּ' וְכוּ'? אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶס אִיז אַלֶעס תָּלוּי אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן, און נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, און ווידֶער בֶּעטְן, און וַוייטֶער בֶּעטְן וְכוּ', וְכוּ', דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעדוּלְד, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף בֶּעטְן גֶעדוּלְדִיג, און בַּיי דֶער סוֹף וֶועט עֶר זֶען אַ יְשׁוּעָה, אַזוֹי ווי אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אויף אֵיין זַאךְ צְוָואנְצִיג יָאר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אויפְבּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, און סוֹף כָּל סוֹף זֶעט מֶען דִי יְשׁוּעוֹת ווי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט מִיט נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים וְכוּ' וְכוּ', לָאזְן בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפֶן נִישְׁט בּוֹיעֶן דִי שׁוּל, און צוּם סוֹף כָּל סוֹף וֶוערְט דָאס גֶעבּוֹיעֶט, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן מֶען זָאל שׁוֹין קֶענֶען מַאכְן אַ חֲנוּכַּת הַבַּיִת, און אַרַיינְגֵיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# קסד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ג' אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן ווִי אַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ בְּזֶה הָעוֹלָם, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "דֶער עִיקָר אִיז שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ", דָאס הֵייסְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעכְנְט אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן דֶער עִיקָר בְּזֶה הָעוֹלָם אִיז זִיךְ נָאר צוּ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן זִיךְ, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, אוּן נִישְׁט זַיין גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ.

אוּן דָאס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעסְדִינְג וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְן, דֶעמָאלְטְס דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט יֶעדֶעס מָאל אַ נַייעֶ הַתְחָלָה אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען קוּמְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעטְן, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן זָאגְן

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פוּן יֶעצְט אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אוּן מְמֵילָא אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר פַּאלְט אַרָאפּ, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן פוּן יֶעצְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ "חִידוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם", הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן עִנְיָן פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, אַז דֶער לִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, אַזַא לִימוּד אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס הֵייסְט שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, חֲרָטָה עַל הֶעָבָר, אוּן קַבָּלָה עַל הֶעָתִיד, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, זָאלְסְט זֶען צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ז) דָאס שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן קַיין עַצְבוּת צוּ זִיךְ אַ מִינוּט. אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל פוּן וִויטֶעפְּסְק זי"ע אַז בַּיי אִים הָאט מֶען גֶעזֶען בִּמְצִיאוּת, יֶעדְן שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ נַייעֶר שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי דֶער שַׁבָּת אִיז נָאךְ בַּיי אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן עֶס אִיז דֶער לֶעצְטֶער שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז דָא בְּזֶה הָעוֹלָם, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן שַׁבָּת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס הָאט גֶעלָאכְטְן

אויף אים דער לעבט פון שַׁבָּת, און אַזוי איז געווען יעדע וואך, דער שַׁבָּת איז געווען אַ נייע שַׁבָּת, און מען האט געשפּירט אַז דאס איז זיין לעצטער שַׁבָּת. אַזוי דארף זיך אַ איד פירן, נישט אַראפּפאלן פון קיין שום זאך, נאר מאכן שטענדיג אַ נייע הַתְחָלָה און נאר זיין פריילך, און דאס וועט אים ראטעווען פון אַלעם שלעכטס.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קסה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ד' אֲדָר א' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**לְנָכוֹן קִבַּלְתִּי אֶת מִכְתָּבְךָ.**

**וואס** זאל איך דיר זאגן, וויפיל איך זאל דיר נישט שרייבן דו זאלסט זיך מחזק זיין און נישט צובראכן ווערן פון קיין שום זאך איז נישט געענוג, ווארום אויף יעדן מענטש גייט דורך צָרוֹת מיט יִסּוּרִים וְכוּ' וְכוּ', אַלע מִינֵי יְרִידוֹת וְכוּ' וְכוּ', חֲלִישׁוּת הַדַּעַת צוּבראכענקייט וְכוּ' וְכוּ', ווארום די נְשָׁמָה פון אַ מענטש איז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל, און ס'ציט שטענדיג צו רוּחְנִיּוֹת וְכוּ' וְכוּ', אָבער דער גוּף איז אַ חֵלֶק הַגַּשְׁמִי וואס עס ציט צו גַשְׁמִיּוּת, און דאס איז אַ שטענדיגע שלעגעריי צווישן די נְשָׁמָה מיטן גוּף וְכוּ' וְכוּ', די נְשָׁמָה ציט אַרויף אויבן, און דער גוּף ציט אַראפּ אונטן,

װֶען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר דְרֵייט אִיבֶּערְדֶעם גוּף אַז עֶס װֶוערְט אוֹיבֶּעט אַ חֵלֶק אֱלֹקִי מִמַעַל, אַזוֹי װִי סְ'שְׁטֵייט (אִיוֹב יט) "וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַי", פוּן בְּשַׂר הַגוּף קֶען מֶען זֶען דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, װִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב) דָאס אַ אִיד דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דֶעם גוּף אַז דֶער גוּף אַלֵיין זָאל אוֹיבֶּעט אַרוֹיסְװַייזְן גֶעטְלִיכְקֵייט, װָאס דָאס אִיז װָאס אַ אִיד דַאװֶוענְט יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל אִין טָאג, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, און עֶר זָאגְט הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת, צְווִישְׁן דֶעם אִיז בְּרָכוֹת אוֹיפְן עֶסְן, און אוֹיף יֶעדְן פְּרַט פוּן לֶעבְּן, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְקַשֵׁר זַיין גַשְׁמִיוּת צוּ רוּחְנִיוּת, אַ אִיד זַיין גַשְׁמִיוּת אִיז אוֹיבֶּעט רוּחְנִיוּת.

**יֶעדֶער** אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת אַזוֹי װִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִׁירִים ד' ג') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָתֵךְ", מַאי 'רַקָתֵךְ'? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן; יֶעדֶער אִיד אָן אַן אוֹיסְנַאם אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת, אַז װאוֹיל אִיז דֶער אִיד װָאס עֶר שְׁפִּירְט דִי מִצְווֹת װָאס עֶר הָאט יֶעדְן טָאג, מִיט דֶעם װָאס אַ אִיד גֵייט מִיט אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת, װָאס דָאס אִיז אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ גֶעטְלִיכֶער גֶעשְׁטַאלְט, מִיט דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג' אוֹת ב') - דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז װֶען אַ אִיד װִיל אַװֶועקְגֵיין נֶעבֶּעךְ פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הֵייבְּט עֶר זִיךְ אָן צוּ שֶׁערְן דִי פֵּיאוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן, און שְׁטִיצְט זִיךְ

אִינְטֶער דִי בָּארְד רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, בִּיז עֶר נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן דוּרְכְדֶעם גֵייט עֶר אַוֶועק אִינְגַאנְצְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ אִיד הָאט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מִיט דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ זַייעֶר זַייעֶר פְרֵייעֶן אוּן הַאלְטְן זִיךְ שְׁטָאלְץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ז) וֶוען אַ אִיד דְרֵייט דִי פֵּיאוֹת, עֶר קְרֵייזֶעלְט דִי פֵּיאוֹת וְכוּ' טוּט עֶר אַ גְרוֹיסֶע שַׁעֲשׁוּעַ אִין הִימְל, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זִיךְ מְשַׁעֲשֵׁעַ מִיט אִים.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קוּרְדוּנֶער זַ"ל, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּפִלָּה, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אִים לִיבּ גֶעהַאט, סוֹף יָמָיו הָאט עֶר לֹא עָלֵינוּ בַּאקוּמֶען דִי בִּיטֶערֶע מַחְלָה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן טִיפּוּס, וָואס מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פוּן דֶעם אַוֶועק, דִי מַחְלָה אִיז גֶעוֶוען אַן אָנְגֶעקְלֶעבְּטֶע מַחְלָה, דָאס הֵייסְט אַז וֶוער ס'הָאט בַּאקוּמֶען לֹא עָלֵינוּ דִי מַחְלָה אִיז דָאס גֶעוֶוען אָנְשְׁטֶעקֶעדִיג, הָאט עֶר גֶעמוּזְט זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אִין אַ צִימֶער, בִּיז עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, וַוייל ס'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רְפוּאָה אוֹיף דֶעם, הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַן עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן דֶעם לֶעצְטְן טָאג, זַיין וַוייבּ הָאט דוּרְכְן פֶענְסְטֶער אַרַיינְגֶעקוּקְט, אוּן גֶעפְרֶעגְט, "וָואס מַאכְסְטוּ יִשְׂרָאֵל?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט "דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אִיךְ הָאבּ אַ

בָּארְד און פֵּיאוֹת", מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בִּיז דֶעם לֶעצְטְן מִינוּט, זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב אִיז אַז אַ אִיד גֵייט מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט בָּארְד און פֵּיאוֹת, און רִירְט נִישְׁט אָן דִי בָּארְד, דָאס הֵייסְט עֶר שְׁטִיצְט נִישְׁט דִי בָּארְד, און רִירְט נִישְׁט אָן דִי פֵּיאוֹת דָאס הֵייסְט עֶר שְׁנַיידְט נִישְׁט אִינְטֶער דִי פֵּיאוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

און אַזוֹי אוֹיכֶעט דַארְף זִיךְ אַ אִיד פְרֵייעֶן אַז עֶר גֵייט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט צִיצִית, ווָאס אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית שְׁטֵייט (בַּמִדְבָּר טו לט) "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ" זָאגְן דִי חַזַ"ל (סִפְרֵי שְׁלַח ט') 'וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי שְׁכִינָה; אַז אַ אִיד קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית זֶעט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, צִיצִית אִיז כָּלוּל פוּן אַלֶע מִצְווֹת, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא שְׁלַח) אָמַר לוֹ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה, וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִית לָשׁוֹן סִימָן לָשׁוֹן צִיין, כְּדֵי שֶׁיִהְיוּ יִשְׂרָאֵל זוֹכְרִים אֶת הַמִצְווֹת, מִיט דֶעם ווָאס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ פוּן אַלֶע מִצְווֹת וְכוּ', מִנְיָן צִיצִית תַּרְיַ"ג מִצְווֹת, ת"ר וח' חוּטִין וה' קְשָׁרִים הֲרֵי תַּרְיַ"ג, מִנְיָן תּוֹרָה, עִם אָנֹכִי וְלֹא יִהְיֶה לְךָ; צִיצִית בַּאטְרֶעפְט ווִי דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת, מִיט דֶעם ווָאס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית, דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ אַלֶע מִצְווֹת, דֶערְפַאר אִיז צִיצִית אַזוֹי גְרוֹיס אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז'), סְגוּלָה לְחוֹלֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַצִיצִית, ס'אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ קְרַאנְקְן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית ווֶעט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) דָאס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַלֶע מַחֲלוֹת

וְחֲלָאִים רָעִים וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר צוּלִיב דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִי דִיפְּרֶעסְיֶע וָואס עֶס נֶעמְט אִים אַרוּם, וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ וֶועט עֶר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן דָאס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֲלָאִים רָעִים.

**יֶעצְט** מִיט וָואס קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין פְּרֵיילִיךְ? וֶוען אַ אִיד אִיז אָנְגֶעטוּן מִיט צִיצִית, אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, וָוארוּם דָאס אִיז דִי מַתָּנָה וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת מג:) חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל שֶׁסִיבְּבָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּמִצְוֹת צִיצִית בְּבִגְדֵיהֶם; וואויל זֶענֶען דִי אִידְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט אַלֶע פִיר זַייטְן מִיט צִיצִית, וואוּ מֶען קוּקְט זֶעט מֶען דִי צִיצִית, דָאס דַארְף דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגֶען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, יֶעצְט וֶוען אַ אִיד פְּרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית וָואס עֶר גֵייט מִיט דֶעם, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֲלָאִים רָעִים, אוֹיסֶערְדֶעם מִצְווֹת צִיצִית הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ' וְכוּ'.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִים צ'), אִם לוֹבְשִׁין יִשְׂרָאֵל צִיצִית וּתְכֵלֶת לֹא הָיוּ עֲבוּרִין, שֶׁאִם הָיוּ מִסְתַּכְּלִין בְּאוֹתָן הַצִיצִית כְּאִילוּ שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶן, וּכְאִילוּ עֲסוּקִין בְּכָל

הַמִצְווֹת; וֶוען אִידְן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט צִיצִית וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְשְׁמִירְט מִיט זִינְד, דִי שְׁכִינָה וָואלְט אוֹיף זֵיי גֶערוּט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי צִיצִית, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג וָואס מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן תְּפִילִין, אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּם עֶסְן, אוּן גֶעזָאגְט אַ בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַקֶעגְן אָרֶעמְקֵייט, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְזַלְזֵל אִין נְטִילַת יָדַיִם וֶוערְט עֶר אָרֶעם, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִזְהַר אִין נְטִילַת יָדַיִם וֶוערְט עֶר רַייךְ, אוּן עֶר עֶסְט נָאר כָּשֵׁר'ע מַאֲכָלִים וָואס הָאט אַן עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁר, אוּן נָאכְדֶעם בֶּענְטְשְׁט עֶר בִּרְכַּת הַמָזוֹן מִיט כַּוָונָה, מִיט דֶעם צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט, מִיט דֶעם צִיט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי שְׁכִינָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר קוּק וָואס דוּ הָאסְט פַאר דִיר, דוּ בִּיסְט פוּל מִיט מִצְווֹת, וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין צוּבְרָאכְן? אֱמֶת דַיין גוּף צִיט נָאר צוּ גַשְׁמִיוּת, אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְטוּן דַיין גוּף מִיט מִצְווֹת, וֶועסְט אִינְזִינֶען הָאבְּן אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ רֶעדְסְט יֶעצְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לָשׁוֹן נוֹכָח וְכוּ', בָּרוּךְ אַתָּה הַוַי"ה וְכוּ', גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג, דֶעמָאלְטְס וָואלְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דֶעמָאלְט וָואלְט שׁוֹין דַיין גַשְׁמִיוּת הַגוּף אוֹיכֶעט גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, הַאלְט זִיךְ, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

בַּיי זִיךְ וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְש אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַ שָׁאד וָואס יֶעדֶער איד טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי מִצְווֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעגֶעבְּן מִצְוַות צִיצִית, מִצְוַות תְּפִילִין, מִצְוַות מְזוּזָה, מִצְוַות צְדָקָה, מִצְוַות שַׁבָּת, דִי הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת וָואס עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ אוּן מַאכְט פְּרֵיילִיךְ אַן אַנְדֶערְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם גוּף הַגַשְׁמִי זָאל אוֹיבֶּעט וֶוערְן רוּחְנִי, נֶעם אַרַיין דִי דִיבּוּרִים בַּיי דִיר אִין הַארְץ וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## קסו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ד' אֲדָר א' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, ס'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אוּן קַיין קוּנְץ זִיךְ צוּבְּרֶעכְן אוּן הַאלְטְן אַז דוּ בִּיסְט דֶער אַרְגְסְטֶער אוּן וֶוערְן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז דֶער עֵצָה פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְן אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין,

און דָאס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְרַייסְן פוּן דֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט** וויסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַּאר דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח), "גֶעוַואלְד! מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט". לִכְאוֹרָה אִיז דָאס גְרִינְג צוּ זָאגְן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ "זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ", אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק זַיין און שְׁטַארְקְן, נִישְׁט סְתָּם זָאגְט עֶר "זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ", נָאר עֶר גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת און וֶועגְן און הַנְהָגוֹת וויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און ווִי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְצֵייכֶענְט אִין דִי סְפָרִים "שִׂיחוֹת הָרַ"ן", "חַיֵי מוֹהֲרַ"ן", דָאס זֶענֶען שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן און עֶר הָאט דָאס פַארְצֵייכֶענְט. דָאס אִיז אַמָאל זִיכֶער, אַנְדֶערֶע שִׂיחוֹת וָואס אִיז פַארְשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִיז מְהֵיכֵי תֵּיתֵי, אוֹיבּ סְ'אִיז נִישְׁט סוֹתֵר דִי הֲלָכָה קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה, אָבֶּער לַאו מַר בַּר רַב אַשִׁי חָתִים עֲלֵיה, דִי קְרַאנְטֶע שִׂיחוֹת אִיז נָאר אִין דִי צְוֵויי סְפָרִים. און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן

זַ"ל הָאט פַארְצֵייכֶענְט אִין יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת, דָאס אִיז דִי סִיפּוּרִים וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען. וֶוען דוּ וֶועסְט דָאס אַסַאךְ חַזֶרְן אוּן דוּרְכְקוּקְן אוּן לֶערְנֶען וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ זֵיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, אַז "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זֵיינֶע קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי 'אִיךְ' וֵוייס וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן עֶר הָאט גֶעדְרִיקְט דִי וָוארְט "אִיךְ" דָאס הֵייסְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵוייסְט זִיכֶער וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זֵיינֶע אַז מֶען זָאל דָאס מְקַיֵים זַיין קֶען מֶען זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען אַסַאךְ קוּקְן אוּן חַזֶרְן אִין דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אֲפִילוּ סְ'גֵייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת מִיט יִסוּרִים אוּן מַכְאוֹבִים, בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', וַוייל סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט מִיטְמַאכְן קַיין צָרוֹת קַיין סְפֵיקוֹת, אָבֶער דֶער סוֹד אִיז נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר שְׁטַארְק, נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַאנְגֶע מְגִילָה מִיט צָרוֹת מִיט יְרִידוֹת מִיט נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אוּן סְ'אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ

צוּבְרָאכְן וֶוערְן, אַדְרַבָּה דָאס גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז אֲפִילוּ סְ'אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אוּן יֶעצְט גֵייט נָאךְ אוֹיף אִים אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, מִנְחָה מִיט מִנְיָן, מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית, מִיט דִי תְּפִילִין, אוּן עֶר אִיז נִזְהָר וָואס עֶר עֶסְט, וָוארוּם הַיינְט דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן וָואס מֶען עֶסְט.

**דֶער** רַמְבַּ"ם זָאגְט (אִיגֶּרֶת תֵּימָן) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁטָאפְּט זִיךְ אָן מִיט טְרֵיפָה'נֶע מַאֲכָלִים, מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת וְכוּ', אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער מְקַבֵּל זַיין אֱמוּנָה. "אוּן דֶער עִיקֶר" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג) - "אִיז אֱמוּנָה, וָוארוּם בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקֶר אֱמוּנָה", וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְךְ אִים, וֶוערְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּבְרָאכְן, אַדְרַבָּה עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר וֵוייסְט אַז מֶען פְּרָאבִּירְט אִים אוֹיס פוּן הִימְל אוּן מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועמֶען עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ הַנְהָגָה כְּלָלִיוֹת פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן דָאס אִיז

אַ מַתָּנָה פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז יֶעדֶער איד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, עֶר זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא און זָאל זִיךְ אויסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אויסְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס טוּט אִים וֵויי, און יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז אִים מְבַלְבֵּל, און אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ', דָאס קוּמְט נָאר פוּן דִי כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וָואס עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים דוּרְךְ זַיינֶע עֲווֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט זַיין אַ חָכָם, הֵייבּ אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ און זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב און טֵייעֶר און אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָוארוּם דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט הַעֲלָמוֹת וְהַסְתָּרוֹת וְכוּ' וְכוּ', ס'וֶוערְט פַארְהוֹילְן און בַּאדֶעקְט אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָוארוּם דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין זָאגְן דִי חַזַ"ל (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אויסְגֶערוּפְן קוֹדֶם אוֹיבְן, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, וָואס מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעפִירְט אִיז אַלֶעס פוּן אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ אֵין אָדָם

נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחַבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא: יֶעדֶע זַאךְ װֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּפַאלְן, נָאר עֶר דַארְף קוּמֶען אוּן בֶּעטְן רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל אִים אוֹיסְרֵייניגְן דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִיצְלָן אִיז עֶר זֵייעֶר מְבוֹהָל וּמְבוּלְבָּל, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אִיבֶּערְדֶעם גֶעווֹאוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים - קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן פוּן דֶעם, אוּן רֶעד נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן וֶועגְן דֶעם. פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיינֶע אַלֶע שִׂיחוֹת אִיז פִיל מִיטְן עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק'), אַז אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען הֶערְט זֵיי נִישְׁט צוּ, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנִים, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְזַכֵּךְ גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן, אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזֶען נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר

אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר שְׁטַארְק זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, רֶעד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים אִיז זַייעֶר זַייעֶר חָשׁוּב, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַן עַקְשָׁן אוֹיף דֶעם וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, שְׁטֶעְנְדִיג זָאלְסְטוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען: "גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט", "דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט", "דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אַזוֹי"; אַלְץ זָאל זַיין שָׁגוּר בְּפִיךְ שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ דוּרְכְגֵיין אַלְסְדִינְג, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, הָאט עֶר אַ כֹּחַ הַגוֹדֵל כֹּחַ הַצוֹמֵחַ, אוּן עֶר וַואקְסְט אוּן שְׁפְּרָאצְט, אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה וֶוערְט עֶר פַארְפוֹילְט אִין מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, דִי אַלֶע יְרִידוֹת וּנְפִילוֹת וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, נָאר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, אוּן זָאגְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ הָאסְט חֲרָטָה עַל הֶעָבָר, אוּן מְקַבֵּל זַיין אוֹיף לְהַבָּא, וֶועט מֶען דִיר אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר

נֶעמְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קסז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ד' אֲדָר א' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן, מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, אוֹיבֶּעט זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן צוּ אִים אַ מַגִּיד פוּן הִימְל נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְחַבֵּר צוּ זַיין דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס אִיז נִתְקַבֵּל גֶעוָוארְן בְּכָל תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַ סֵפֶר וָואס זָאל אַזוֹי נִתְקַבֵּל וֶוערְן בַּיי כְּלַל

יִשְׂרָאֵל ווי דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עַד כְּדֵי כַּךְ, דָאס וֶוער עֶס נֵייט אָפּ חַס וְשָׁלוֹם פוּן דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דַארְף מֶען שׁוֹין בּוֹדֵק זַיין אוֹיף אִים אוֹיבּ עֶפֶּעס פֶעלְט נִישְׁט אִין זַיין אֱמוּנָה אוּן אִין זַיין אִידִישְׁקֵייט וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי הוֹיעֶךְ אִיז עֶר דֶערְגַאנְגֶען אַלְץ דוּרְךְ זַיין חַזֶרן זַייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אֵיינְמָאל אָפְּלֶערְנֶען פֶערְצִיג-פוּפְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַ סֵפֶר "מַגִיד מֵישָׁרִים" דָאס אִיז גִילוּיִים וָואס דֶער מַגִיד הָאט אִים מְגַלֶה גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** חִידָ"א בְּרֶענְגְט אַז דָאס וָואס עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט, אִיז נָאר אַ צֶענְטְל פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, וָוארוּם דֶער מַגִיד פְלֶעגְט זִיךְ צוּ אִים מְגַלֶה זַיין יֶעדְן טָאג, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַנְשְׁטָאט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג אוּן טוּן גָארְנִישְׁט, חַזֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. נָאר וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ ווי צוּ גֵיין לֵיידִיג, אוּן סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, ווי צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. אַדְרַבָּה פְּרָאבִּיר עֶס אוֹיס וֶועסְט זֶען ווי גוּט דָאס אִיז, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. הֵייבּ אָן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן פֵּיאָה וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה

סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארֶען אוּן עֶר לֶערְנְט אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, סְ'אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן, אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע צָרוֹת, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע נְשָׁמָה בִּזְכוּת לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. אוֹיבֶּעט זָאגְן דִי חֲזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה וֶועט קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קסח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר כִּי תִשָּׂא ט' אֲדָר א' ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְזַכֶּה יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ פְּלַייסִיגְן אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה

פַּרְשָׁה ז׳ סִימָן ג׳) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; און ווידער איז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס וַואשְׁט אָפּ די חַטְאוֹת נְעוּרִים ווי צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, עֶס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג צוּ הֶערְן ווי אֵיין בָּחוּר זָאגְט עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דְרַייסִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זַייעֶר דֶערְהַאלְטְן. און זָאלְסְט מְעוֹרֵר זַיין מֶער און מֶער בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, און דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ מְעוֹרֵר זַיין די בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרע חֲבֵרִים, אַזוֹי אֲפִילוּ די בָּחוּרִים וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אִיז וואוּ זֵיי וֶועלְן נָאר לֶערְנֶען וֶועלְן זֵיי זִיךְ בַּאפְלֵייסְן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז אַ רוּחְנִיוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִינֶען צוּשְׁפְּרֵייטְן נָאר רוּחְנִיוּת דָאס וֶועט בְּלַייבְּן, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִינֶען צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ גַשְׁמִיּוּת וְכוּ׳, וֶועט פוּן אִים לְבַסוֹף גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, און דָאס וָואס מֶען זֶעט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט כָּבוֹד און פִּרְסוּם וְכוּ׳, און גֶעמֵיינְט אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז אַ גַשְׁמִיּוּת וְכוּ׳, אִיז פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, און מֶען וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט הַיינְט וֶוער זֵיי זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען. מַה שֶּׁאֵין כֵּן די אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אִינְזִינֶען גֶעהַאט נָאר צוּשְׁפְּרֵייטְן רוּחְנִיוּת, אִיז זֵייעֶר נָאמֶען גֶעבְּלִיבְּן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר,

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט זֶען נָאר מְעוֹרֵר זַיין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאפְלַייסְן אוּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אַז ווארויל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט אִין דֶעם יוּגֶענְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶס אִים אָפְּהִיטְן דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט מִדַּת הַשִּׂמְחָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, וָוארוּם שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָּׁה, אוּן לְהֵיפֶךְ עַצְבוּת אִיז דִי טוּמְאָה, אוּן מִיט דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן וואוּ עֶר הַאלְט, אוֹיבּ עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג אִיז אַ סִימָן אַז עֶר לִיגְט נָאךְ אִין דִי טוּמְאָה רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָבֶער אוֹיבּ עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז שׁוֹין אִין דִי קְדוּשָּׁה. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, וָוארוּם בַּאלְד וֶועלְן מִיר דָאךְ שׁוֹין זַיין אוֹיבְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף יֶעדֶע טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן אוֹיף יֶעדֶע רֶגַע, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. אוּן ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען רֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מֶען מְקַיֵּים אַ מִצְוַות עֲשֵׂה פוּן יִחוּד הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אַז ווארויל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז

אַ סִימָן אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין אִים, וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ל"ט ג') "וַיַרְא אֲדוֹנָיו כִּי הַוַי"ה אִתּוֹ" זָאגְט רַשִׁ"י, שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו. דָאס אֲפִילוּ אַ מִצְרִי הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט יוֹסֵף'ן וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן קִינְד אוּן יֶעדְן בָּחוּר אוּן יֶעדְן אִינְגֶערְמַאן, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען דִי עֵרֶב רַב ווילְן נָאר מַאכְן פַארְגֶעסְן דֶעם נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס הֵייסְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר זֶען נָאר אַרֵיינְלֵייגְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה בַּיי אוּנְז.

**נָאר** שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם דַיין שָׂכָר אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן זֶע אַרֵיינְצוּבְרֶענְגְן וָואס מֶער תַּלְמִידִים אִין דִי יְשִׁיבָה, אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאפְלֵייסְן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קסט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר כִּי תִשָּׂא ט' אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**זֶעסְט**, אַז מֶען בַּאדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לֵייגְט מֶען נִישְׁט צוּ. אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דָאס אִיז דַיין זִיווּג, אוּן זָאלְסְט זֶען וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן עֶס זָאל זַיין אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, אוּן אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא, וָוארוּם עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ.

**נָאר** שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְּרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט אִיר פְּרֵיילִיךְ מַאכְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אוּן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל יָארְן אַלֵיין וְכוּ' וְכוּ', הָאט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, נָאר זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִיר וְכוּ' וְכוּ', קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס וְכוּ', שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ וְכוּ', אוּן זַיין גוּט הַארְצִיג וְכוּ', וֶועסְטוּ הָאבְּן גָאר גְרוֹיס הַצְלָחָה.

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם

# קע

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר כִּי תִשָּׂא י"ב אֲדָר א' ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בַּאדִינְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטְן זִיווּג בְּקָרוֹב, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "צוּ מִיר הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט"; "פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם, אִים גֶעבּ אִיךְ". אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רַב זי"ע, (אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, פָּרָשַׁת נֹחַ) וָואס עֶר זָאגְט נָאךְ אִין נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יְחִיאֵל מִיכְל פוּן זְלָאטְשׁוֹב זי"ע, דָאס וָואס רַשִׁ"י זָאגְן בַּיי נֹחַ'ן "אַף נֹחַ מִקְטַנֵּי אֲמָנָה הָיָה, מַאֲמִין וְאֵינוֹ מַאֲמִין שֶׁיָּבוֹא הַמַּבּוּל עַד שֶׁדְּחָקוּהוּ הַמַּיִם", ווי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶער מַאֲמִין, זַיין אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גַאנְץ? עֶר וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶערוּפְן "צַדִיק", אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ז', א') "כִּי אוֹתְךָ רָאִיתִי צַדִיק לְפָנַי בַּדוֹר הַזֶה"? נָאר עֶר עֶנְטְפֶערְט, דָאס אֱמוּנָה הָאט אִין זִיךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ הַמַּשָׁכָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (אֶסְתֵּר ב', ז') "וַיְהִי אוֹמֵן אֶת הֲדַסָּה", וָואס דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ עֶר הָאט אִיר אוֹיפְגֶעצוֹיגְן;

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אֱמוּנָה הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ דָאס צִיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן צִיט צוּ אִים צוּ וָואס עֶר גְלֵייבְּט.

יֶעצְט נֹחַ הָאט אַוַדַאי גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט אַזוֹי וֶועט דָאס זַיין, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט זַיין אֱמוּנָה צִיעֶן דֶעם מַבּוּל אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס הֵייסְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין דֶער גוֹרֵם וָואס בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם מַבּוּל, אִיז דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ "מַאֲמִין וְאֵינוֹ מַאֲמִין", פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶר גֶעגְלֵייבְּט אַלֶעס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט וֶועט זַיין, נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דָאס עֶר זָאל זַיין דֶער גוֹרֵם צוּ דֶעם; דָאס הֵייסְט אַז מִיט זַיין אֱמוּנָה וֶועט עֶר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם מַבּוּל וְכוּ' עַיֵין שָׁם. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר זִיךְ אַ יְשׁוּעָה; אִיבֶּערְדֶעם לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן דוּ וֶועסְט גֶעפוּנֶען אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, דִי צְוֵויי זַאכְן בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע יְשׁוּעוֹת. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס"ב) דָאס פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, וָוארוּם אוֹיבּ עֶר וָואלְט גֶעהַאט אֱמוּנָה, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֱמוּנָה מִיט תְּפִלָּה אִיז אֵיין זַאךְ, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין תְּפִלָּה. אוּן זָאג נִישְׁט "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען!", נָאר יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן גְלֵייבְּן אַז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה; אַדְרַבָּה, טַעְנֶה זִיךְ

אוים צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט זִינְדִיגְן, נָאר דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין שִׁידוּךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכד) אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גְרוֹיס תַּעֲנוּג וֶוען אַ אִיד וויל אִים מְנַצֵחַ זַיין כִּבְיָכוֹל, אוּן טַעְנֶה'ט זִיךְ אוֹיס מִיט אִים, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אִין הִימְל גְרוֹיסֶע שַׁעֲשׁוּעִים; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג בֶּעטְן אוּן וויינֶען אוּן זָאגְן פַאר אִים "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר! פַארְוָואס קוּמְט מִיר זָאלְסְט זָאגְן אוֹיף מִיר 'תִּיפַּח עַצְמוֹתָיו'?" ווי דִי חַזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין כט:) תָּנָא דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל עַד עֶשְׂרִים שָׁנָה יוֹשֵׁב הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְצַפֶּה לְאָדָם מָתַי יִשָּׂא אִשָּׁה, כֵּיוָן שֶׁהִגִיעַ עֶשְׂרִים וְלֹא נָשָׂא, אוֹמֵר תִּיפַּח עַצְמוֹתָיו; אוּן טַעְנֶה זִיךְ אוֹיס מִיט אִים. אוּן אוֹיךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (שָׁם) בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה, כָּל יָמָיו בַּעֲבֵירָה. בַּעֲבֵירָה סַלְקָא דַעְתָּךְ? אֶלָּא אֵימָא 'כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה'; פַארְוָואס קוּמְט דָאס מִיר!?"

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי דִיבּוּרִים טוּעֶן אוֹיף אִין הִימְל בְּשַׁעַת אַ בָּחוּר קוּמְט אוּן וויינְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג, אוּן טַעְנֶה'ט זִיךְ אוֹיס מִיט אִים. אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קֵיין דִינִים אוֹיף זִיךְ ווייל עֶר טַעְנֶה'ט זִיךְ אוֹיס מִיט אִים, אוּן אַוַודַאי וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, אוּן בֶּעט יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען דָאס דִי יְשׁוּעָה וֶועט דִיךְ קוּמֶען וָואס שְׁנֶעלֶער. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילוֹת וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִווּג", אוּן בִּפְרַט

וֶוען עֶר זָאגְט דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן דִי נְשִׂיאִים. עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, פוּן בָּחוּרִים וָואס אִיז זֵיי גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוער אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי תְּפִילוֹת פוּן דֶעם קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּוּוּג" פֶערְצִיג טֶעג אוּן אֵיין צוּ, זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן גְלַייךְ מִיט אַ גוּטְן שִׁידוּךְ. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זָאג דִי תְּפִילוֹת, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קעא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל ט"ז אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

איך הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען וְכוּ' וְכוּ', דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, גְלִיסְט זִיךְ אִים נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר דַאוֶוענְט אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר הִיפֶּערְט אָפּ דֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ' וְכוּ'; מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבּ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית אוּן עֶר הָאט אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן טְרַאכְט נָאר גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶער הָאט חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בַּיי אִים אִיז דָאס דַאוֶוענֶען אַ זִיסְקַייט. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען פוּן הַיינְט אָן

הִיטְן דַיין גֶעדַאנְק, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֵשֶׁק צוּ דַאוֶונֶען.

**מֶען** דַארְף זֶען צוּ דַאוֶונֶען אִין סִידוּר דַוְקָא, וָוארוּם וֶוען מֶען דַאוֶונְט אִין סִידוּר אוּן מֶען זֶעט דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דַאוֶונֶען, דֶעמָאלְטְס לַייכְט דָאס דַאוֶונֶען; דֶער עִיקָר אִיז אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזֶא זי"ע, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶונְט זַיינֶע תְּפִילוֹת מִיט כַּוָונָה פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

**דֶער** אֶמֶת'ן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן וָואס הֵייסְט "תְּפִלָּה בְּכֹחַ"? מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר; וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶונְט פְלִיעֶט אִים דִי מַחְשָׁבָה אִין אֵיין פְּלַאץ, אוּן דֶער דִיבּוּר גֵייט אִין אַן אַנְדֶערְן פְּלַאץ, דָאס הֵייסְט עֶר זָאגְט אוּן זָאגְט וְכוּ' וְכוּ' דֶעם דַאוֶונֶען, אָבֶּער טְרַאכְטְן טְרַאכְט עֶר אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקַייטְן; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן דָאס הֵייסְט "תְּפִלָּה בְּכֹחַ", וָוארוּם צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ כּוֹחוֹת הַנֶפֶשׁ צוּבִּינְדֶען דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, מֶען זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בִּינְד צוּ דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶונְט, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זִיסְקֵייט אִין דַאוֶונֶען.

**רֶבִּי** נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל, "מִיט אֵייעֶר דַאוֶונֶען מַאכְט אִיר אַ

פֵּירוּשׁ אוֹיפְן דַאוְוענֶען", וָוארוּם וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעדַאוְוענְט, הָאט עֶר גֶעדַאוְוענְט דֶעם דַאוְוענֶען מִיט אַזַא זִיסְקַייט, דָאס וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז אִים אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן דַאוְוענֶען; אוּן דָאס נֶעמְט זִיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְקַשֵּׁר דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, גֵייט אִים דֶער דַאוְוענֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל עֶס אִיז אוֹיף דִיר שׁוֹין אִין לֶעבְּן דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶען צוּ נֵייטְן צוּ דַאוְוענֶען אִין סִידוּר מִיט כַּוָונָה פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת. דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה ווי דָאס וֶועט דִיךְ דֶערְהוֹיבְּן אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם. שְׁטַארְק זִיךְ פַאל נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין יֵאוּשׁ! וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) "עֶס אִיז גָאר קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, הֵייבּ אָן פוּן הַיינְט דֵיְיקָא דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט כַּוָונָה נָאר מִיט אַ סִידוּר, זָאלְסְט נִישְׁט דַאוְוענֶען אוֹיסְנְווֵייניג, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַן עֲקְשָׁן צוּ דֶעם, וֶועט דִיךְ בַּיים סוֹף לַייכְטְן אַז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים בַּיים דַאוְוענֶען, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן אָפְּלָאזְן דֶעם דַאוְוענֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵייליכְן תָּמִיד.**

# קעב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל י"ח אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת לְדוֹרוֹת עוֹלָם, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע זִינְד, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַנְדֶערֶע אִידְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דְרִיק אַ סֵפֶר נָאךְ אַ סֵפֶר, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף: מֶענֶער, פְרוֹיעֶן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְקְוִויקְן זִיךְ דָאס הַארְץ מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חַיוּת, אוּן אַז וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דֶער אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אִים שִׁיקְן אוֹיף בְּלִיץ פָּאסְט (אִי מֶעיְל) אַ סֶעמְפְּל פוּן דִי דֶעקְלֶעךְ פוּן דִי נַייעֶ סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעדְרִיקְט "אוֹצַר הַקּוּנְטְרֵסִים" אוּן "שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ" אוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קעג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל י"ח אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט יֶעצְט הֶערְשְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי חוּפָּה וְכוּ', אוּן דוּ הֵייבְּסְט שׁוֹין אָן צוּ דַאֲגָה'ן אוֹיף פַּרְנָסָה? "וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער"?, וואוּ אִיז דַיין אֱמוּנָה אוּן דַיין בִּטָּחוֹן אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? אַ אִיד דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (כְּתוּבוֹת סז:) מְלַמֵּד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד נוֹתֵן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָתוֹ בְּעִתּוֹ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעט יֶעדְן אֵיינֶעם זַיין פַּרְנָסָה אִין זַיין צַייט. אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ דַאֲגָה'ן? גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט, אִיךְ דַארְף קוֹיפְן עֶסְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וָואס מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ; הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן". הָאסְטוּ דָאס פְּרוּבִּירְט צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? שׁוֹין יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט קוֹים אַרוֹיס פוּן דִי חוּפָּה וֶוערְסְטוּ שׁוֹין צוּבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דִי גֶעלְט פוּן דִי חֲתוּנָה מַתָּנוֹת וְכוּ', אוּן דוּ דַאֲגָה'סְט שׁוֹין "פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט"? דִי

חַזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח) "מִי שֶׁבָּרָא יוֹם, בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ"; יֶעדְן טָאג בְּרֶענְגְט זַיין פַּרְנָסָה, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר צוּבִּינְדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְטְס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק: זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל, לֶערְן יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא אִין מִשְׁנֶה אִין גְמָרָא אוּן אִין הֲלָכָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ זָאלְסְט דַאוֶונֶען אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן וָואס דָאס אִיז פַּרְנָסָה. אוּן גֶעדֶענְקֶען זָאלְסְטוּ וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא) "כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה פַּרְנָסָתוֹ מִן הַתּוֹרָה וּמִתְעַשֵּׁר וּמַצְלִיחַ"; אִיבֶּערְדֶעם לֶערְן תּוֹרָה מִיט אַן אֶמֶת וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה. גֶעדֶענְק דָאס מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה. דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים גֵיין גְרִינְג פַּרְנָסָה. אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן אַלְסְדִינְג אִיז גֶעטְלִיכְקֵייט. אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן כח), "עַל יְדֵי אֱמוּנָה נִתְרַבֶּה פַּרְנָסָה"; אוֹיבֶּעט זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם סִימָן מ"ז) הַשִּׂמְחָה תְּמִידִית מְסוּגָּל לְהַצְלָחָה; אַז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן, נָאר דַאֲגָה נִישְׁט, פִיר זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ אִין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ, וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר אַ גְרוֹיסֶע הַשְׁפָּעָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קעד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל ט"ז אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט חַנְפֶה'נֶען יֶענֶעם וֶועסְטוּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען וְכוּ' וְכוּ', חֲנוּפָה דָאס אִיז דֶער עֶקֶלְדִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, בִּפְרַט זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר יֶענֶעם וֶועגְן גֶעלְט, רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"ז כ') כָּתִית לַמָּאוֹר זָאגְט רַשִׁ"י כָּתִית לַמָּאוֹר וְלֹא כָּתִית לַמְּנָחוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט, צוּבְּרֶעכְן זִיךְ דַארְף מֶען פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים כְּדֵי עֶס זָאל אִים לַייכְטְן, דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ כָּתִית לַמָּאוֹר, עֶר זָאל וֶוערְן צוּבְּרָאכְן כְּדֵי עֶס זָאל אִים לַייכְטְן דִי נְשָׁמָה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן צוּ בַּאקוּמֶען נְדָבוֹת פוּן יֶענֶעם, דָאס הֵייסְט כָּתִית לַמְּנָחוֹת, צוּבְּרֶעכְן זִיךְ צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה לָשׁוֹן מִנְחָה, דָאס נִישְׁט, אוּן דָאס אִיז דֶער פֵּירוּשׁ וָואס רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט כָּתִית לַמָּאוֹר צוּבְּרֶעכְן זִיךְ נָאר אָנְצוּלַייכְטְן דִי נְשָׁמָה מִיט אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וְלֹא כָּתִית לַמְּנָחוֹת, אָבֶּער זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן וֶועגְן אַ מִנְחָה וָואס דָאס אִיז אַ נְדָבָה, וָואס דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי צוּבְּרֶעכְן פַאר יֶענֶעם אוּן קוּמֶען צוּ אַן עֶקְלְדִיגֶע מַצָּב פוּן חַנְפֶה'נֶען יֶענֶעם? דָאס אִיז דָאךְ אַ עֲבוֹדָה זָרָה!

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג צְווֵיי מָאל אַ טָאג אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע, "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים", אִיז דֶען אַ אִיד חָשׁוּד זִיךְ צוּ בִּיקְן פַאר אַ פֶּסֶל? פַאר אַ צֶלֶם? אַ אִיד הָאט מֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם, נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט בִּיקְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אִין דֶער וֶועלְט, מִכָּל שֶׁכֵּן פַאר גֶעלְט טָאר מֶען זִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נִישְׁט בִּיקְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, גֶעלְט אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם מִיז אִיךְ דִיר זָאגְן מוּסָר, מִיר זֶענֶען פוּן דִי בַּעַל תְּפִלָּה'ס מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיר דַארְפְן נִתְרַחֵק וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע חֲנוּפָה פוּן חַנְפֶה'נֶען יֶענֶעם וֶועגְן גֶעלְט.

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס וֶועט אַרֵיינְגֵיין אִין דִיר דִי וֶוערְטֶער, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אָפְּטוּן פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג) אַז אַלֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת לִיגְט אִין גֶעלְט, אִיבֶּערְדֶעם הִיט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט בִּיקְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט חַנְפֶה'נֶען קֵיינֶעם נִישְׁט וֶועגְן גֶעלְט, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גֶעבְן אַ שֶׁפַע.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# קעה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל ט"ז אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְעָן בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף פִּדְיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן בַּיי דִיר אַלֶע דִינִים, הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא דִי זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵים יֶעדְן טָאג, וּבִפְרַט אַז דוּ גֵייסְט אָנְגֶעטוּן מִיט צִיצִית, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען אוֹיף דִי צִיצִית, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי חוֹלֶה צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן פַּשְׁטוּת קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית דָאס אִיז דִי רְפוּאָה וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) דָאס אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים קוּמֶען פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר וַוייל עֶר אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה, קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית וָואס עֶר גֵייט דָאס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס צִיצִית אִיז וְכוּ' וְכוּ' וָואלְט עֶר גֶעטַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה.

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זי"ע אַז אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי צִיצִית

אִין דִי הַאנְט אוּן עֶר הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען אִיךְ קוֹיפְן אַ בִּינְטְל צִיצִית מִיט אַפָּאר גְרָאשְׁן, אוּן מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוֹת עֲשֵׂה, אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם אִיז כָּלוּל אַלֶע מִצְוֹות, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִדְבָּר ט"ו) "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת הַוַיָ"ה", אָבֶּער וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן, אוֹיף קַיין שׁוּם גֶעלְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען קוֹיפְן דִי מִצְוָה, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַזַא צַדִיק אַזַא גָאוֹן אַזַא קָדוֹשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה זַיין זִיךְ נָאר מִיט דִי צִיצִית, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי צִיצִית, אוּן זָאלְסְט נִזְהָר זַיין זַייעֶר אַז דִי צִיצִית זָאל זַיין רֵיין, זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ קוֹיפְן צְוֵויי דְרֵיי פָּאר צִיצִית, זָאלְסְט קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְוַואשְׁן, וָוארוּם דָאס אִיז אַ מִצְוֹות עֲשֵׂה, אוּן מֶען דַארְף זֶען צוּ גֵיין מִיט אַ רֵיינֶעם טַלִית קָטָן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מִיט פְלֶעקְן, וָוארוּם מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַיֵּים דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּרְמַ"ח אֵיבָרֶיךָ וּשְׁסָ"ה גִידֶיךָ, וּבְכָל טִיפֵּי דָמֶיךָ, נָאר זַיי גֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי צִיצִית, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קעו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל ט״ז אֲדָר א׳ ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֶמוּנָה, עֶר זָאל גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר פִּירְט דִי גַאנְצֶע װֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (חולין ז׳) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַ קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל אוֹיבּ מֶען רוּפְט נִישְׁט אוֹיס קוֹדֶם אוֹיבְן, אַזוֹי וַוייט גֵייט דִי הַשְׁגָּחָה, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלֵיינֶעם הַאק אִין קְלֵיינֶעם פִינְגֶער, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעמְט אִין טִיר וְכוּ׳, אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ מִקְרֶה אַ גֶעשֶׁעהְנִישׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶר אִיז גֶעװֶוען אַ בַּטְלָן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, נֵיין נֵיין דָאס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אִיבֶּערְדֶעם פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּרִיקְקוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֶמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אָן אֶמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן קַיין לֶעבְּן נִישְׁט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַסַאךְ מַזְהִיר גֶעװֶוען אוֹיף פְּשׁוּטֶע אֶמוּנָה, אוּן דִי שְׁלֵימוּת פוּן אֶמוּנָה אִיז אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעװוֹאוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, יֶעדֶע זַאךְ װָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ זָאל עֶר אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**פַארְוָואס** טוט דָאס נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ? וַוייל עֶר הָאט אִין זִיךְ גַאֲוָוה וְגַדְלוּת, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אָבֶער בַּיי גַאֲוָה שְׁטֵייט (סוֹטָה ה.) אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר; זוֹכֶה זַיין צוּ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה מוּז מֶען זַיין בָּטוּל וּמְבוּטָל אִינְגַאנְצְן, בַּיי זִיךְ.

**דֶער** בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע מְשׁוּגָעִים וֶוערְן נִישְׁט מְשׁוּגָע נָאר פַאר גַאֲוָה, עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט דָאס וְכוּ' עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט יֶענְץ וְכוּ' וֶוערְן זֵיי מְשׁוּגָע וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זַיי עוֹקֶר פוּן דִיר דִי גַאֲוָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) **אַז אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, קוֹדֶם צוּבְּרֶעכְן אֵיין מִדָּה אוּן נָאכְדֶעם צוּבְּרֶעכְן נָאךְ אַ מִדָּה, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין צוּבְּרָאכְן אַלֶע מִדּוֹת אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְן בַּיי אִים דֶער עֶפֶּעס, וָואס דָאס אִיז דִי גַאֲוָה אוּן דִי גַדְלוּת, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּרַייסְן פוּן מֶענְטְשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיט דַיינֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען צוּ וֶוערְן אַ יֵשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם, בַּאלְד וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, דוּ וֶועסְט זַיין אַ מֵת אוּן אַ גוֹסֵס, אוּן דוּ וֶועסְט לִיגְן מִיטְן פִּיס צוּם טִיר, אוּן מֶען וֶועט דִיךְ בַּאגְרָאבְן אוּן מֶען וֶועט דִיךְ דָארְטְן אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין וְכוּ', וָואס וֶועסְטוּ טוּן דֶעמָאלְטְס? ווּי אַהִין וֶועט קוּמֶען דַיין

גַאֲוָה סְרוּחָה? הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ רֶעדְן פוּן גַדְלוּת אוּן פוּן גְרוֹיסְקֵייט, דוּ ווילְסְט וֶוערְן אַ יֵשׁ וְכוּ', דוּ ווילְסְט וֶוערְן אַ מַנְהִיג וְכוּ', דָאס לֶעבְּן אוּנְזֶערֶע אִיז אַזוֹי קוּרְץ, קֵיינֶער ווייסְט נִישְׁט וֶוען מֶען וֶועט אִים צוּרִיק רוּפְן, וֶוען אַ אִיד וָואלְט אִין זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶענוּמֶען, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אַלֶע** עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִיז נָאר מַחֲמַת עֶר פַארְגֶעסְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל ווייסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אוֹיף אִים שְׁטֶענְדִיג, וָואלְט עֶר זִיךְ אַנְדֶערְשׁ אוֹיפְגֶעפִירְט, אָבֶער דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַאֲוָה וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט שְׁפִּירְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס אִיז דָא, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִיךְ דֶעם גֶעמֵיינֶע מִדָה פוּן גַאֲוָה וְיֵשׁוּת צוּ זַיין אַ מַנְהִיג אַ רָב אַ רֶבִּי אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ'.

**אוּנְז** דַארְפְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִיר דַארְפְן מְגַלֶה זַיין אוּן מְפַרְסֵם זַיין פַאר יֶעדְן אִיד דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אוּן דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער כַּוָונָה, אָבֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן גַדְלוּת פוּן יֵשׁוּת, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג דִי שָׁעָה דִי רֶגַע וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ נִפְטָר וְכוּ', דִי נְשָׁמָה וֶועט אִים אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם גוּף, אוּן דֶעם

גוּף װעט מֶען טְרָאגְן אִין קֶבֶר בַּאגְרָאבְּן, אוּן דִי נְשָׁמָה װעט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן, אוּן מִיט װָאס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטְרַאכְט דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן אַזוֹי װעט גֵיין דִי נְשָׁמָה אוֹיבְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

**דָאס** הֵייסְט װען אַ אִיד הָאט דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן נָאר בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן װִיל נָאר נִכְלָל װערְן אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִיז װען ס'קוּמְט דִי צַייט עֶר הוֹיבֶּעט אוּיס דִי נְשָׁמָה, אִיז דִי נְשָׁמָה זִיךְ מְדַבֵּק אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער אוֹיב דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן אִיז דֶער קָאפּ אִים גֶעװֶוען אִין יֵשׁוּת אִין גַאֲוָה, אִין מִדּוֹת רָעוֹת אִין תַּאֲווֹת רָעוֹת, אִיז רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, װֶען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס שְׁוֶועבְּט זִי אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ נָאךְ אַרוּם אִין דִי װֶועלְט אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעװוֹאוֹינֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע רָצוֹן, נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְבַטֵל זַיין זִיךְ נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, װֶעט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי װֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע װֶועלְט.

**אִיךְ** מֵיין דִיךְ נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען, אִיךְ מֵיין גָאר נָאר דַיין טוֹבָה װֶעגְן, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר מִיט אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹנוֹת פוּן יֵשׁוּת וְגַאֲוָוה וְכוּ' וְכוּ', כְּאִילוּ אִיךְ אִיךְ אִיךְ וְכוּ' וְכוּ' אוּן נָאכְמַאל אִיךְ, אוּן װִידֶערוּם אִיךְ וְכוּ' וְכוּ',

און דו טוהסְט אויף וְכוּ׳, לָאז שׁוין אָפּ דֶעם אִיךְ וְכוּ׳, לָאז שׁוין אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען פוּן יֵשׁוּת און פוּן כִּבוֹד, ווייל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דיךְ גוּט זַיין אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט, זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶן יֶעדֶע טָאג יֶעדֶע שָׁעָה און יֶעדֶע רֶגַע וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז אַ הַצְלָחָה נִצְחִית, קוּק נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, וָוארוּם דֶער סוֹף וֶועסְטוּ דָאךְ בְּלַייבְּן אַלֵיין, אִיז מְמֵילֶא גֶעווּאוּין זִיךְ צוּ יֶעצְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אַלֵיין וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, פַּארְוָואס, ווייל אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אויף דִיר דִי שְׁכִינָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קעז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל ט״ז אֲדָר א׳ ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אויף** דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ אַסַאךְ אַסַאךְ שְׁטַארְקְן אִין אֶמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה אוּן סִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אַלֶע וֶועלְן גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דֶעם, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָוארוּם דִי וֶועלְט וֶועט זַיין אָנְגֶעפִילְט נָאר מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אוּן** לֵיידֶער זֶעהְן מִיר הַיינְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פִיל מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשׂוּ לִי אֶת הַחַיִל הַזֶה, זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אוּן מַאכְן אַ מַלְכוּת אַן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, וָוארוּם מִדַת הַמַלְכוּת דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין בָּטוּל וּמְבוּטָל צוּ דִי הֶעכֶערֶע סְפִירוֹת וָואס דָאס הֵייסְט מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, וֶוען עֶס פִירְט זִיךְ אַלְסְדִינְג עַל פִּי הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן עַל פִּי אֱמוּנָה בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית הֵייסְט דָאס מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, אָבֶער חָלִילָה וְחַס אַז סְ'אִיז לְהֵיפֶךְ אוּן עֶס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אוֹיף אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אֱמוּנָה אוּן קִיוּם מִצְוֹת מַעֲשִׂיוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, אוּן לֵיידֶער אַלֶע זֶעהְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מֶען רַייסְט אוֹיס מִילְיָאנֶען אִידְן פוּן אִידִישְׁקַייט, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען פַארְבְּלֶענְט אִין דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן מַלְכוּת הַמִינוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דֶעם דֶרֶךְ

פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין יֶעדְן מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אוּן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז צוּ דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִין אֱמוּנָה דַארְף מֶען רֶעדְן אַסַאךְ אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן הֶערְן דִי אֱמוּנָה, אוֹיבֶעט הָאט עֶר גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ד') אַז דִי אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי נָאר אִין דֶעם דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ אִין אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם קוּמְט עֶר צוּ אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט צוּזַאם נֶעמֶען חֲבֵרִים אוּן זָאלְסְט רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אוּן דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגְן אַלֶע בְּרָכוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם הָאט גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי כח) אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת, אַ אִיד וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶעמֶען וָואס זֶענֶען אַרוּם אִים אַלֶע בְּרָכוֹת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קעה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל י"ח אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דוּ פַאלְסְט יֶעדְן טָאג אַרַיין אִין אַ טִיפֶערֶע בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִיר אוּן וויל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן טִינוּף וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט וְכוּ'! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ש"ח) "דוּ בִּיסְט צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְטְרֶענְקְט זִיךְ אִין יַם, אוּן בִּיז אַ מִינוּט וֶוערְט עֶר דֶערְטְרָאנְקֶען, אוּן וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן זָאגְט עֶר אִים 'לָאז מִיךְ אָפּ!' וְכוּ'", אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה פוּן אִים? מֶען וויל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן טִינוּף וָואס דוּ בִּיסְט דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן לְבַסוֹף גֵייסְטוּ צוּרִיק וְכוּ'. וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? צִי וֵוייסְטוּ נִישְׁט אַז אַ שֵׁיינֶעם טָאג קֶענְסְטוּ פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער צוּזַאמֶען? אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר גָאר בִּיטֶער זַיין וְכוּ', אוּן עֶס וֶועט נָאךְ נִתְגַלֶה וֶוערְן דַיין שְׁמוּץ פַאר אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים וְכוּ'. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וָואס פַאר אַ בּוּשָׁה דוּ וֶועסְט הָאבְּן! דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וואוּ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן זִיךְ פוּן רוֹב בּוּשָׁה! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף סִימָן ט') תַּאֲווֹת נִיאוּף אֵינוֹ נִרְחָק מִן הָאָדָם אֶלָּא עַל יְדֵי הַרְחָקַת רְאוּת הָעַיִן

וְהַמַחְשָׁבָה; אַ מֶענְטְש דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן אוֹיף דֶעם גֶעדַאנְק, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת;

**אִיבֶּערְדֶעם** לָאז שׁוֹין אָפּ דִי עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים, אוּן טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף דַיין שְׁלֶעכְטֶע עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים, אוּן שֶׁעם זִיךְ כָאטְשׁ ווִי דוּ גֵייסְט אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ גֵיין דָארְטְן אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ שֶׁעמֶען, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלְסְדִינְג, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:) כָּל הָעוֹשֶׂה דְבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵישׁ בּוֹ מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו; זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁמוּץ, זָאג דוּ ווִילְסְט נִישְׁט!

**וָוארוּם** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) וָואס הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט "וָואס הֵייסְט בְּחִירָה?" הָאט עֶר אִים גֶענְטְפֶערְט פָּשׁוּט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּט עֶר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט"; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע יְדִיעָה צוּ ווִיסְן, וָוארוּם עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטְס אַז עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְס וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן גֵיי נִישְׁט אִין דִי שְׁמוּצִיגֶע עֶקְלְדִיגֶע עֶרְטֶער וְכוּ', וְכוּ', אוּן גֶעדֶענְק וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פָּרְשָׁה כ"א סִימָן

ד') אִם עָשִׂיתָ חֲבִילוֹת שֶׁל עֲבֵירוֹת עֲשֵׂה כְּנֶגְדָם חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְווֹת; הֵייבּ אָן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית מִיט דִי תְּפִילִין וָואס דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג, און דִי מְזוּזָה וָואס אִיז אוֹיף דַיין טִיר וְכוּ' וְכוּ', און בִּזְכוּת דִי שִׂמְחָה וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. און וָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם אַזוֹי מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג פוּל מִיט עַצְבוּת מִיט בִּיטֶערְנִישׁ, דָאס אִיז וַוייל דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, און דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לט.) עֲבֵירָה מְטַמְטֶמֶת לִבּוֹ שֶׁל אָדָם, דוּרְךְ עֲבֵירוֹת וֶוערְט דָאס הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט, און עֶס הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט.

אִיבֶּערְדֶעם רַייס זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין. שְׁטַארְק זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ און טוּ תְּשׁוּבָה, וָוארוּם הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעזִינְדִיגְט, עֶס שְׁטִינְקְט פוּן דִיר דֶער רֵיחַ פוּן דַיינֶע זִינְד וְכוּ', וְכוּ', טוּ תְּשׁוּבָה וֶועט דִיךְ גוּט זַיין, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ו') אֲפִילוּ יַעֲשֶׂה אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוּ לְמַעְלָה מִזּוּ, וְיַחֲזוֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה וְיַשְׁפִּיל אֶת עַצְמוֹ לָאָרֶץ, אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וּמְקַבְּלוֹ בִּתְשׁוּבָה; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר שׁוֹין פוּן יֶעצְט פָאלְגְן, אֵיידֶער מֶען וֶועט דִיךְ כַאפְּן מִיט דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים.

הַלְוַאי זָאל אַרַיינְגֵיין דִי דִיבּוּרִים אִין דַיין הַארְץ, וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ צוּ דִיר נִישְׁט מִיט אַ פֶעדֶער מִיט טִינְט, נָאר אַ פֶעדֶער מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ, וָוארוּם

אִיךְ וֵויים וָואס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועסְטוּ פַּארְלִירְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין מֵהַצּוֹעֲקִים וְאֵינָם נֶעֱנִים, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קעט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּקְרָא ד' אֲדָר ב' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ בַּת זוּג, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה, וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן אוּן דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן דוּ דַארְפְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וָואס פוּן דִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דוֹרוֹת יִרְאֵי הַשֵּׁם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקפ"ו) דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת טז:) כֵּיצַד מְרַקְּדִין

לִפְנֵי הַכַּלָּה, אַז דֶער טַייטְשׁ אִיז, "מְרַקְדִין", ווִי טַאנְצְט מֶען אִיבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה דַארְף עֶר פַארְגֶעסְן אַלְסְדִינְג וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בִּכּוּרִים) חָתָן מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו שֶׁנֶאֱמַר (בְּרֵאשִׁית כח) "וַיֵלֶךְ עֵשָׂו אֶל יִשְׁמָעֵאל וַיִקַח אֶת מָחֲלַת בַּת יִשְׁמָעֵאל". וְכִי מָחֲלַת הָיָה שְׁמָהּ? וְהֲלֹא "בָּשְׂמַת" שְׁמָהּ? אֶלָא שֶׁנִמְחֲלוּ לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו; אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ בָּחוּר הָאט חֲתוּנָה דַארְף עֶר פַארְגֶעסְן אַלְסְדִינְג וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם, אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז אַלֶע יָארְן דַיינֶע הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ בִּיטֶער לֶעבְּן, מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִיר וְכוּ', מֶען הָאט גֶעלַאכְט פוּן דִיר וְכוּ', אוּן מֶען הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף דִיר וְכוּ', בִּיז דֶער לֶעבְּן אִיז דִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן דוּ הָאסְט נָאר גֶעוָואלְט דֶעם טוֹיט וְכוּ', מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כו:) בְּנוֹת יְרוּשָׁלַיִם הָיוּ אוֹמְרוֹת בָּחוּר שָׂא נָא עֵינֶיךָ וְכוּ', ווֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "שָׂא נָא עֵינֶיךָ"? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִיד זי"ע זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ג י"ח) "הִנֵה עֵין הַוַי"ה אֶל יְרֵאָיו" אַ יְרֵא שָׁמַיִם הָאט אִין זִיךְ דָאס אוֹיס ע' (דָאס הֵייסְט עֶר הִיט דִי אוֹיגְן, אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען אַ יְרֵא שָׁמַיִם) יֶעצְט אוֹיבּ סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אֵיינֶעם חָלִילָה וְחַס 'מָוֶת' אָדֶער זַיין לֶעבְּן אִיז בִּיטֶער ווִי דֶער טוֹיט

וְכוּ׳, אויב ער לֵייגְט אַרײַן דָאס אות ע׳ אִין דֶעם וָוארְט ׳מָוֶת׳ וֶוערְט דֶער צִירוּף ׳מָעוֹת׳.

**אוּן** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ט) דָאס גֶעלְט (מָעוֹת) בַּאקוּמְט מֶען נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ, (תְּכַבְּדוּ וּתְיַיקְּרוּ אֶת נְשׁוֹתֵיכֶם כְּדֵי שֶׁתִּתְעַשְּׁרוּ). קוּמְט אוֹיס וויפֶער מֶען הָאט חֲתוּנָה בַּאקוּמְט מֶען לֶעבְּן וְכוּ׳, אוּן מֶען וויל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, וְכוּ׳, אוּן מֶען בַּאקוּמְט נָאךְ גֶעלְט צוּ דֶעם אוֹיבֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, יֶעצְט וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט זַיין בִּיטֶער דֶער לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעלְט אוֹיבֶּעט.

[**אוּן** אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן אות ע׳, הָאבּ אִיךְ גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ" אַז מֶען צוּבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְעֶן ווי מֶען דַארְף נִישְׁט ("יְשַׂבֵּרוּ" אַז דוּ לֵייגְסְט דֶעם פִּינְטֶעלֶע אוֹיף רֶעכְטְס אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן פוּן צוּבְּרֶעכְן) דֶעמָאלְטְס "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" בַּאקוּמְט מֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן מֶען הָאט שְׁטֶענְדִיג וָואס צוּ עֶסְן, וָוארוּם מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן] אוּן אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן עֲווֹנוֹת, ווי

די חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג) דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת אֶת בָּנֵינוּ וּמַצֶּלֶת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא; אִיבֶּערְדֶעם פַּארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין וָואס אִיז גֶעוֶוען וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶע בָּחוּר אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִיר וְכוּ' וְכוּ', מַאךְ אַ נַייֶע הַתְחָלָה וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זְוִיסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה מוּז מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דָאס וַוייבּ, אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן שְׁטֶענְדִיג, ווי די חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זַיין קַיין קַארְגֶער, אוּן אַז זִי וִויל זִיךְ קוֹיפְן אַ קְלֵייד דַארְף מֶען אִיר גֶעבְּן ווי די חַזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קט.) חַיָּיב אָדָם לְשַׂמֵּחַ בָּנָיו וּבְנֵי בֵיתוֹ בָּרֶגֶל שֶׁנֶּאֱמַר "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ" בַּמֶּה מְשַׂמְּחָם וְכוּ' (מִיט וָואס אִיז מֶען מְשַׂמֵּחַ אַ וַוייבּ) תָּנֵי רַב יוֹסֵף בְּבָבֶל בְּבִגְדֵי צִבְעוֹנִין, בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּבִגְדֵי פִּשְׁתָּן מְגוּהָצִין; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קַארְג, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"ע בְּרֶענְגְט (סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ - פָּרָשַׁת מִקֵּץ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק "וַתַּעַשׂ הָאָרֶץ לִקְמָצִים" רֶמֶז שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לְהִזָּהֵר מְאֹד מִמִּדּוֹת קַמְצָנוּת וְכִילִית, כְּמוֹ דְאִיתָא בְּסֵפֶר הַיָּשָׁר לְרַבֵּינוּ תַּם, אִם יִהְיֶה אָדָם כִּילַי הַיְינוּ קַמְצָן אֵין זֹאת הַמִּדָּה הָרָעָה לְבַדָּהּ בּוֹ, רַק אַחֶרֶת מִלְּבַד אֵלֶּה, וְזֹאת עָלְתָה עַל כּוּלָּנָה, וְסוֹף דְּבָרָיו עַל כֵּן אִי אֶפְשָׁר לְכִילַי לִהְיוֹת עוֹבֵד הַשֵּׁם, עַיֵּין שָׁם דְּבָרָיו הַמְּתוּקִים הָאֲמִיתִּים בְּאוֹרֶךְ, וְזֶהוּ "וַתַּעַשׂ הָאָרֶץ" וְגוֹ', דְּהַיְינוּ יוֹסֵף הָיָה מְתַקֵּן

אֶת הָאָרֶץ בְּשֶׁבַע שְׁנֵי שָׂבָע אֶת מִדּוֹת הַקַמְצָנוּת שֶׁבָּהֶם וְזֶהוּ "לִקְמָצִים", כִּי אֵין לְךָ אָדָם נִמְלָט מִמִּדָּה זֹאת, אִם לֹא כּוּלּוֹ יֵשׁ בּוֹ מִקְצָתוֹ, וְיֵשׁ אֲשֶׁר בָּהֶם אֲפִילוּ קְצַת מִקְצַת מֵהַקַמְצָנוּת, וְצָרִיךְ הָאָדָם לְהָסִיר עַצְמוֹ מִמִּדָּה רָעָה זֹאת, עַיֵּין שָׁם. דָאס דִי מִדָּה פוּן קַמְצָנוּת אִיז דִי אַרְגְסְטֶע מִדָּה.

מֶען זֶעט אַ אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע זַאךְ ס'קוּמְט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה וַוארְפְט עֶר גֶעלְטֶער אוֹיף רֶעכְטְס אוּן אוֹיף לִינְקְס וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַז עֶס קוּמְט דָאס וַוייבּ אוּן בֶּעט גֶעלְט אוֹיף עֶסְן וְכוּ' אָדֶער אוֹיף אַ קְלֵייד וְכוּ' גֵייט עֶר פָּשׁוּט אַרָאפּ פוּן זִינֶען וְכוּ', וָואס הֵייסְט דוּ גֶעבְּסְט אוֹיס (סְפֶּענְדְסְט) אַזוֹי פִיל גֶעלְט וְכוּ' אוּן ווִיל פוּן אִיר אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּטָה וְכוּ', בְּשַׁעַת דִי חַזַ"ל לֶערְנֶען אוּנְז (כְּתוּבּוֹת נ.) "עוֹשֶׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת" וְכִי אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת צְדָקָה בְּכָל עֵת? דָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ שֶׁבְּיַבְנֶה וְאָמְרֵי לָהּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, זֶה הַזָּן בָּנָיו וּבְנוֹתָיו; מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן קוֹדֶם אוֹיפְ'ן שְׁטוּבּ חָשׁוּב הַאלְטְן דָאס וַוייבּ, אוּן אִיר גֶעבְּן וָואס זִי דַארְף וְכוּ', זִי ווִיל דָאךְ פַאר אִירֶע קִינְדֶער דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע וְכוּ'.

אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר הָאט חֲתוּנָה אוּן נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער אַרַיין אִין הַארְץ, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַ קַארְגֶער אוּן אַ קַמְצָן וְכוּ', מֶען דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה יז.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן; אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּהְט, דָארְטְן אִיז דִי

בְּרָכָה דָא, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרײַנְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער טִיף אִין הַארְץ וֶועט דִיךְ וואויל זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אַלֶע** פְּרָטִים אוּן פְּרָטֵי פְּרָטִים רֶעד זִיךְ דוּרְךְ פּוּנְקְטְלִיךְ מִיט ר' ... נֵרוֹ יָאִיר דוּ זָאלְסְט טוּן ווִי עֶר וֶועט דִיךְ הֵייסְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

## קפ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר צַו ח' אֲדָר ב' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעֲלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט אוֹיס קוֹדֶם אִין הִימְל, נִישְׁט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט "אוֹי! אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ אִין פִינְגֶער וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גוֹלָם, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, הָאט זִיךְ מִיר אָפְּגֶעקְלֶעמְט דֶער פִינְגֶער", נֵיין, סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי! אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶערוּפְן שׁוֹין אִין הִימְל.

**איבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט פַּרְנָסָה, אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט זָאגְן "אֵיי! אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אִיךְ טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ קַיין מַזָל נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, מִיר גֵייט גָארְנִישְׁט, וָואס אִיךְ טוּ אִין פַּרְנָסָה גֵייט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט!", מֶען טָאר דָאס נִישְׁט זָאגְן, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּחַבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא: קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען יֶענֶעמְ'ס.

**אוּן** אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף פוּן סְקְוִוירָא זי"ע בַּאקְלָאגְן זִיךְ אַז אֵיינֶער הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ סְטָאר פוּנְקְט קֶעגְן אִים, אוּן עֶר אִיז אִים מְקַפֵּחַ פַּרְנָסָה, הָאט דֶער צַדִיק אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, קוֹנִים קֶען מֶען צוּנֶעמֶען, אָבֶּער פַּרְנָסָה קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען, וָוארוּם פַּרְנָסָה אִיז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְרֶעגְט, "אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים נֶעמֶען צוּ דִין תּוֹרָה?", הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ק"כ) "אֲנִי שָׁלוֹם", כָּל זְמַן אִיךְ בִּין פַאר מִיר אַלֵיין אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם צוּ טוּן, הֶערְשְׁט בַּיי מִיר שָׁלוֹם, אָבֶּער "וְכִי אֲדַבֵּר" אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַרַיינְגֵיין אִין וִויכּוּחִים מִיט יֶענֶעם אוּן רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, "הֵמָּה לַמִּלְחָמָה" וֶועט מֶען שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִין מַחְלוֹקֶת מִיט מִלְחָמוֹת, אוּן וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס?". זֶעט מֶען ווִי וַוייט אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה ווִיסְן אַז יֶעדֶער

זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? נָאר אִיךְ אַלֵיין וֵוייס וָואס אוֹיף דִיר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן, אוּן וָואס עֶס גֵייט נָאךְ יֶעצְט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט עֶר דִיר אַוודַאי הֶעלְפְן, וָוארוּם אֱמוּנָה הָאט אִין זִיךְ אַזַא מִין כֹּחַ, אַז עֶס צִיט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת. אוּן אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, אִין דִיר, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ אִין דֶעם אַרַיינְלֵייגְן וֶועט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אַ לֶעבְּטִיג אוּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן. אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אוֹיסְגֶערוּט, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ה) דָאס אֱמוּנָה אִיז בְּחִינַת שֵׁינָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִיז עֶר אַזוֹי ווִי אַ אוֹיסְגֶעשְׁלָאפֶענֶער מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג רוּהִיג, אוּן אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּקוּמֶען צוּ דִי טַייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת. אוּן פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ

קוּמְט נִישְׁט צוּם צַדִיק? אִיז וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֶמוּנָה, אוּן עֶר פַארְלִירְט דִי סַבְלָנוּת, אוּן עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעך וְכוּ', וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט, נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם מִקַאלִיסְק זי"ע, אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן אִיד וֵויינֶען, פְרֶעגְט עֶר אִים, "וָואס וֵויינְט אִיר?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אַלְטֶער אִיד, "אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ'", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעגֶעבְּן אוֹיף אִים, "דוּ טִיפֶּשׁ! צוּ לֶעבְּן נָאךְ אֵיין טָאג אָנְצוּטוּן תְּפִילִין אִיז נִישְׁט וֶוערְד? הָאסְט דֶען אַן הַשָּׂגָה וָואס הֵייסְט אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אָנְצוּטוּן יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, עֶר מַאכְט דָאךְ לֶעבְּטִיג אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ'", זֶעט מֶען ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַן אַנְדֶערְן קוּק אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זֵיי מַאכְן פוּן דִי וֶועלְט יֶענֶע וֶועלְט, דָאס הֵייסְט פוּן עוֹלָם הַזֶה מַאכְן זֵיי עוֹלָם הַבָּא, זֵיי טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָא אִין דִי וֶועלְט.

**אִיךְ** הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, אוּן דוּ פְרֵייסְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵים יֶעדְן טָאג, צִיצִית, תְּפִילִין, מְזוּזָה, אַ בָּארְד אוּן

פֵּיאוֹת, שַׁבָּת, וְכוּ', וְכוּ', און דו לֶערְנְסְט נָאךְ דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא אִין מִשְׁנֶה אִין גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז דֶער גֶרעסְטֶער רַייכְטוּם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנֶה וְלֹא תַּלְמוּד. וָואס הֵייסְט אָרֶעמְקֵייט? דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג בָאטְשׁ דִי דְרֵיי לִימוּדִים, חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, און אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, און אַ דַף גְמָרָא.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן און עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַסַאךְ גוּטְס, וָוארוּם דֶער טָאג בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין, עֶס פְלִיעֶט אַזוֹי ווִי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פוֹיגֶל וָואס פְלִיעֶט דוּרְךְ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ"ו סִימָן ב') כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִכְתִיב (תְּהִלִּים קמ"ד) כְּצֵל עוֹבֵר; אָט אִיז טָאג, און אָט אִיז נַאכְט, אָט אִיז אַ וָואךְ, אָט אִיז אַ חוֹדֶשׁ, און אָט אִיז אַ יָאר, און אָט פָארְט מֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר כַאפְּט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אַבִּיסֶל גוּטְס, וָואס אִין הִימֶל אִיז דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# קפא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר צַו ט׳ אֲדָר ב׳ ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶע** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נִסְיוֹנוֹת שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע גֵייט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אִיבֶּער. זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען נָאר אוֹיף דִיר אַלֵיין, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, זַיינֶע בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט דוּרְךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ מַתָּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ח) ״גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, גָאר קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין!״, נִישְׁט סְתָּם גֶעזָאגְט ״זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ״, נָאר עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן ווִי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם וֶועלְט, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זֶען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין זַיינֶע לִימּוּדִים, וָואס דֶער עִיקָר לִימּוּד אִיז קוֹדֶם כָּל צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ כְּפִי זַיין צָרוֹת אוּן זַיינֶע יִסוּרִים צִיט אִים צוּ עַצְבוּת אוּן צוּ בִּיטֶערְנִישׁ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט

(לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אוּן אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן נַאטוּרְלִיךְ בֶּעטְן דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אוּן צוּקוּמֶען צוּ קְדוּשָׁה קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען קוֹדֶם כָּל אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט צִיצִית תְּפִילִין מְזוּזָה שַׁבָּת כַּשְׁרוּת וְכוּ' וְכוּ' וְכוּ', דָאס בַּאוַוייזְט אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶּה אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אֵיינְמָאל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ גַאנְץ הַארְץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אִים עֶס אָן גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן פַאר אִים יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן

וויין זיך אויס פאר אים און בעט זיך אויס פון אים וואס דו דארפסט האבן.

אונזערע לייט פלעגן זאגן אז מיר זאלן נישט מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן נאר צו מקבל זיין די מתנה אז מען קען רעדן צום בורא כל עולמים אויף פראסט אידיש, און אים אויסצודערציילן דאס גאנץ הארץ וואס עס גייט אויף אים דורך, איז שוין געווען כדאי מקורב ווערן צו אים, מכל שכן וכל שכן ער האט אונז געגעבן אזוי פיל תורות פון הייליגן ספר לקוטי מוהר"ן, וואס יעדע תורה איז א רעצעפט אקעגן אן אנדערע מחלה, אקעגן אן אנדערן ירידה און איבערגייעכץ, ער האט אונז דערציילט אזעלכע וואונדערליכע מעשיות אין סיפורי מעשיות, וואס דאס איז מעורר דעם מענטש און ציט זיין הארץ צום בורא כל עולמים, ער האט אונז איבערגעלאזט א ספר המדות וואס עס לערנט דעם מענטש ווי אזוי מען קען זיך איינקויפן גוטע מידות, איבערדעם פאלג מיר אויב דו ווילסט זיין מקורב צום הייליגן רבי'ן זאלסטו לערנען יעדן טאג א שיעור אין לקוטי מוהר"ן, סיפורי מעשיות, ספר המדות, און די שיחות, וועסטו זען אז דער גאנצער לעבן וועט דיך גיין אנדערש.

איך בעט דיך זייער, שטארק זיך, פארליר זיך נישט, און דערהאלט זיך, און צו דעם וועסטו זוכה זיין ווען דו וועסט לערנען אסאך דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, ווארום

דָאס גַאנְצֶע התְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז תָּלוּי נָאר ווִיפִיל מֶען בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ בְּתוֹךְ הַסֵּפֶר, דֶער פָּנִים דֶער שֵׂכֶל דֶער נְשָׁמָה פוּן דֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען ווִיל דֶערְקֶענֶען דֶעם צַדִיק, דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ זַיינֶע סְפָרִים. אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט וֶוערְן אִין דַיין הַארְץ, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קפב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר צַו ט' אֲדָר ב' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ' וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ עַצְבוּת אוּן צוּ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן צוּ בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווִי מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, טַאקֶע אֶמֶת אַז דִי מַצָב אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן

איז זייער שְׁווער אַרויס צו גיין פון דֶעם וְכו׳ וְכו׳, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט דָאס (יוֹנָה ב׳ ג׳) "מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַעְתִּי" אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן ס׳קוּקְט אִים אוֹיס אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל פוּן דָארְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן קֶען עֶר פוּן דָארְטְן אוֹיכֶעט אַרוֹיסְגֵיין, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן עֶר וֶועט קוּמֶען בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי זִיךְ אִין אַ פְלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן הֵייבּ דָארְטְן אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן בָאטְשׁ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט עֶס דִיר אוֹיסְקוּקֶען ווִי קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, דָאס קוּמְט פוּן דִי כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וָואס עֶס אִיז אַרַיין אִין דִיר דוּרְךְ דַיינֶע עֲווֹנוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ״ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם, אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, בִּיז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳) מִתְּחִילָה הָיְתָה הַשְּׁכִינָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ סִילְקוּ שְׁכִינָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראַל, מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט אִים פַארְטוּנְקְלְט אוּן פַארְפִינְסְטֶערְט דִי אוֹיגְן, בִּיז עֶר זֶעט נִישְׁט אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אָבֶּער דֶער

אֶמֶת אִיז, אַז אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁטָא קַיין חַיּוּת, נָאר וָואס דֶען? דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט זֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר אוֹיסְקוּקְן ווִי קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אוּן קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, אוּן דַיינֶע דִיבּוּרִים גֵייעֶן חַס וְשָׁלוֹם לָרִיק וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ אָבֶּער ווִיסְן אַז אַ יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען ווֵיינְט אוּן מֶען רֶעדְט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט גֶעהֶערְט, אוּן עֶס מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין דִי עוֹלָמוֹת, וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן וָואס זַיינֶע תְּפִילוֹת טוּעֶן אוֹיף אִין דִי עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן, אֲפִילוּ עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם יְשׁוּעָה, אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיסְטַעֲנֶה'ן זִיךְ אַזוֹי ווִי מֶען טַעֲנֶה'ט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ שׁוֹפֵט בִּשְׁעַת מֶען גֵייט אִים מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף טוֹיט, דֶעמָאלְט לָאזְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפּ, אוּן עֶר זוּכְט אַלֶע זְכוּתִים פַארְן שׁוֹפֵט, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט וֶוער סְ'אִיז שׁוּלְדִיג וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי מַעֲשֶׂה וְכוּ' וְכוּ', אוּן וָואס מֶער דֶער שׁוֹפֵט ווִיל אִים מִשְׁפָּטְן צוּ טוֹיט לֹא עָלֵינוּ, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ, ווַייל דָאס אִיז דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט.

**עַל** אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה בְּאֵין עֲרֹךְ כְּלַל, וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּ זַיין טַאטְן פוּן הִימְל, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ, אוּן

עֶר דֶערְצֵיילְט אוֹיס דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ, אוּן וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִינְדִיגְן אַזוֹי גְרָאבּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט, אוּן לָאזְט נִישְׁט אָפּ אוּן זָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט פַאר דִיר זִינְדִיגְן וְכוּ' וְכוּ', נָאר קוּק וָואס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דֶעם וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר טַעְנֶה'ט זִיךְ אוֹיס פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**גְלֵייבּ** מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שֶׁענֶערְס אוּן בֶּעסֶערְס אִין אַלֶע הִימְלֶען וִוי וֶוען אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַן אֱמֶת, זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר אַוַודַאי צוּהֶערְן, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען סוֹף כָּל סוֹף אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קפג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר צו י' אֲדָר ב' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. וִוי וַואגְט זִיךְ אַ בָּחוּר אָפְּלַאכְן אוֹיף מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל וְכוּ'? וָואס עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז

אַ יֶעדֶער מִנְהָג וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אַזוֹי מִדוֹר דוֹר הָאט אַ יְסוֹד, און דָאס אִיז אַ מְסוֹרָה פוּן דוֹר דוֹר, און בְּוַודַאי הָאט דָאס אַ יְסוֹד, און מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן קַיין שׁוּם אִידִישֶׁע מִנְהָג, אֲפִילוּ בַּיי זֵיי הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעפִירְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן פִירְן זִיךְ אַזוֹי.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִשָׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעלַאכְט פוּן אַ מִנְהָג וְכוּ', לִכְאוֹרָה, פַארְוָואס רוּפְט מֶען דִי גְמָרָא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט, אִיז דָאס דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה? נָאר יֶעדֶער מִנְהָג יִשְׂרָאֵל וָואס אִידְן פִירְן זִיךְ אַזוֹי, דָאס הֵייסְט תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, און מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס טָאר נִישְׁט זַיין אַקֶעגְן דִי הֲלָכָה.

**נֶעם** צוּם בַּיישְׁפִּיל דֶעם סֵפֶר הַמַּנְהִיג פוּן רַבֵּינוּ אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נָתָן הַיַּרְחִי, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַשְׁבָּ"א שְׁרַייבְּט אִין אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף אִים (חֵלֶק א' סִימָן תתש"ח) לְבָאֵר מִנְהֲגֵי כָּל יִשְׂרָאֵל בִּסְפָרַד צָרְפַת וּפְרוֹבִינְצָא וְטַעֲמֵיהֶם לְהַרְאוֹת כִּי כּוּלָּם מְיוּסָדִים עַל אַדְנֵי פָּז וּמִמָּקוֹם קָדוֹשׁ הֵמָּה יוֹצְאִים וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. זֶעט מֶען אַז אִין יֶעדֶע מְדִינָה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶוען מִנְהָגִים וָואס אִיז גֶעוֶוען מְקוּבָּל בַּיי זֵיי מִדוֹר דוֹר, אִיבֶּערְדֶעם דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן אַ אִיד אִיז נִישְׁט

אָפְּלַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַ קְלֵיינִיקֵייט וְכוּ׳, וָוארוּם ווִיפִיל מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל וְכוּ׳ רַחְמָנָא לִיצְלָן, גֵייט מֶען ווַייטֶער אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפֶּעטְן אוּן מְזַלְזֵל זַיין אִין הֲלָכוֹת פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן פוּן גְדוֹלֵי הַפּוֹסְקִים וְכוּ׳, בִּיז מֶען וֶוערְט אַן אַפִּיקוֹרֶס לֹא עָלֵינוּ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י"ב) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ זָאל עֶר טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל וָואס מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועְן מִדּוֹר דוֹר, אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע מְפוּרְסָמִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת הָאבְּן זֵיי בַּיים סוֹף כּוֹפֵר גֶעוֶועְן אִינְגַאנְצְן, אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין אִידִישְׁקֵייט וֶוען מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל. אֶמֶת בַּיי עֶנְק הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעפִירְט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז סְ׳הָאט נִישְׁט קַיין מְקוֹר, יֶעדֶע אִידִישֶׁע מִנְהָג הָאט אַ מְקוֹר אוּן מֶען טָאר פוּן דֶעם נִישְׁט אָפְּשְׁפֶּעטְן.

**זֶע** וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת נְטִילַת יָדַיִם לִסְעוּדָה וּבְצִיעַת הַפַּת, הֲלָכָה ו׳ אוֹת צ"ו) מִנְהָג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה שֶׁאוֹכְלִין אָז פְּרוּסַת הַמּוֹצִיא לֶחֶם עִם דְּבַשׁ; דָאס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַיינְטִינְקֶען דִי חַלָּה אִין הָאנִיג, אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בִּיז שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים וָואס

אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי מִדוֹר דוֹר, אוּן וִוי קוּמְט אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אַ מִנְהָג?

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעטְן פוּן קַיין שׁוּם מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, וָוארוּם אַז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפֶּעטְן פוּן מִנְהָגֵי יִשְׂרָאֵל, אִיז אַ סִימָן אַז רַחְמָנָא לִיצְלָן רוּחַ הַכְּפִירוּת הֵייבְּט אָן צוּ בְּרֶענֶען בַּיי אִים. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט אָן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם זַייעֶר שְׁטַארְק.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קפד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר צַו י' אֲדָר ב' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָרַב הַיָּקָר לִי מְאֹד ... שְׁלִיטָ"א

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק א') חֲכָמִים הִזָּהֲרוּ בְּדִבְרֵיכֶם, שֶׁמָּא תָחוֹבוּ חוֹבַת גָּלוּת וְתִגְלוּ לִמְקוֹם מַיִם הָרָעִים, וְיִשְׁתּוּ הַתַּלְמִידִים הַבָּאִים אַחֲרֵיכֶם וְיָמוּתוּ, וְנִמְצָא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְחַלֵּל; דָאס הֵייסְט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מַשְׁפִּיעַ פַאר תַּלְמִידִים דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט, וָוארוּם נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג הַאלְט מֶען אִין אַ מַדְרֵיגָה פוּן גַדְלוּת הַמּוֹחִין וְכוּ', עֶס קוּמְט אוֹיס צַייטְן וָואס דֶער מַשְׁפִּיעַ אַלֵיין אוּן אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

פַאלְט אַרָאפּ אִין קַטְנוּת, וָואס דָאס אִיז בְּחִינַת גָלוּת בַּיי אִים, אוּן עֶס מַאכְט זִיךְ אַז עֶר פִירְט זִיךְ בְּקַטְנוּת וְכוּ', אוּן אוֹיךְ רֶעדְט עֶר פַּשְׁטוּת וְכוּ', דַארְף עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָאס נִישְׁט טוּן פַאר דִי תַּלְמִידִים, אָדֶער פַאר זַיינֶע מוּשְׁפָּעִים וָואס זֶענֶען מוּשְׁפָּע פוּן אִים, וָוארוּם זֵיי וֶועלְן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי תוֹרָה, אוּן זֵיי וֶועלְן אִים נָאכְטוּן, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט שׁוֹין זַיין אַ גְרוֹיסֶער חִילוּל הַשֵּׁם.

**דֶערְפַאר** אֵיינֶער וָואס אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף תַּלְמִידִים דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן ווִי אַזוֹי עֶר רֶעדְט וְכוּ', אוּן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ וְכוּ', כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען פוּן אִים דִי שְׁוַואכֶע תַּלְמִידִים, וָוארוּם זֵיי וֶועלְן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט. אוּן נִישְׁט אוּמְזִינְסְט זָאגְן דִי חַזַ"ל (יַלְקוּט שִׁיר הַשִּׁירִים, רֶמֶז תתקפ"ח) כָּל מִי שֶׁאוֹמֵר דִבְרֵי תוֹרָה בָּרַבִּים צָרִיךְ שֶׁיְהֵא צָנוּעַ כְּכַלָּה שֶׁלֹּא יְהֵא בּוֹ שׁוּם דוֹפִי; כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען פוּן אִים, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ז') תַּלְמִיד חָכָם צָרִיךְ שֶׁיְהֵא צָנוּעַ בַּאֲכִילָה וּבִשְׁתִיָּיה בִּרְחִיצָה וּבִסִיכָה וּבִנְעִילַת הַסַנְדָל בַּהֲלִיכָתוֹ וּבְעַטִיפָתוֹ וּבְקוֹלוֹ וּבְרוֹקוֹ וּבְמַעֲשָׂיו הַטוֹבִים, מַה כַּלָה זוֹ כָּל זְמַן שֶׁהִיא בְּבֵית אָבִיהָ מַצְנַעַת עַצְמָהּ וּכְשֶׁהִיא יוֹצְאֵת מְפַרְסֶמֶת עַצְמָהּ וְאוֹמֶרֶת כָּל מִי שֶׁיוֹדֵעַ בִּי עֵדוּת יָבֹא וְיָעִיד, כַּךְ תַּלְמִיד חָכָם צָרִיךְ שֶׁיְהֵא צָנוּעַ בְּמַעֲשָׂיו וּמְפוּרְסָם בִּדְרָכָיו, רוֹדֵף אַחַר הָאֱמֶת וְלֹא אַחַר הַשֶּׁקֶר, אַחַר הָאֱמוּנָה וְלֹא אַחַר הַגֶּזֶל, אַחַר עֲנָוָה וְלֹא אַחַר

הַגֵּסוּת, אַחַר הַשָּׁלוֹם וְלֹא אַחַר הַמִּלְחָמָה, אַחַר עֲצַת זְקֵנִים וְלֹא אַחַר עֲצַת הַיְלָדִים, וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט בָּחוּרִים מִיט אִינְגֶעלַייט, זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַ מַנְהִיג וְכוּ', אָדֶער פַאר אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ', מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶעדְן לֵיידִיג גֵייעֶר, וְכוּ', עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זִינְגֶען מִיט בָּחוּרִים מִיט אַ גִיטַאר וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן קַלִים וְרֵיקִים וְכוּ', אוֹיךְ הַיינְט אִיז דָא נַייעֶ מֶעטָאדְן וָואס שְׁטַאמְט פוּן טָמֵא'נֶע גוֹיִם, וָואס זֵיי הַאלְטְן אַז מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער דוּרְךְ וַוייזְן זֵיי פִילֶמְס אוּן מוּאוִוים וְכוּ', אֲפִילוּ עֶס אִיז כָּשֵׁר'ע, אָבֶער אֵיינְמָאל מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער אַז מֶען מֶעג קוּקְן אִין אַזֶעלְכֶע זַאכְן וְכוּ' הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אַ הֶיתֵּר אוֹיף וַוייטֶער.

**אוּן** דִי חַזַ"ל זָאגְן (נִדָּה יג:) שֶׁכַּךְ אוּמָנָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ לֵךְ עֲבוֹד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים; אוּן לֵיידֶער זֶען מִיר טָאג טֶעגְלִיךְ ווִי דִי יוּגְנְט פַּאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִיצְלָן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ קַאלְטְקֵייט פוּן זֵייעֶרע רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער זֵייעֶר מַנְהִיג, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַ מַנְהִיג אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן וָואס יֶעדֶער שׁוֹטֶה אוּן קַל דֵעָה פִירְט זִיךְ אַזוֹי, אַדְרַבָּה אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אַ מַנְהִיג

דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ הַלָכָה פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער, אָבֶער וִויפִיל מֶען הֵייבְּט אָן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן דֶעם אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס שְׁמֶעקְט שׁוֹין מִיט מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה לֶערְנְט אוּנְז (דְבָרִים ל"ב, ז') זְכוֹר יְמוֹת עוֹלָם בִּינוּ שְׁנוֹת דוֹר וָדוֹר שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵדְךָ זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ" אוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי א' ח') "שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ וְאַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ" אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט גֵיין נָאךְ נַייעֶ מֶעטָאדְן, גֵיי נָאר אוֹיף דֶעם אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם אִידִישְׁן וֶועג, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מוּשְׁפָּעִים וָואס דוּ בִּיסְט מַשְׁפִּיעַ אוֹיף זֵיי.

גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ וָואס מַאֲרִיךְ צוּ זַיין אִין דֶעם, אָבֶער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ זֶען צוּ שְׁרַייבְּן בְּאַרִיכוּת ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט בָּחוּרִים אוּן מִיט אִינְגֶעלַייט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# קפה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו י"ב אֲדָר ב' (שַׁבַּת זָכוֹר) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי חַזַ"ל הָאבְּן אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ בַּטְלֶ'ען דִי צַייט, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (כְּתוּבוֹת נט:) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם (שִׁגָּעוֹן), לִידֵי זִימָּה (צוּ שְׁמוּץ); פוּן לֵיידִיג גֵיין קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן נָאר גְלַייךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג גֵיין. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, בְּרֶענְג נִישְׁט אָן דִי טֵייעֶרֶע צַייט; זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער טָאג וָועסְטוּ שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיבּ אִיר ווִילְט הֶערְן אִין מַיין קוֹל, זָאלְט אִיר ווִיסְן אִיר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; יֶעדֶער אִיד דַארְף ווִיסְן עֶר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. וָואס וַייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן?

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט פוּן צַדִּיקִים פוּן דִי וָוארְקֶער גֶזַע זי"ע, פְּלֶעגְן זֵיי זִינְגֶען אַ נִיגוּן, "וָואס הָאבְּן מִיר צוּ זָארְגְן וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, לָאמִיר בֶּעסֶער פַארְרֶעכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן", אוּן דָאס אִיז דָאךְ אַזַא מִין אֱמֶת; אַ מֶענְטְשׁ זָארְגְט שְׁטֶענְדִיג פַאר מָארְגְן, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט פוּן דֶעם

נֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן אַזוֹי פִיל שְׁמוּץ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הַיינְט תְּשׁוּבָה טוּן, גוּט גֶעדֶענְקֶען דֶעם עָבַר, אוּן חֲרָטָה הָאבְּן אוּן מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זֶעסְט נִישְׁט מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם לֵיידִיג בְּרֶענְגְסְטוּ אָן דִי צַייט מִיט גָארְנִישְׁט? אוּן הַלְוַואי וָואלְט דָאס גֶעוֶוען מִיט גָארְנִישְׁט... נָאר לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת לֵיצָנוּת, וְכוּ', וְכוּ', רֶעדְן אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף דֶעם וְכוּ', וָואס וַוייסְטוּ דֶען וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע צוּ זָאגְן 'תַּלְמִיד חָכָם זֶה נָאֶה תַּלְמִיד חָכָם זֶה לֹא נָאֶה', וָואס וַוייסְט אַ מֶענְטְשׁ? בִּפְרַט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר'ל מִישְׁט זִיךְ שׁוֹין אוֹיבֶּעט אַריין אִין זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט זַיין גֶעשֶׁעפְט, וֶוער אִיז יָא אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, וֶוער אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד... אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן: דֶער וָואס עֶר רֶעדְט עֶר אִיז אַ לֵיידִיג גֵייעֶר, אוּן עֶס אִיז אוֹיף אִים אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, עֶר בְּרֶענְגְט אָן זַיין צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים. פְּרֶעג אִים אוֹיב עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י, פְּרֶעג אִים אוֹיב עֶר הָאט אַמָאל אוֹיפְגֶעמַאכְט אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶר וַוייסְט אֲפִילוּ וִוי אַזוֹי דִי מִשְׁנַיוֹת זֶעט אוֹיס... פְּרֶעג אִים אוֹיב עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא; וֶועסְטוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז עֶר אִיז אַ גְרָאבֶּער עַם הָאָרֶץ. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֵיי אַוֶועק פוּן שְׁלֶעכְטֶע

חֲבֵרִים, זֵיי וֶועלְן דִיר נָאר בַּאגְרָאבְּן. אַז דוּ וֶועסְט דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וֶועלְן זֵיי דִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

**אַ** בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד אִיז דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא הֲלָכָה וַאֲגָדָה, אוּן בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ; דָאס הֵייסְט אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ וויסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; דָאס הֵייסְט אַן אֶמֶתְ'ע בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִי קִינְדֶערִישְׁקֵייט, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, בַּאלְד וֶועסְטוּ דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַלֵיין אַ שְׁטוּב, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר נוּצְט אוֹיס דִי בָּחוּרִישֶׁע יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# קפו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו י"ב אֲדָר ב' (שַׁבַּת זָכוֹר) ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט צִיעֶן צוּ עַצְבוּת אוּן צוּ צוּבְּרָאכְנְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ'. גְלֵייבּ מִיר: אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן צָרוֹת אוּן פוּן יִסוּרִים, אוּן פוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעשַׁאצְט ווִי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט 'דֶער עִיקָר אִיז שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ'. אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים וָואס עֶס גֵייט נָאר דוּרְךְ אוֹיף אִים זָאל עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר זָאל נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, עֶר זָאל נִישְׁט צוּפַאלְן.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּפְרַט מִיט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער וְכוּ', מֶען מוּז זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי אוּן זַיין גֶעדוּלְדִיג, פּוּנְקְט ווִי אַ מְלַמֵד מוּז זִיךְ

אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדְן קִינְד עֶקְסְטֶער בַּאזוּנְדֶער דֶעמָאלְט הֵייסְט עֶר אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אַזוֹי אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיטְן וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, אוֹיסְהֶערְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אִים הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר קֶען, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן מִיט יֶעדְן אִיד, דָאס אִיז דֶער מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, מֶען דַארְף יֶעדְן אִיד לִיבּ הָאבְּן, אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן.

**דָאס** אִיז אַ צַדִיק, דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן אַזוֹי רוּפְט מֶען אַ צַדִיק "גוּטֶער אִיד" עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וָוארוּם אַ צַדִיק גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצְן צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (תְּהִלִים קמ"ה) "טוֹב הַוְיָ"ה לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", אִיבֶּערְדֶעם אַז אֵיינֶער גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר אוֹיכֶעט גוּט, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַן עֶרְלִיכְן אִיד, וִוי גוּט עֶר אִיז צוּ אַ צְוֵוייטְן, צִי עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אַ צְוֵוייטְן, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַ צְוֵוייטְן, עֶר הֶערְט אוֹיס אַ צְוֵוייטְן, עֶר רֶעדְט אוֹיס אַ צְוֵוייטְן וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, וֶועסְטוּ זֶען וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ, קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָׁמַיִם**

# קפז

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו י"ב אֲדָר ב' (שַׁבָּת זָכוֹר) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**פַארְוָואס** דַארְפְסְטוּ זַיין אַזוֹי מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג? פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי גֶעפַאלְן, וְכוּ'? דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעשֶׁענְקְט אַזַא טֵייעֶר וַוייבּ מִיט לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ מִיט זֵיי זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן; ס'אִיז אַ מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן בַּאצָאלְט אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דִי וֶועלְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל אוּמְפַארְהֵייַראטֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער; עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹי פִיל פָארְפָאלְק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן עֶנְג; אוּן דִיר הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן מִיט אַזַא חָשׁוּבֶע פְרוֹי, מִיט אַזֶעלְכֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט נָאךְ זַיין צוּבְּרָאכְן? דוּ

זָאלְסְט נָאךְ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג? פַארְוָואס, וַוייל סְ'פֶעלְט דִיךְ אַפָּאר דָאלֶער? פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דִי חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ אַגָדָה) פַארְוָואס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי מָן אֵיינְמָאל אַ יָאר פַאר אַ גַאנְץ יָאר? פַארְוָואס הָאט דָאס גֶעדַארְפְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג? נָאר כְּדֵי אַ אִיד זָאל אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וֶועט עֶר מֵיינֶען אַז דֶעם טָאג וֶועט מֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁרֶעקְן, אוּן דִי אוֹיגְן זָאלְן זַיין אַרוֹיפְגֶעקוּקְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיבֶּערְדֶעם, פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. יֶעדְן טָאג בֶּעטְן רַחְמִים וְתַחֲנוּנִים

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן. שִׁיק מִיר אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן, וָוארוּם דוּ וֵוייסְט אִיךְ וִויל טוּן דַיין רָצוֹן, נָאר דִי פַּרְנָסָה שְׁטֶערְט מִיר. גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, מִיָּדְךָ הַמְלֵאָה וְהָרְחָבָה הַפְּתוּחָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּם קַיין מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם! נָאר דוּ אַלֵיין זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דֶעם שֶׁפַע, וְכוּ', וְכוּ'. אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג. אוּן וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג פַּרְשַׁת הַמָּן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר מוּבְטָח אַז עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילֶעכְדִיגְן תָּמִיד**

# קפח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו י"ב אֲדָר ב' (שַׁבָּת זָכוֹר) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז אַ שֵׁייגֶעץ פַּייפְט וְכוּ'. עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז מֶען פַּייפְט אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ קְלִיפּוֹת מִיט מַשְׁחִיתִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַּייפְן וְכוּ' מִיטְן מויל וְכוּ'. בִּכְלַל אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידֶל עֶרְלִיךְ.

**זֶע** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה). אִיבֶּערְדֶעם זֶע דוּ אוֹיכֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּגָמִים וָואס דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן בִּיז יֶעצְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילֶעכְדִיגְן תָמִיד**

# קפט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו י״ב אֲדָר ב׳ (שַׁבַּת זָכוֹר) ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ; גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, נֶעבְּן דִיר, מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אוּן מְשַׂמֵּחַ אוּן מְקַרֵב צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק, אוּן דֶער עִיקָר פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק הָאט גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ״ג) אָוֶועקְוָוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זָאגְט זָאל מֶען מְקַיֵּים זַיין, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען נֶעמֶען דֶעם שִׂיחוֹת הָרַ״ן מִיטְן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן אוּן מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זַיין אַן אֱמֶת׳ער עֶרְלִיכֶער אִיד, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זַיינֶער קֶען מֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד ״אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן אַסַאךְ חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן אוּן עֶר

אִיז מְקַיֵּים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וֶועט עֶר בְּוַודַּאי זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן בֶּעט נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

מֶען זָאל נָאר הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קצ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו י"ב אֲדָר ב' (שַׁבַּת זָכוֹר) ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר ווִי עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִיךְ אַזַא גֵיאוּת אוּן אַזַא יֵשׁוּת אוֹיבֶּעט צוּ וֶועלְן זַיין אַ מְפוּרְסָם וְכוּ' וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) וְיֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רֶבִּי, שֶׁלִּימוּדָם מֵאֵלּוּ הַמּוֹתָרוֹת. וְלֹא דַי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים, וְהֵם נוֹטְלִים גְדוּלָּה לְעַצְמָן, לְהַנְהִיג הָעוֹלָם וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

ס'אִיז דָא מַנְהִיגִים וָואס רוּפְן זִיךְ רֶבִּי, לֵיידֶער הָאבְּן זֵיי מוּתְרוֹת אִין קָאפּ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פִּירְן, ווִי קֶענֶען זֵיי פִּירְן אַנְדֶערֶע? עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע תַּאֲוָוה צוּ הָאבְּן אַ נָאמֶען וְכוּ', צוּ הָאבְּן אַ יֵשׁוּת אוּן אַ גֵיאוּת וְכוּ', אָבֶער עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג דֶער שָׁעָה דֶער רֶגַע וָואס עֶר וֶועט מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, וָואס פַּאר אַ בּוּשׁוֹת אוּן חֶרְפּוֹת עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶוען מֶען וֶועט אִים פְּרֶעגְן אוֹיבְן אִין הִימְל דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח "עֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ! עֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ! גְּמָרָא שֶׁלָּמַדְתָּ וְכוּ' וְכוּ'!", וָואס וֶועט עֶר עֶנְטְפֶערְן?

מִיר לֶעבְּן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם יֶעדֶער סֶעקוּנְדֶע מִיט נִיסֵי נִסִים, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר וֶועט לֶעבְּן אֵייבִּיג; ס'פַּאלְט אִים נִישְׁט אַיין אַז אַ יֶעדֶע סֶעקוּנְד קֶען מֶען אִים רוּפְן אַרוֹיף צוּרִיק אוֹיבְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דָאס ווִיסְן וָואלְט דָאס גַאנְצֶער לֶעבְּן אִים גֶעגַאנְגֶען אַנְדֶערְשׁ; וָואלְט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ; אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ "וואוּ בִּין אִיךְ? וָואס בִּין אִיךְ וְכוּ' וְכוּ'?", דֶעמָאלְטְס וָואלְט שׁוֹין דֶער לֶעבְּן אִים גֶעגַאנְגֶען אַנְדֶערְשׁ.

אֶמֶת אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוַות עֲשֵׂה, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וָואס אַ מֶענְטְשׁ

רֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִמְשָׁךְ נָאכְן דִיבּוּר; אָבֶּער אִיךְ דַארְף נָאר רֶעדְן מִיט יֶענֶעם מְגַלֶּה זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אָבֶּער אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין גְרֶעסֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ׳, אָדֶער אִיךְ בִּין שֶׁענֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ׳? אַז אָךְ און וויי וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אַזוֹי! עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דוּרְכְגֶעלֶערְנְט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ הֲלָכוֹת וְאַגָּדוֹת בְּרֵייתוֹת וְתוֹסֶפְתּוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָבוּק אִין חַי הַחַיִּים בּוֹ יִתְבָּרֵךְ מַמָּשׁ נִכְלַל גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אִין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא בְּבִיטוּל כָּל הַרְגָשׁוֹתֵיהֶם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְרָאכְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז זֵיי זֶענֶען דִי אַרְגְסְטֶע פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד און וויינֶען, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פַאר דִיר! וויאַזוֹי הָאסְטוּ גֶעקֶענְט בַּאשַׁאפְן אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה וְכוּ׳ וְכוּ׳!?" דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ בַּיי יֶעדְן צַדִיק און צַדִיק.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר ווייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָוארוּם עֶר זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ב) דֶער עִיקָר גְדוֹלָה וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל פוּן אַ צַדִיק אִיז שִׁפְלוּת. אִיבֶּערְדֶעם וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פַּאלְט אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶתְ׳ער שִׁפְלוּת, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶען דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז אִין שֶׁקֶר אִין לִיגְנְט וְכוּ׳

וְכוּ׳, און כְּדֵי צו פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע מַעֲשִׂים אִיז עֶר מְקַרֵב נָאךְ מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן אִיד אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע עֲווֹנוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל״ג) ״עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ״, דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲווֹנוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעפִירְט אַלֵיין, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אִים, און אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי זִיךְ וֶועט דֶער גַאנְץ לֶעבְּן דַיינֶע גֵיין אַנְדֶערְשׁ. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, לָאז דִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, מַאךְ אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אִין לֶעבְּן, וֶועסְטוּ זֶען ווִי גוּט סְ׳וֶועט דִיר זַיין.

**לֶערְן** יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיט תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה כְּדֵי דוּ זָאלְסְט מְסַיֵּים זַיין יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ״י. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי מִנַּדְבוֹרְנָא זי״ע, הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער דֶער בַּעַל עֲצֵי חַיִּים זי״ע און דֶער בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זי״ע וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער און זֵייעֶר פָאטֶער דֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב זי״ע הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן אִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט,

"קִינְדֶערלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י" - דָאס הֵייסְט, שְׁטָאפְּט זִיךְ מִיט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י - "וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ גְדוֹלִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוִיסְט וְוִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וואוֹינְט". וָוארוּם מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֱמוּנָה אוֹיךְ נִישְׁט רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן. אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) **אַז מֶען דַארְף זַיין אַ צַדִיק מִיט אַ לַמְדָן, אַ לַמְדָן מִיט אַ צַדִיק, אַ לַמְדָן אַלֵיין אִיז גָארְנִישְׁט.**

**מֶען** וֵוייסְט אַז אִין לִיטָא פְלֶעגְן זַיין גוּטֶע קֶעפּ, מֶען הָאט גֶעקֶענְט זִיצְן מִיט אַ גְמָרָא לֶערְנֶען שַׁבָּת אוּן פַארְרֵייכֶערְן אַ צִיגֶערֶעטְל רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן; עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער עֶר הָאט מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶועזְן רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן; אָן יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט מֶען גָארְנִישְׁט. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ז) **דָאס יִרְאָה וְאַהֲבָה אִיז מֶען מְקַבֵּל נָאר דוּרְךְ הִתְקַרְבוּת צוּם צַדִיק.**

**אִיבֶּערְדֶעם** קֶענְסְטוּ וִויסְן בַּיי דִיר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט בֶּאֱמֶת מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָדֶער נִישְׁט אָדֶער דוּ לֶעבְּסְט אִין אַ דִמְיוֹן, דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אַיין אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד, אִיז דָאס וֶועט ס'פַּאלְט אוֹיף דִיר אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, אוּן דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ זֶען וֶוער דוּ בִּיסְט, אוּן דוּ דֶערְמַאנְסְט זִיךְ דַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים וָואס עֲדַיִן שְׁטִינְקְט

דָאס וְכוּ' וְכוּ'. דוּ מֵיינְסְט דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ דַרְגָא וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דֶערְוַוייל שְׁטִינְקְט דַיינֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ', דַיין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ'. ווִי הָאסְטוּ אַן עַזּוּת אַזוֹי צוּ רֶעדְן וְכוּ' מִיט אַזַא מִין גַדְלוּת וְכוּ', אַז דוּ בִּיסְט מְתַקֵּן נְשָׁמוֹת וְכוּ' וְכוּ'? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ פָּשׁוּטֶער עַם הָאָרֶץ! דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דוּרְכְלֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא וְכוּ', דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דוּרְכְלֶערְנֶען אַ תּוֹסְפוֹת וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין עוֹסֵק אִין תִּיקוּנִים? גְלֵייבּ מִיר וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג אוּן חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, וֶועט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֵיין אַנְדֶערְשׁ, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט אִינְזִינֶען הָאבְּן פוּן אַן אַנְדֶערְן, דוּ וֶועסְטוּ אִינְזִינֶען הָאבְּן נָאר זִיךְ.

**אִיךְ** הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים בְּמֶשֶׁךְ דִי לֶעצְטֶע פוּפְצִיג יָאר, אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אִיךְ בִּין שְׁטָאלְץ מִיט דִי תַּלְמִידִים, טַאקֶע אֶמֶת עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ תַּלְמִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפַאלְן וְכוּ', זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען זֵיי קֶענֶען אוֹיבֶעט זַיין רֶבִּי'ס זֵיי קֶענֶען אוֹיבֶעט זַיין מַנְהִיגִים, אַז אָךְ אוּן וֵויי וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן אַלְץ פַארְפִירְט.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אוֹיבּ מֶען שַׁיינְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן אַז עֶר זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער שַׁקְרָן, אוֹיבּ מֶען שַׁיינְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן יֶעדְן טָאג מֶען זָאל לֶערְנֶען לְכָל הַפָּחוֹת אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, אַ שִׁיעוּר אוּן מִשְׁנָה, אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא

וְכוּ', אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער שַׂקְרָן, אוֹיבּ מֶען שַׁיינְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ כִּי הוּא זֶה אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער שַׂקְרָן וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אֲפִילוּ אֵיין הֲלָכָה, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן קַיין סְעִיף קָטָן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַ אִיד אִיז דֶער וָואס עֶר פִירְט זִיךְ עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם לִימוּד בַּיי דִיר אִין הַארְץ, וֶועסְטוּ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# קצא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁמִינִי י"ז אֲדָר ב' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְטוּ** וויסְן דֶעם עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דֶעם דַף הַיוֹמִי הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי פַּארְטֵיי פוּן אַגוּדָה, כָאטְשׁ זֵיי הָאבְּן זִיךְ אִין דֶעם אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט, אָבֶער דָאס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּן מִיט זֵיי, אֱמֶת צַדִיקִים הָאבְּן גֶעמַאכְט

אַ גֶדר כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט נִתְפָּס וֶוערְן מִיט דִי אַגוּדָה, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס דֶער לִימוּד דַף הַיוֹמִי אִיז אַ מַתָּנָה גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר רֶבִּי מֵאִיר שְׁפִּירָא זַצַ"ל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען כְּסִדְרָן.

אִין פּוֹילְן אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן שְׁטֶעטֶעלֶע אַ בְּרֶסְלְבֶער שְׁטִיבְּל פַאר דִי קְרִיג, זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַפָּאר טוֹיזְנְט אִין צָאל, אוּן זַיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואו צוּ דַאוֶוענֶען אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן אוֹיף אוּמַאן דִי גְרֶענִיץ אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁפַּארְט, אוּן קֵיינֶער הָאט זַיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן וְכוּ', נָאר רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זַצַ"ל הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זַיין גְרוֹיסְן בִּנְיָן אִין לוּבְּלִין, דִי יְשִׁיבָה חַכְמֵי לוּבְּלִין הָאט עֶר אַיינְגֶעלַאדֶענְט אַלֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים פוּן גַאנְץ פּוֹלִין דָארְטְן צוּ מַאכְן דֶעם קִיבּוּץ, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט אוֹיבֶעט מִיטְגֶעדַאוֶוענְט אַפָּאר יָאר מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ קִידוּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם, וָוארוּם אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים וְכוּ', אוּן ווִי בַּאוואוּסְט זֶענֶען דִי טֶבַע פוּן פּוֹילִישֶׁע זֵייעֶר אַגְרֶעסִיוו וְכוּ', אוּן רֶעדְן מִיט בְּרֵייטְקֵייט וְכוּ', אוּן מִיט עַזוּת וְכוּ', אִיז בַּיי זַיי גֶעוֶוען דִי בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים אַ גֶעלֶעכְטֶער, מֶען הָאט זַיי גֶערוּפְן מִיט אַלֶע מִינֵי צוּנֶעמֶען וְכוּ', אוּן דָא דֶער גְרֶעסְטֶער מְפוּרְסָם אִין פּוֹילְן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זַצַ"ל נִישְׁט נָאר עֶר גֶעבְּט אַוֶועק זַיין יְשִׁיבָה פַאר דִי בְּרֶסְלְבֶער אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הָאט מִיטְגֶעדַאוֶוענְט

מִיט זַיי, אוּן עֶר הָאט נָאךְ מְחַבֵּר גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע נִיגוּנִים וָואס וֶוערְט גֶעזִינְגֶען בִּיז הַיינְט צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע קִידּוּשׁ שֵׁם רַבֵּינוּ אִין גַאנְץ פּוֹלִין, אוּן מֶען הָאט אִים אַזוֹיפִיל אָפְּגֶערֶעדְט, זַיינֶע יְדִידִים, וָואס דַארְף עֶר גֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן פַאר דִי בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים וְכוּ'?, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר יָא גֶעגֶעבְּן; הָאט גֶעזָאגְט דֶער גְרוֹיסֶער חָסִיד ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער זַ"ל [הי"ד], וֶוען רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זַצַ"ל אִיז אַרוֹיס פְּרָאקְלָאמִירְן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי מְקַרֵב גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אַלֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים פוּן פּוֹלִין.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז שְׁלֶעכְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף הַיּוֹמִי, אַדְרַבָּה אַ אִיד דַארְף וויסְן אַ דַף גְמָרָא מוּז מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיף אַזַא אוֹפֶן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ מְחוּבָּר צוּם דַף גְמָרָא, אַנְשְׁטָאט צוּ לֵיינֶען לְהַבְדִּיל אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת יֶעדְן טָאג אַ צַייטוּנְג, אִיז בֶּעסֶער יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר, מוּז מֶען אָנְקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּם דַף גְמָרָא. אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי אַגוּדָה, אוּן דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאר אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין דֶעם, אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי פַארְוָואס צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַקֶעגְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז

מֶען זָאל נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן נָאךְ דִי אַגוּדָה, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גֶערֶעכְט וְכוּ' וְכוּ'. אָבֶער דִי פַּאקְט אִיז, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁלוֹמְקֶע זְעוִוילֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גַבַּאי'ן אַמָאל, אַז אוּיב אֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, הָאט עֶר אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה וְכוּ', עַד כְּדֵי כַּךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁטַארְק אַז אַ אִיד זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא.

**אִיךְ** הָאבּ דִיר זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין פָּאלִיטִיק, סְ'אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְז, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר מִיט דִי גְמָרָא. גְלֵייבּ מִיר רַב הוּנָא וְרַב אַשִׁי, אַבַּיֵי וְרָבָא, וְכוּ', וְכוּ', טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם נִישְׁט... אַדְרַבָּה אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוּיף זִיךְ אַ גְרוֹיסְן לֶעבְּט.

**זְוידֶערוּם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין "סֵפֶר הַחַיִּים" פוּן דֶעם בְּרוּדֶער פוּן דֶעם מַהֲרַ"ל מִפְּרָאג זי"ע אַז גְ'מָ'רָ'א' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אֻ'וּרִיאֵל, אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוּיף זִיךְ דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מֶען זָאגְט אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, "בְּשֵׁם הַוַיָ"ה אֱלֹקֵי

יִשְׂרָאֵל מִימִינִי מִיכָאֵל וּמִשְּׂמֹאלִי גַבְרִיאֵל וּמִלְּפָנַי אוּרִיאֵל וּמֵאֲחוֹרַי רְפָאֵל וְעַל רֹאשִׁי שְׁכִינַת אֵל" דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי פִּיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, אוּן דִי שְׁכִינָה רוּט אוֹיף אִים. אִיבֶּערְדֶעם כַאפּ זִיךְ אַרוֹיף אוּן לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## קצב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר שְׁמִינִי י"ז אֲדָר ב' ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נֶעם אַ מַסֶכְתָּא אוּן הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן דַף נָאךְ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין דִי מַסֶכְתָּא זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל דִי מַסֶכְתָּא, אוּן נָאכְאַמָאל דִי מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ זוּטָא קֹהֶלֶת פָּרָשָׁה ט') אֵינוֹ דוֹמֶה מִי שֶׁשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְמִי שֶׁשּׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת; וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז מְסַיֵים אַ

מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר גָאר
אַ אַנְדֶערְן סָארְט טַעַם.

**גְלַייבּ** מִיר אוֹיבּ מֶען וִויל קֶען מֶען מְסַיֵים זַיין שַׁ״ס הוּנְדֶערְט
און אֵיין מָאל זֵייעֶר גְרִינְג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דֶעם
רָצוֹן, מֶען נֶעמְט אֵיין מַסֶכְתָּא, און מֶען חַזֶר'ט עֶס אִיבֶּער
הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה, און
נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען אַ צְווֵייטֶע מַסֶכְתָּא און מֶען חַזֶר'ט עֶס
אִיבֶּער הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, און נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען אַ
דְרִיטֶע מַסֶכְתָּא און מֶען חַזֶר'ט עֶס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט און אֵיין
מָאל, און אַזוֹי אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען, שְׁטֶענְדִיג טְרָאגְט
מֶען מִיט זִיךְ מִיט אַ גְמָרָא, און מֶען בְּרֶענְגְט נִישְׁט אָן דִי צַייט,
מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס הֵייסְט לִימוּד גְמָרָא, דֶער
הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) דָאס דִי קְלִיפָּה
וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין גְרָאבֶּע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע
עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ' אִיר נָאמֶען בַּאטְרֶעפְט כְּמִסְפָּר תַּלְמוּ"ד, אַז
מֶען לֶערְנְט תַּלְמוּ"ד גְמָרָא, אִיז מֶען אִיר מַכְנִיעַ אִינְגַאנְצְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אַ מַסֶכֶת, און
חַזֶר הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן
אַ טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן, וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג,
אַדְרַבָּה הָאסְט פַּאר זִיךְ אַ צִיל אִין לֶעבְּן מְסַיֵים זַיין אַ
מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, עֶס וֶועט דִיר אַזוֹי אוֹיפְבּוֹיעֶן,
און דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קצג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר טָהֳרָה ד' נִיסָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין זִיךְ, אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן אָנְפַאנְג, פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט וָואס לוֹיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָאס דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת הַתְּשׁוּבָה, מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה - פַּארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶער מַעְלָה, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען זַיין עָבַר וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט תְּשׁוּבָה טוּן פוּן רוֹב יֵאוּשׁ, אָבֶּער אַזוֹי וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת הַתְּשׁוּבָה, אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הָאט נִישְׁט בִּכְלַל קֵיין עָבַר.

**אִיךְ** ווִיל דִיר זָאגְן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אוֹיפְן תַּכְלִית, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג אוּן דֶער שָׁעָה אוּן דֶער רֶגַע וָואס עֶר וֶועט מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, ס'וֶועט אִים גָארְנִישְׁט נוּצְן, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דָא אוֹיף דֶעם עוֹלָם אַיינְקוֹיפְן סְחוֹרָה, וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען זֵייעֶר

מַצְלִיחַ אויף יֶענֶער וֶועלְט, דִי סְחוֹרָה אִיז מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס יֶעדֶער מִצְוָה אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסְן לֶעבְּט, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קי"ט) "כָּל מִצְווֹתֶיךָ אֱמוּנָה" יֶעדֶער מִצְוָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס דָאס אִיז מְבֹאָר וּמְפֹרָשׁ וִוי אַזוֹי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְווֹת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיז דָאס אִידִישֶׁע לְבוּשׁ, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט בַּייטְן דֶער אִידִישֶׁער לְבוּשׁ, וִוי דִי חַזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה) לֹא נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם אֶלָּא עַל שֶׁלֹּא שִׁינּוּ אֶת לְבוּשָׁם; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נָאכְגֶעמַאכְט דִי מִצְרִיִּים, גֵיין אָפְּגֶעשָׁארְן דִי בָּארְד אוּן דִי פֵּיאוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ אִידִישֶׁער לְבוּשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג' אוֹת ב') דָאס דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וִויפִיל מֶען הֵייבְּט אָן צוּ זִיךְ שֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַזוֹי הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן אָפְּצוּקִילְן אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן עֶס קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין נִישְׁט רִירְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער אִידִישֶׁער לְבוּשׁ, אוּן דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יט) "לֹא תַקִּיפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם וְלֹא

תַשְׁחִית אֶת פְּאַת זְקָנֶךָ", ווי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק י"ב מֵהִלְכוֹת עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים הֲלָכָה א') אֵין מְגַלְּחִין פְּאַתֵי הָרֹאשׁ כְּמוֹ שֶׁהָיוּ עוֹשִׂין עוֹבְדֵי כוֹכָבִים שֶׁנֶּאֱמַר "לֹא תַקִּיפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם" וְחַיָּב עַל כָּל פֵּאָה וּפֵאָה, לְפִיכָךְ הַמְגַלֵּחַ שְׁנֵי צְדָעָיו אֲפִילוּ בְּבַת אַחַת וְהַתְרָאָה אַחַת לוֹקֶה שְׁתַּיִם, אֶחָד הַמְגַלֵּחַ הַפֵּאוֹת בִּלְבַד וּמֵנִיחַ שֵׂיעָר כָּל הָרֹאשׁ, וְאֶחָד הַמְגַלֵּחַ כָּל הָרֹאשׁ כְּאֶחָד לוֹקֶה, הוֹאִיל וְגִילַּח הַפֵּאוֹת, וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. אַז מֶען שְׁנַייְדְט אָפּ דִי פֵּיאוֹת אִיז מֶען עוֹבֵר אֵיין לַאו אוּן מֶען אִיז חַיָּיב מַלְקוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים זַיין אָפְּשְׁנַיידְן דִי פֵּיאוֹת, מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז עוֹבֵר דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מֶען נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נָאר מֶען וֶועט פַארְפְּלָאנְטֶערְט וֶוערְן מִיט גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) שֶׁכַּךְ אוּמָּנְתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד; דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ הַיינְט טוּ אַזוֹי וְכוּ', אוּן מָארְגְן רֶעדְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ טוּ אַזוֹי וְכוּ', בִּיז עֶר זָאגְט אִים נָאכְדֶעם גֵיי דִין עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִיצְלָן, עֶר הֵייבְּט אָן מִיט קְלֵיינִיקֵייטְן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט, בִּיז עֶר פִירְט אִים אַרַיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, זָאלְסְט דָאס נִישְׁט אָנְרִירְן דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן רוּפְן אָן דִי

פֵּיאוֹת "סִימָנִים", וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוער אִיז אַ אִיד און וֶוער אִיז לְהַבְדִיל אַ גוֹי, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בְּמֶשֶׁךְ צְוֵויי טויזֶענְט יָאר אִין גָלוּת נָאר וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אִידִישְׁן טְרַאכְט און לְבוּשׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט מִיט דִי פֵּיאוֹת, בִּיז דֶער עֶרֶב רַב דִי פַארְדָארְבֶּענֶע רַע-בָּנִים הָאבְּן זֵיי אִיבֶּערְגֶעפִירְט פוּן אִידִישְׁן וֶועג, קֵיינֶער כָּאפְּט נִישְׁט דָאס פְרֵייעֶ מִינִים און אַפִּיקוֹרְסִים הָאבְּן גֶעקֶענְט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדָת מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וּבִפְרַט דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען פַארְפוֹילְטֶע רַע-בָּנִים, קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, זֵיי הָאבְּן מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָת, וָוארוּם דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן זֶענֶען גְרוֹיסֶע תְּמִימִים, און זֵיי הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף "כְּבוֹד הָרַב".

**וָואס** אִין דֶער אֱמֶת'ן וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (רַעְיָא מְהֵימְנָא נָשֹׂא קכה:) וֶוער זֶענֶען דִי עֶרֶב רַב? דִי פַארְפוֹילְטֶע רַע-בָּנִים, וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעפוֹילְט מִיט כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, זֵיי זֶענֶען דִי מַנְהִיגִים, און זֵיי פַארְפִירְן דָאס אִידִישֶׁער פָאלְק אִין קְרִימֶע וֶועגְן, בִּיז זֵיי נֶעמֶען זֵיי אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, וְאִתְהַדְרוּ אִינוּן עֶרֶב רַב רַעְיָין עַל יִשְׂרָאֵל, עָאנָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, דְאִתְּמַר בְּהוּ (יְחֶזְקֵאל ל"ד) "וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם" וְכוּ', [דִי עֶרֶב רַב זֵיי וֶוערְן רוֹעִים עַל יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם צֹאנוֹ שֶׁל הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא], וְאִינוּן עֶרֶב רַב, אִינוּן עֲתִירִין, בְּשַׁלְוָה, בְּחֶדְוָוא,

בְּלָא צַעֲרָא, בְּלָא יְגוֹנָא כְּלָל, [און דִי עֶרֶב רַב דִי פַּאלְשֶׁע מַנְהִיגִים זַיי זֶענֶען עֲשִׁירִים און זִיצְן בְּשַׁלְוָוה מִיט שִׂמְחָה אָן קַיין צַעַר און אָן קַיין טְרוּיעֶר], גַּזְלָנִין מָארֵי שׁוֹחַד, דְּאִינוּן דַּיָינִין רֵישֵׁי עַמָּא. (בְּרֵאשִׁית ו) "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם", עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (אֵיכָה א, ה) "הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ", [זַיי זֶענֶען גַזְלָנִים און נֶעמֶען שׁוֹחַד, און זַיי זֶענֶען דִי דַיָינִים און דִי פַּארְפִירֶערְס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל].

און אִיךְ קֶען מֵעִיד זַיין אוֹיף דֶעם, אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַ טֵייעֶר פָּאלְק, קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, וּבִפְרַט דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַלֶע דוֹרוֹת מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט בָּארְד און פֵּיאוֹת, בִּיז זַיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און דִי רְשָׁעִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט רַע-בָּנִים אִין יֶעדְן שְׁטָאט און שְׁטֶעטֶעלֶע, קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים וָואס זַיי הָאבְּן אָפְּגֶעקִילְט דֶעם הֲמוֹן עַם פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶעזֶען אִין דָאס שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, דִי מִקְוֶה אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַ גֶעלֶעבְטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער אִין דִי אוֹצָרוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִקְוֶה, נָאר אַן אַמְבַּטְיָא, און מִיט דֶעם הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אִיסוּר כְּרֵיתוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֵירוּב, און מִיט דֶעם הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט חִילוּל שַׁבָּת, און אָךְ און וֵויי וִוי דֶער שׁוֹחֵט הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, אַ קְלֵיין נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁל מִיט קוּרְצֶע הוֹיזְן סַאנְדְלֶען אָן זָאקְן, מִיט אַ גְרוֹיסְן

קָאפּ הָאר, וָואס אִינְמִיטְן אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין פִּיצְל קַאפֶּעלֶע וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אַרוּם אִים קוּקְן וואוּ דֶער קַאפֶּעלֶע אִיז, און דֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער שׁוֹחֵט, וָואס מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ שְׁחִיטָה אִיז דָאס גֶעוֶוען, פָּשׁוּט גֶעשְׁנִיטְן, נִישְׁט גֶעשָׁחְטְ'ן, עֶר הָאט מַאֲכִיל גֶעוֶוען טְרֵיפוֹת מִיט נְבֵילוֹת, און אוֹיף יֶעדְן פְּרַט פוּן אִידִישְׁקֵייט הָאט עֶר מֵקִיל גֶעוֶוען, און עֶר שְׁרֵייט נָאךְ אַז מֶען רוֹדֶפְ'ט אִים, פַארְוָואס? וַוייל מֶען וִויל אִים נִישְׁט פָאלְגְן, אַז אָךְ און וַויי אַז דָאס זֶענֶען דִי רַבָּנִים, עֶר רוֹדֶפְט אוּנְז עַד לְחָרְמָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה און אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וְכוּ' וְכוּ', און יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט אִידִישְׁקֵייט גְרָאבְט עֶר אִינְטֶער און מַסֶרְ'ט וְכוּ', וְכוּ'.

**פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן** הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן אַ קְהִילָה פוּן הֵיימִישֶׁע אִידְן, אַלֶע גֵייעֶן זֵיי מִיט בָּארְד און פֵּיאוֹת, מִיט שְׁטְרַיימְל און וַוייסֶע זָאקְן, און דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אָפְּגֶעשוֹירְן, און דִי אִינְגְלֶעךְ גֵייעֶן מִיט גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת, און דִי מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן מִיט גְרוֹיס צְנִיעוּת, אִיז דֶען אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס דֶער רָשָׁע מְרוּשָׁע רוֹדֶפְ'ט אוּנְז? אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִידִישְׁקֵייט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן דַיין פִּינְטֶעלֶע אִידִישְׁקֵייט, זָאלְסְט נִישְׁט רִירְן דִי

פֵּיאוֹת אוּן דִי בָּארְד בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישְׁן לְבוּשׁ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישְׁן שְׁטוּב, שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט דִיר צוּ, "הֵייבּ אָן אִינְטֶער צוּ שֶׁערְן דִי בָּארְד מִיט דִי פֵּיאוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אַ בֶּעסֶערְן שִׁידוּךְ אוּן אַ בֶּעסֶערְן פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ'!", דָאס אִיז אַלֶעס אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן אוּן אַן אַיינְרֶעדֶענִישׁ פוּן דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם'ס רַבָּנִים, וָואס זֵיי קִילְן אָפּ דָאס אִידִישׁ פָאלְק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן דִי חַזַ"ל (שַׁבָּת קלט.) תַּנְיָא רַבִּי יוֹסִי בֶּן אֱלִישָׁע אוֹמֵר, אִם רָאִיתָ דוֹר שֶׁצָּרוֹת רַבּוֹת בָּאוֹת עָלָיו צֵא וּבְדוֹק בְּדַיָּינֵי יִשְׂרָאֵל, שֶׁכָּל פּוּרְעָנוּת שֶׁבָּאָה לְעוֹלָם לֹא בָּאָה אֶלָּא בִּשְׁבִיל דַיָּינֵי יִשְׂרָאֵל; דָאס אִידִישׁ פָאלְק אִיז אַ טֵייעֶר אוּן אַ הֵיילִיג פָאלְק, וֶוען נִישְׁט דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואלְטְן אַלֶע שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אָבֶער וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט רֶעדְן בָּרַבִּים וַוייל מֶען קֶען דִיךְ אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסְן גֶעלְט שְׁטְרָאף, "הַיִתָּכֵן דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט אוֹיף אַ רַב מִטַעַם הַמְדִינָה?!, וִוי וַואגְסְטוּ זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטְן פוּן דִי מְדִינָה?!", וָואס אוֹיף דֶעם בַּאקְרִיגְט מֶען אַ גְרוֹיסְן שְׁטְרָאף, אַזַא פָּנִים הָאט דֶער דוֹר; וָואס דָאס אִיז וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מט:) פְּנֵי הַדוֹר כִּפְנֵי הַכֶּלֶב; אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט הָאט נִישְׁט קַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אַזוֹי זֶענֶען דִי מַנְהִיגִים וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ בֶּעט דִיךְ

זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַיינְרֶעדְן פוּן דִי קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**נִישְׁט** אוּמְזִיסְט וֶוערְן כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל אָנְגֶערוּפְן "עַם קְשֵׁה עוֹרֶף", אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען עַקְשָׁנִים, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן קַיין אִידִישְׁקֵייט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, הָאט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַן עֵצָה גֶעגֶעבְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, פַאלְשֶׁע רַבָּנִים, וָואס זֵיי קִילְן אָפּ דָאס אִידִישׁ פָאלְק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן נָאר זֵיי זֶענֶען מַעֲבִיר עַל הַדַת, רַחְמָנָא לִיצְלָן.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען גֵיין מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת בְּפַרְהֶסְיָא, אוּן דוּ וֶועסְט אָפְּהִיטְן דִי מִצְווֹת מִיט שְׁטָאלְץ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי רְשָׁעִים וֶועלְן הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער מַפָּלָה, וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט 'אַ סְגוּלָה אַקֶעגְן דִי רְשָׁעִים אִיז נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר זֵיי'.

**אַדְרַבָּה** קוּם וֶועסְטוּ זֶען וָואס אוּנְז הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אַ הֵיילִיגֶע קְהִילָה אִין דָאס שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, וָואס דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת צְוֵויי עֵדוֹת קְדוֹשׁוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, אוּן דִי טוּנִיסֶ'ער אִידְן, דָארְטְן הָאט מֶען זֵיי אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָארְטְן הָאט מֶען זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה, אוּן דַוְיקָא אִין דֶעם פְּלַאץ הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ לִגְיוֹן שֶׁל מֶלֶךְ, וָואס מֶען שֶׁעמְט זִיךְ

פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁטְרָאף (רב).

**אוּן** מִיר הָאבְּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע מִיט זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶערְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, אוּן אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אוּן אַ יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, אוּן אַ כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה פוּן אִיבֶּער פוּפְצִיג אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי לֶערְנֶען דִי הוֹרָאָה, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם אַ כּוֹלֵל פַאר בַּעֲלֵי בַּתִּים וָואס דַארְפְן לֶערְנֶען קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט אִינְגֶעלַייט, אוּן מִיר הָאבְּן אַ "בֵּית הוֹרָאָה" מִיט פִיר מוֹרֶה צֶדֶק יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען סְמִיכָה פוּן גְדוֹלֵי הָרַבָּנִים, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען בַּיי זֵיי שִׁימוּשׁ, אוֹיסֶער דֶעם הָאבְּן מִיר אַ "בֵּית הַתַּבְשִׁיל" וָואס מֶען טֵיילְט אוֹיס יֶעדְן אָוֶועְנְט קָרוֹב צוּ טוֹיזֶענְט פָּארְצִיעֶס וַוארִימֶע עֶסְן, אוּן נָאךְ מוֹסְדוֹת פוּן צְדָקָה וָחֶסֶד. אַדְרַבָּה קוּם אַרָאפּ וֶועסְטוּ זֶען מִיט דַיין אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס דוּ וֶועסְט דָארְטְן זֶען, אוּן דָאס אַלֶעם הָאבְּן מִיר בַּאוִויזְן מִיט אוּנְזֶער גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת, אוּן דֶער עִיקֶר נִישְׁט הִתְפַּעֲלוּת צוּ הָאבְּן פוּן דִי רַע-בָּנִים, וָואס זֵיי נַארְן אָפּ דִי וֶועלְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֶעב נִישְׁט אָפּ דַיין אִידִישְׁקֵייט פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, וֶועט דִיר ווּאוּיל זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קצד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר אַחֲרֵי ז' נִיסָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט גֶענוּג אָפְּדַאנְקֶען וָואס דוּ הָאסְט גֶעשִׁיקְט אַ בַּעַל מְלָאכָה זָאל פַארְעֶכְטְן בַּיי מִיר דִי מִקְוֶה, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשִׁיקְט אַ קוּנְטְרֵס אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט "דָאס בִּין אִיךְ", הֵייבּ אָן צוּ דְרִיקְן דֶעם קוּנְטְרֵס, ווארוּם דָאס וֶועט אָפְּעֶמֶען גָאר דִי וֶועלְט, וָוארוּם אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז נָאר וַוייל עֶר קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם וָואס יֶענֶער זָאגְט אוֹיף מִיר אוּן וָואס יֶענֶער הַאלְט פוּן מִיר וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּן דֶעם לַיידְט עֶר אַלֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד וַוייסְט אַז "דָאס בִּין אִיךְ" אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, דֶעמָאלְט לֶעבְּט עֶר אַ חַיִּים טוֹבִים.

אִיךְ מֵיין זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין דְרִיקְן נָאךְ קוּנְטְרֵסִים שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אַשֶׁר בַּנַּחַל" אוֹיף אִידִישׁ, וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן סֵפֶר, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסְן שָׁאד אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו וָואס עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעדְרִיקְט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען לַיידְט זִיךְ אָן אַזוֹיפִיל צָרוֹת בְּרוּחְנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

**הַיינְט** אַלֵיין אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען דְרֵיי מוֹרָא'דִיגֶע פָּארְכְּטִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, אֵיין אִיד הָאט זַייעֶר גֶעוֵויינְט עֶר לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל עֶר הָאט צוּטוּן מִיט דִי הַארְץ, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶעדִיצִין, אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפוּנֶען נֶעבֶעךְ אַז זַיין לֶעבֶּער נֶעבֶעךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט לֹא עָלֵינוּ; אֵיין נַיין אַ הַאלְבּ יֶערִיג קִינְד הָאט מֶען גֶעטְרָאפְּן אַ גֶעוִויקְס אִין זַיין קָאפּ, אוּן עֶר מוּז הָאבּ אַ דְרִינְגֶענְדְן אַפֶּעַרַאצְיֶע; אֵיין קְלֵיין קִינְד פוּן זִיבְּן יָאר הָאט מֶען גֶעמוּזְט אָפְּשְׁנַיידְן נֶעבֶעךְ בֵּיידֶע פִּיס; גְלֵייבּ מִיר אַז מֶען הֶערְט נָאר אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע גֶעוֵויינֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן, צֶעגֵייט שׁוֹין דָאס הַארְץ פַאר וֵוייטָאג, אוּן מֶען ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין גֶעלְט, נִישְׁט קַיין כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ', מַמֶשׁ גָארְנִישְׁט, נָאר דָאס בִּיסְל גֶעזוּנְט, אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, אוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט.

**אַזֶעלְכֶע** מַעֲשִׂיוֹת הֶער אִיךְ כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, ווִי הָאבְּן מֶענְטְשְׁן שֵׂכֶל?

זַיי זוּכְן מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת, זַיי ווִילְן אוֹיבֶעט עֶפֶּעס וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם פְּרוּבִּירְן זַיי יֶענֶעם אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן, אוּן זַיי רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם כָּל דָבָר אָסוּר, זַיי מֵיינֶען אַז מִיט דֶעם וֶועלְן זַיי גְרוֹיס וֶוערְן, זַיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואסְפַאַרַא טִיפְּשִׁים זַיי זֶענֶען, וֶוען אַ אִיד הָאט דֶעם אֶמֶת'ן יִשׁוּב הַדַעַת, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ

אוים דָאס הַארְץ פַאר אִים, וְויל עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין אִים, און מִכָּל שֶׁכֵּן זוּכְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין פֶעלֶערְס בַּיי יֶענֶעם און עֶר קְרִיגְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אַז וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אַנְטְלוֹיפְט פון מַחְלוֹקֶת און וִויכּוּחִים, און וְויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח**

## קצה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר אַחֲרֵי י' נִיסָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶען צוּ דֶערְהַאלְטְן און נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן בַּיי זִיךְ, עֶס קוּמֶען יֶעצְט הֵיילִיגֶע טֶעג, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס עֶס קוּמְט אִינְמִיטְן וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן שַׁבָּת, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל אִינְמִיטְן וָואךְ וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין זִיצְן בַּיים סֵדֶר און דֶעמָאלְט קוּמְט אַרָאפּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לֶעכְט פוּן הִימְל צוּם יֶעדְן אִיד, און מֶען שְׁפִּירְט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס הֵייסְט גַדְלוּת הַמּוֹחִין, מֶען דֶערְקֶענְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אָן אַן אוֹיסְנַאם בַּאקוּמְט בְּשַׁעַת'ן סֵדֶר אַ גֶעוַואלְדִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין פַארְגֶרֶעבְּטְקֵייט וְכוּ' וְכוּ' וָואס דָאס הֵייסְט גָלוּת מִצְרַיִם.

**אִיבֶּערְדֶעם** הֵייסְט דֶער שַׁבָּת פַּאר פֶּסַח שַׁבָּת הַגָּדוֹל, דֶער גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, וָואס דֶעם וָואךְ וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין מִצְרַיִם, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַרייִנְגֶעפַאלְן אִין זַיין בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאגְן חַזַ"ל (פְּסָחִים קטז:) בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין טוּמְאַת מִצְרַיִם, אִיבֶּערְדֶעם זַיי מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן פְרֵיילִיכְקֵייט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דַיין מִצְרַיִם וָואס דוּ בִּיסְט דָארְטְן אַרייִנְגֶעפַאלְן, אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט וֶוען אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הָאבְּן זַיי מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ בִּיזַת מִצְרַיִם, עֶס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיי אַ גְרוֹיסֶער שֶׁפַע, אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט דִיר אוֹיבֶּעט אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

**זָאלְסְט** לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וָוארוּם נָאר דָאס אִיז דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת, אוּן לְהֵיפַּךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי לִימוּדִים מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער אָרִימַאן, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַלְמוּד. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן אוּן דוּ וֶועסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד אוּן אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח**

# קצו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן עֶרֶב חַג הַפֶּסַח י"ג נִיסָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וְכוּ'.

**דַארְפְסְט** פַארְשְׁטֵיין אַז יֶעצְט אִיז פַאר פֶּסַח, אוּן יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן בְּקִיצוּר, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וויסְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ. זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, חָמֵץ: מֵיינְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן צוּבְרָאכְנְקֵייט, דָאס מוּז מֶען הַיינְט בַּיינַאכְט אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אוֹיסְרוֹימֶען פוּן הָאֶרֶץ, אוּן אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

**חָמֵץ**: מֵיינְט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְרוֹימֶען פוּן הָאֶרֶץ, אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה בְּעֵת בְּדִיקַת חָמֵץ, אוּן ווי עֶר הָאט דָאס דֶערְקְלֶערְט נָאכְדֶעם פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז בְּדִיקַת חָמֵץ מֵיינְט בּוֹדֵק זַיין נִישְׁט נָאר דִי שְׁטוּבּ עֶס זָאל זִיךְ

נִישְׁט גֶעפוּנֶען דָארְטְן קַיין חָמֵץ חַס וְשָׁלוֹם, נָאר בַּיי זִיךְ זָאל מֶען אוֹיסְרוֹימֶען דָאס עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְקֵייט, אוּן דָאס כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וָואס אִיז דָא אִין הַארְץ.

**אוּן** דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז בֵּיידֶע תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְקֵייט מִיט כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט זִיךְ נָאר וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל, אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אִיז לְטוֹבָה, אָבֶער וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן, דֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְבִּיטֶערְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, נֶערְוֶועז אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף יֶענֶעם, וְכוּ', וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם גֶעדֶענְקְזְשֶׁע גוּט אַז הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז דֶער צַייט וָואס אַ אִיד דַארְף אוֹיסְרוֹימֶען פוּן זִיךְ דִי חָמֵץ, וִוי דֶער תַּנָא הֵייבְּט אָן דִי מִשְׁנָה (פְּסָחִים ב') אוֹר לְאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹדְקִין אֶת הֶחָמֵץ לְאוֹר הַנֵּר.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל, וָואס אִיז מְלוּבָּשׁ אִין דִי גוּף פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְווֹת אוּן מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט אָנְגֶעצִינְדְן דִי נְשָׁמָה מִיט אַ גֶעטְלִיכְן לֶעכְט, דָאס הֵייסְט אַז דִי נְשָׁמָה הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּירְן וֶוער זִי אִיז, אוּן זִי לַייכְט פַארְן מֶענְטְשׁ דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן וִוי ס'שְׁטֵייט

(מִשְׁלֵי ו׳) ״נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר״ אַז מֶען אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה און מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעצִינְדְן מִיט אַ גֶעטְלִיכְן פֵייעֶר, און דָאס וֶוערְט דִי נַאכְט פון בְּדִיקַת חָמֵץ, וֶוען אַ אִיד וֶוערְט דֶערְוֶועקְט פון זַיין טִיפְן שְׁלָאף און עֶר הֵייבְּט אָן צו זוכְן בַּיי זִיךְ דֶעם חָמֵץ פַארְוָואס אִיז עֶר טְרוֹיעֶרִיג און פַארְבִּיטֶערְט, מוז דָאס נָאר זַיין וַוייל עֶר אִיז פול מִיט קַשְׁיוֹת אויפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַוְיקָא יֶעצְט דִי נַאכְט פון בְּדִיקַת חָמֵץ דַארְף מֶען זֶען אויסְרוֹימֶען דֶעם רוּחְנִיוּת׳דִיגְן חָמֵץ פון זִיךְ, וָואס דָאס אִיז כְּפִירוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, און פַארְבִּיטֶערְטְקֵייט, וְכוּ׳, און דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן פְרֵיילִיכְן פֶּסַח, דָאס הֵייסְט דִי נַאכְט פון סֵדֶר וֶועט אִים לַייכְטְן דֶער מֹחַ מִיט אַ גֶעטְלִיכְן לֶעבְּטִיגְקֵייט, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער אֲרִיזַ״ל הָאט גֶעזָאגְט דָאס דֶער וָואס אִיז נִזְהָר פון אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ גַאנְץ פֶּסַח וֶועט נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אַ גַאנְץ יָאר מִיט קַיין עֲבֵירוֹת וְכוּ׳, און לֵיידֶער זֶעט מֶען דָאס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר וֶוערְט נִישְׁט נִכְשָׁל מִיט חָמֵץ אַ גַאנְץ פֶּסַח, און פונְדֶעסְטְוֶועגְן פַאלְט עֶר דוּרְךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע גְרֶאבֶּע עֲבֵירוֹת וְכוּ׳, ווִי קֶען דָאס זַיין?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז דִי כַּוָּונָה פוּן אֲרִיזַ"ל אִיז דָאס אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם פֶּסַח אָן נִישְׁט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אֲפִילוּ מִיט אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַ גַאנְץ יָאר מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְלִיכֶע שִׂמְחָה, אוּן וְוִיפֶּער אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט נִישְׁט אוֹיף אִים קַיין שְׁלִיטָה דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְט קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אִים קַיין שׁוּם חֵטְא וְעָווֹן, קַיין שׁוּם זִינְד.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זַייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַ גַאנְץ פֶּסַח, דָאס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ עֶסְן מַצָּה, אוּן דוּ בִּיסְט נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן אַ גַאנְץ יָאר פוּן אַלֶדֶעם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָארֶווען זַייעֶר אַסַאךְ צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה, וָוארוּם עֶס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער זַאךְ פוּן אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט-מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס וַוארְפְּט אִים אַרַיין אִין עַצְבוּת מִיט בִּיטֶערְקֵייט, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) אַז צוּ שִׂמְחָה מוּז מֶען הָאבְּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ, וָוארוּם עֶס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דִי סִטְרָא אַחְרָא פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם עֶר זָאל פַארְלִירְן דֶעם גֶעדוּלְד אוּן עֶר זָאל זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן פַארְבִּיטֶערְט וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין

אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְס, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר פִירְט אוּנְז אוֹיפְן דֶרֶךְ פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**אוּנְזֶערֶע** לַייט פְּלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, "מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי'ן פוּן פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר, אָבֶּער מִיר ווִילְן בְּלַייבְּן מִיט דִי תַאֲוּות פוּן יֶעצְט וְכוּ' וְכוּ', דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען...", מִיר דַארְפְן גוּט ווִיסְן דָאס מִיר הָאבְּן אַ הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר, אוּן עֶר פִירְט אוּנְז אוֹיף אַ דֶרֶךְ פוּן צַדִיקִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר אִים פָאלְגְן, אוּן נָאר אַז מֶען פָאלְגְט אִים הֵייסְט אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אִים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶר לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין זַיין הַארְץ, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן אוּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֶׁר'ן פֶּסַח**

## קצז

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר קְדוֹשִׁים כ"ד נִיסָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין שׁוּם חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען בַּארִימְט זִיךְ מִיט דִיר אִין הִימְל וְכוּ'. קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן נֶעמְט

אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו און גֶעוואוּינְט זֵיי צוּ, צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; קוּמְט אוֹיס מִיט דֶעם וָואס דוּ וַוארֶעמְסְט אָן דִי טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת בִּיסְטוּ מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: נִישְׁט נָאר זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס דוּ גֵייסְט דוּרְךְ מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ וְכוּ' וְכוּ', נָאר זָאלְסְט מְעוֹרֵר זַיין מֶער און מֶער דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, און אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן און זֵיי מְעוֹרֵר זַיין, און נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וָוארוּם נָאר דָאס לִימוּד מִשְׁנָיוֹת קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'שְׁ'נָ'ה', אֲפִילוּ מֶען לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנֶ"ה קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל, און דָאס דַארְף יֶעדֶער בָּחוּר אִיבֶּערְזָאגְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים.

**אִיךְ** וֵוייס אַז אַסַאךְ מָאל פַאלְט אוֹיף דִיר אַרוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, און עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין גֶעדַאנְקֶען 'וָואס פֶעלְט

דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע הָארָאוואנְיֶע וְכוּ' וָואס דוּ הָארֶעוֶועסְט מִיט דִי בָּחוּרִים' וְכוּ', וָוארוּם אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען נִישְׁט בַּיי זֵיי קַיין שׁוּם עֶנְדֶערוּנְג וְכוּ', זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי, וָוארוּם אַזֶעלְכֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן וָואס נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶער צַדִיק וֵוייסְט אִין וָואס פַאר אַ שְׁמוּץ פוּן חַטְאוֹת נְעוּרִים זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ', אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דֶער שְׂכַר פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן.

**עֶם** ווערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'מֹשֶׁ"ה נ', דָאס הֵייסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ בַּיים סוֹף צוּ קוּמֶען צוּם שַׁעַר נ', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ל"ב) "עֲלֵה אֶל הַר הָעֲבָרִים הַזֶה הַר נְבוֹ", וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס דֶעמָאלְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין אִין שַׁעַר נ', וָואס דָאס אִיז דָאס וָוארְט "נְבוֹ" - "נ' בּוֹ", עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שַׁעַר נ', וָואס דָארְטְן אִיז דֶער בִּיטוּל אִינְגַאנְצְן צוּ אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס דָאס אִיז מִשְׁנֶ"ה אוֹתִיוֹת "מֹשֶׁה נ'", אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנֶה, וֶועט עֶר אוֹיכֶעט זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען בַּיים סוֹף צוּ שַׁעַר נ', דָאס עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זֶען גָארְנִישְׁט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זַיי מְעוֹרֵר יֶעדְן טָאג דִי בָּחוּרִים פוּן נֵיי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד

מִשְׁנַיוֹת. און וויסְן זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין בְּלָאטֶע אִין טוּט שְׁמוּץ וְכוּ', אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ לֶערְנֶען "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן שְׁמוּץ וִוי עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן; און עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז "כַּךְ וְכַךְ" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעטְלִיכְן כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

און עֶס אִיז אַ פֶּלֶא אַז "כַּךְ וְכַךְ" בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי דֶער שֵׁם אֱלֹקִי"ם, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן מִידַּת הַדִּין, אֲפִילוּ עֶס גֵייט שׁוֹין דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע דִינִים קָשִׁים וּמָרִים, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" דָאס הֵייסְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן פוּן אִים אַלֶע דִינִים.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אַזְהָרוֹת פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי נְתַנְאֵל וֵוייל זי"ע (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קָרְבַּן נְתַנְאֵל" אוֹיפְן רֹא"ש) "כָּל יוֹצְאֵי יְרֵיכִי מִי שֶׁמְּכוּנֶּה בְּשֵׁם לַמְדָן וּמַשְׁלִים עֲבוֹדָתוֹ עֲדֵי עֶרֶב, רָאוּי לַחְזוֹר יוֹם יוֹם חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, חַ"י חַ"י יוֹדוּךָ, תּוֹעֶלֶת לִנְשָׁמָה, וּמַאֲרִיךְ יָמִים", עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ

נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, נָאר רֶעדְן יֶעדְן טָאג פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר מִיט דִי בָּחוּרִים דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען הַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיט זֵיי זִינְגֶען "כַּךְ וְכַךְ" דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דֶער סְמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיזְן דַאךְ, וַוייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ, גֶעבּ אִיךְ פוּן אִים אַ גְרוֹיסְן לַאךְ, אוּן אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֶּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ, דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אַסַאךְ, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם, אִיךְ וֵויים אַז נָאר מִשְׁנָיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען, אוּן דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן, אוּן אִין קֶבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים אוּן וֶוערִים אוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועק פִּיצְן, אוּן כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּן קְרִיצְן, אָבֶער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נִיצְן, וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן, אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִיקִים זִיצְן.

**הַלְוָואי** הַלְוָואי זָאלְסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶן אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען, נָאר זֵיי זָאלְן מְעוֹרֵר זַיין זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, קֵיינֶער קֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, וָוארוּם עֶס וֶוערְט בְּפֵירוּשׁ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִקּוּטֵי תּוֹרָה" (הַדְרָכָה ו') פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע "תֹּאמַר

חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים, כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "יְסוֹד יוֹסֵף" וָואס רֶעדְט אַרוּם זַייעֶר אַסַאךְ פוּן תִּיקּוּן הַבְּרִית, (עַיֵּין תִּיקּוּן י"ב) "לִימּוּד מִשְׁנַיּוֹת אֵין לְמַעְלָה מִזֶּה, וּמַה טוֹב לִלְמוֹד חַ"י פְּרָקִים מִי שֶׁסִּיפֵּק בְּיָדוֹ, נֶגֶד מִדַּת יְסוֹד שֶׁפּוֹגֵם בְּחֵטְא זֶה, וּמִדַּת יְסוֹד נִקְרָא חַ"י כְּנוֹדַע לְיוֹדְעֵי חֵן".

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ פוּן יֶעדֶער בָּחוּר וָואס קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אוּן בַּארִימְט זִיךְ, דֶער זָאגְט עֶר הָאט שׁוֹין גֶעענְדִיגְט פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, אוּן דֶער זָאגְט פֶערְצִיג מָאל וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער נַחַת פוּן דֶעם, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר מְזַכֶּה זַיין בָּחוּרִים צוּ חַזֶרְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כְּדַאי, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית מ"ב.) מַאן דְּקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְּיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְּׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְּמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵּין אִינוּן דִּמְקַדְּשִׁין שְׁמָא קַדִּישָׁא דְּמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן זָאגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, דֶער קֶען מְקַשֵּׁר זַיין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס הֵיילִיגְן נָאמֶען יֶעדְן טָאג שְׁטֶענְדִיג. פְרֶעג אִיךְ דִיר: נָאךְ דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת? דַארְפְסְטוּ צוּבְּרָאכְן וֶוערְן?

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, נָאר זָאלְסְט זֶען וָואס מֶער בָּחוּרִים מְקָרֵב זַיין אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְפַאלְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## קצח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר נָשֹׂא כ"ו אִיָּיר (יְסוֹד שֶׁבִּיְסוֹד) ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ר' ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דַיין מַעֲלָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז מְקָרֵב וַוייטֶע נְשָׁמוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל פוּן אִים, וָוארוּם עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בִּידָא דְחַיְּיבָא, [קוּם אוּן זֶע, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלַּק בְּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחְרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחְרָא [עֶר אִיז גּוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחְרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַּק

קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טַייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינְגֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב׳) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בְּיָדֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) "גִבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ׳.

זֶע וָואסֶערֶע זְכוּתִים דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְקָרֵב בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,

און דו בּיסט זיי מְזַכֶּה זיי זָאלְן מְסַיֵּים זַיין אָן אַ שִׁיעוּר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן דֶעם, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוהַר הַקָּדוֹשׁ אַסַאךְ מָאל, דָאס שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דָאס אַלֵיין אִיז דֶער מַלְאַךְ מְטַ"ט, און וֶוער עֶס לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וֶוערְט גֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע זַיינֶע חֲטָאִים, און אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט אִין דִי טִיפֶע בְּלָאטֶע פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל׳) הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי וָואס דֶער רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז מִשְׁנֶה, דָאס אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנֶה קֶען עֶר פוּן דָארְטְן אַרוֹיסְגֵיין.

**און** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסֵף קַארוֹ זי"ע דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל וָואס הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה נָאר בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אֵיינְמָאל אָפְּלֶערְנֶען פֶערְצִיג פוּפְצִיג פְּרָקִים, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר "מַגִּיד מֵישָׁרִים" אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט נָאר אַרֵיינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס וֶועט זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פִינְסְטֶערֶע בְּלָאטֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם.

**אוֹיבֶעט** זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, הֵן שַׁחֲרִית, הֵן מִנְחָה, הֵן

מַעֲרִיב, וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳) דָאס דִי דְרֵייא תְּפִילוֹת זֶענֶען מַמְשִׁיךְ דְרֵייא מוֹחִין פַארְן מֶענְטְשׁ נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַשֵּׁר דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן עֶר הָאט אִינְזִינֶען וָואס עֶר זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, קֶען עֶר דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ט׳ וְסִימָן קי"ב) דָאס דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען דְהַיְינוּ "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה" דָאס אִיז תֵּיבַת נֹחַ, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ מַבּוּל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן מ"ד) וָואס דָאס אִיז לָשׁוֹן בִּלְבּוּל, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט בִּלְבּוּלֵי מַחְשָׁבוֹת, עֶס קוּמֶען אִים אַרוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן אִין דִי "תֵּיבָה" וָואס דָאס אִיז "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה", אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ׳) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶע טַעֲמִים בַּיים דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת מַיִין מְתוּקִין, עֶר שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר אַ בִּיטֶערְנִישׁ בַּיים דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת מַיִין מְרוּרִין, אוּן עֶס וִויל זִיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים אוּן אִין דִי אִינְגֶעלַייט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵייא תְּפִילוֹת

מִיט מִנְיָן, אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, ווִי דִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן דִי פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט) "אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר אוּן עֶר זֶעט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר דַיְיקָא.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זַייעֶר, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, וָוארוּם עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט בַּאגְלִיקְט וֶוערְן אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מְקַרֵב גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, אוּן בִּפְרַט אַז עֶס הָאט דִיךְ גֶעקָאסְט אַזוֹיפִיל שְׁפִיכוּת דָמִים, הָאסְט גֶעמוּזְט לַייְדְן בִּזְיוֹנוֹת חִירוּפִין וְגִידוּפִין, אוּן קִינְד אוּן קַייט הָאט דִיךְ נָאכְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַלֶע גַאסְן וְכוּ', זָאלְסְט ווִיסְן דָאס אַלֶעס גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ צוּנִיץ קוּמֶען, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זֶען מְחַדֵּשׁ זַיין נֵייעֶ נִיגוּנִים מִיט דִיבּוּרֵי אֶמוּנָה אוֹיף אִידִישׁ דַיְיקָא, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ד) דָאס דִי נִיגוּנִים פוּן אֶמוּנָה אִיז מְבַטֵּל אַלֶע קוּשְׁיוֹת פוּן חָלָל הַפָּנוּי, וָואס פוּן דָארְטְן קוּמֶען אַרוֹיס דִי קְלִיפּוֹת, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# קצט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר נָשֹׂא כ"ז אִיָּר ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוּיס דַיין בִּיטֶערְן הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ'. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן; אוֹיבּ אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר שְׁפִּירְט דָאס וֵוייטָאג פוּן זַיינֶע זִינְד וְכוּ', דַארְף עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה הָאט עֶר אַ גְרוֹיסֶער הָאפֶענוּג, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ.

**אַוַודַאי** דַארְפְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן זַיין אִין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז אִין אוּמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אַ בָּחוּר מִיטְן נָאמֶען נָטֶע גוּרֶלִיק הַשֵּׁם יִנְקוֹם דָמָם עֶר אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אַ לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער חָסִיד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט טִיף חֲסִידוּת אוּן אִיז גֶעוֶוען - אִין זֵייעֶר לָשׁוֹן - אַ מַשְׂכִּיל, אוּן צוּם סוֹף אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער דֶרֶךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי אֵייגֶענֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל וְכוּ',

און זיך מְחַזֵּק זַיין אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, און אַסַאך רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב) כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ יָכוֹל לָבֹא לִטְעוּתִים רַבִּים, וְעִיקַר הַיַהֲדוּת הוּא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וְכוּ'. וַיְהִי הַיּוֹם הָאבְּן דִי קָאמוּנִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם אִים גֶעכַאפְּט און פַארְשִׁיקְט אִין סִיבִּיר, נָאר אַזוֹי ווִי עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אִין סִיבִּיר שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְחַזְקוּת אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹנְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, און עֶר בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, און דָאס אִיז דִי רְשָׁעִים זֵייעֶר גֶעפָּאלְן, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אִין זֵייעֶרֶע אָפִּיסֶעס, רֵיינִיגְן און טוּן אִינֶעוֵוייניג אַלֶע מְלָאכוֹת וְכוּ', און זֵיי בְּרֶענְגְן טֵיי וְכוּ', זַיין אַ שִׁיק אִינְגְל, און דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, וָוארוּם דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשִׁיקְט אִין סִיבִּיר הָאבְּן גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי קֶעלְט, וָואס לֵיידֶער רוֹב פוּן זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְלֶעבְּן, און זֵיי זֶענֶען פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן אוֹיף טוֹיט רַחְמָנָא לִיצְלָן, און עֶר הָאט בָּאטְשׁ גֶעאַרְבֶּעט אִינֶעוֵוייניג ווִי סְ'אִיז גֶעוֶוען וַוארֶעם.

**אָבֶער** דָארְטְן הָאט אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט אַ טָאכְטֶער פוּן אַ גַלָּח וָואס זִי אִיז אוֹיבֶעט פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן אִין סִיבִּיר,

און אַזוֹי ווִי בַּיינאַכְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן הָאט זִי זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּם דֶעם בָּחוּר אוּן אִים צוּגֶערֶעדְט צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה רַחְמָנָא לִיצְלָן, פְּלֶעגְט עֶר אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי בִּיטֶערֶע קֶעלְט אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ״אִיךְ ווִיל בֶּעסֶער שְׁטַארְבְּן ווִי עוֹבֵר זַיין חָלִילָה וְחַס אַן עֲבֵירָה!״ וְכוּ׳, און אַזוֹי אִיז גֶעוֶועֶן יֶעדֶע נַאכְט, אָבֶּער עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז יֶעדְן נַאכְט אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אִים רַאטֶעוֶוען, נָאךְ דְרֵיי יָאר וָואס עֶר אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעטוּן זַיין אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת, הָאבְּן דִי אַלֶע אוֹיפְזֶעעֶרְס גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גֶעזֶעגֶענוּנְ׳ס מְסִיבָּה, הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי גַלָח׳ס טָאכְטֶער אוּן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַלֶעמֶען, ״אוֹיב אִין דֶער וֶועלְט אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶער בָּחוּר אִיז זִי מֵעִיד אַז דָאס אִיז דֶער בָּחוּר!״, אוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן, אוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט צוּ אִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס אוֹיף אִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי דְרֵיי יָאר, דִי שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט וְכוּ׳, עֶר הָאט גֶעקֶענְט טוּן אַן עֲבֵירָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן וְכוּ׳, הָאבְּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְשׁוּת, ״אַ בָּחוּר זָאל הָאבְּן אַזַא כֹּחַ! דְרֵיי יָאר נָאכַאנַאנְד עוֹמֵד בְּנִסָיוֹן זַיין, דָאס אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע ווָאוּנְדֶער!״ אוּן דֶער בָּחוּר

הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאר אִיךְ וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן מִיט מַיין הַשְׂכָּלָה מִיטְן טִיפְן גֶעדַאנְק וְכוּ' וְכוּ', וָואלְט אִיךְ אַוַודַאי נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, נָאר אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, נָאר רֶעדְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס הָאט מִיךְ דֶערְהַאלְטְן!".

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיכֶעט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן נִסָיוֹן, אוּן זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע הָאט זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אַזוֹי וַוייט אַז אַמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'אִיךְ, וִוי אִיךְ גֵיי הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן דָא אִין שְׁטָאט וואוֹינְט אַ אִיד וָואס לַיידְט הוֹילֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיךְ וִויל זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דֶעם אִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ מִיט אַ רוּבְּל צוּ רֶבִּי נָתָן זי"ע - וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט - אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ "לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת". דֶעם סִיפּוּר אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט - נִישְׁט וִוי דִי מִתְנַגְדִים זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חוֹלֵק חַס וְשָׁלוֹם, אַדְרַבָּה עֶר הָאט גֶעשְׁטִיצְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

**סוֹף** יָמָיו הָאט מֶען גֶעהֶערְט ווִי עֶר זָאגְט אַלְץ "אוֹי אַנְטִיוְוקֶער בָּחוּר", אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, אַזוֹי ווִי זַיין דֶרֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְצוּפָארְן כָּל יָמָיו אִין אַלֶע שְׁטֶעט אוּן שְׁטֶעטְלֶעךְ מְקָרֵב זַיין אִידְן, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטֶעטְל אַנְטִיוְוקָא (דָאס אִיז אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל נֶעבְּן קִיֶעוו) אוּן דָארְטְן אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט אִים דָארְטְן מְקַבֵר גֶעוֶוען, אִיז דָא אִין דֶעם עֶטְלִיכֶע נֻסְחָאוֹת פַארְוָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם פַארְשְׁטִיפְּטְן שְׁטֶעטְל אַנְטִיוְוקָא דָארְטְן צוּ לִיגְן. אֵיין טַעַם ווַייל אִין דֶעם שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא קֵיין תִּיפְלָה אוּן קֵיין שְׁתִי וָעֵרֶב, (וָואס דָאס אִיז אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אִין אוּקְרֵיינָא) אוּן דֶער צְווֵייטֶער טַעַם, וָוארוּם דָארְטְן לִיגְט אַ הֵיילִיגֶער בָּחוּר וָואס אִיז גֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארְן עַל קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט לִיגְן נֶעבְּן אִים.

**אוּן** דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי: דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעלְפֶער בַּיי אַ אִידִישֶׁער שְׁנַיידֶער. וַיְהִי הַיּוֹם הָאט זִיךְ דֶער פְּרִיצְנְ'ס טָאכְטֶער פַארְלִיבְּט אִין אִים אוּן גֶעוָואלְט מִיט אִים חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיז זִי זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן, וָוארוּם זִי הָאט אִים זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוּן פוּן רוֹב עֶרְגֶענִישׁ אַז דֶער בָּחוּר ווִיל נִישְׁט הָאט אִיר גֶעפְּלַאצְט דָאס הַארְץ אוּן זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיז דֶער פְּרִיץ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעהַרְגֶעט דֶעם בָּחוּר, אוּן מֶען הָאט אִים דָארְטְן בַּאגְרָאבְּן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען וָואס מֶען

הָאט גֶעהֶערְט סוֹף יָמָיו פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע קְרֶעכְצְן 'אוֹי אַנְטִיוְוקֶער בָּחוּר', הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען נָאכְדֶעם פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט לִיגְן נֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בָּחוּר.

**פוּן** דֶעם זֶעט מֶען דִי כּוֹחוֹת וָואס אִיז דָא אִין הֵיילִיגֶע בָּחוּרִים, וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס טוּט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן גֶעט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן. פַארְשְׁטֵיי וָואס דָא טוּט זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן דַיין שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן מַצָב, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין נָאךְ צוּ זֶען אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען דִי וואוּנְדֶער וָואס עֶר וֶועט מִיט דִיר טוּן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת יְשׁוּעָה סִימָן ט"ז) כְּשֶׁאָדָם בָּא לְאֵיזֶה נִסָיוֹן יֵדַע כְּשֶׁיַעֲמוֹד בָּזֶה הַנִסָיוֹן שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ נֵס; ווִידֶער שְׁטֵייט (שָׁם אוֹת מָמוֹן סִימָן ד') הָעוֹמֵד בְּנִסָיוֹן שֶׁל נִיאוּף יִזְכֶּה לְעוֹשֶׁר גָדוֹל בֵּין הַשּׂוֹנְאִים שֶׁלוֹ; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# ר

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רְבִיעִי לְסֵדֶר נָשֹׂא כ"ח אִיָּר ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֶס קוּמֶען אַרוֹיס זֵייעֶר שֵׁיין.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת וִוי דֶער זְכוּת פוּן דְרִיקְן אוּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים וָואס זֵיי רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, וּבִפְרָט אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן וָואס דִי כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מִתְפַּשֵּׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע הִתְחַזְּקוּת אוֹיף פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה, ר"כ) אַז אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִינוּת כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, אוּן עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעקְרֶעכְצְט, "אוֹי וִוי וֶועט מֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן? עֶס וֶועט אַרַיינְגַיין פַארְקְרִימְטֶע דֵיעוֹת אֲפִילוּ אִין כָּשֵׁר'ע הֶערְצֶער, אוּן מֶען וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט כַאפְּן אַז מֶען אִיז פוּל מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת" אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֵיי רֶעדְן פוּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָואס דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז אַז פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, וָוארוּם אֱמוּנָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן, מַלְכוּת, דְלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, אוּן דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע

מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל א') נִ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֶ'לֹקִים, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֱמוּנָ"ה, דָאס הֵייסְט יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דִי מֶרְכָּבָה הָעֶלְיוֹנָה מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן, אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְכְן טוֹיעֶר פוּן אֱמוּנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, און שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן דִי אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) דָאס צוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל קַיין שׁוּם דִיבּוּר פוּן כְּפִירוּת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַפִּיקוֹרְסִים טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְזָאגְן זֵייעֶרע שְׁטוּתִים און הֲבָלִים וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם עֶס אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן צוּ רֶעדְן דִיבּוּרֵי כְּפִירוּת, אֲפִילוּ מֶען שְׁפֶּעט פוּן דֶעם, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי אִים, וָוארוּם פוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט בַּיי דֶעם הַאלְט עֶר.

מֶען גֶעפִינְט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִיק שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ל"ט) "וַיַרְא אֲדֹנָיו כִּי הַוָיָ"ה אִתּוֹ וְכָל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה הַוָיָ"ה מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ פְרַאגֶע: אַ פְּרָאסְטֶער שְׁמוּצִיגֶער מִצְרִי, ווִי הָאט עֶר גֶעקֶענְט זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

אִיז מִיט יוֹסֵף'ן וָואס דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר טוּט הָאט עֶר הַצְלָחָה? נָאר זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ "שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו", אֲפִילוּ אַזַא שְׁמוּצִיגֶער מִצְרִי הָאט גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט ווִי יוֹסֵף הַצַדִיק רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים אוּן וֶועגְן דֶעם וָואס עֶר טוּט אִיז עֶר מַצְלִיחַ. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז דֶער סִימָן דָאס דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַז וואויל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם מִיר לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם אַ קוּרְצֶע צַייט, אוּן וָואס בְּלַייבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אַלֵיין אִיז אֱמוּנָה. שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר גֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶער שֶׁפַע, אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ רֶעכְטִיגֶער שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּעדִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# רא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר נָשֹׂא כ"ט אִיָּר (עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן) ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים "חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב" תַּלְמִידֵי "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" שֶׁיִּחְיוּ נֶצַח

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס עֶר הָאט לִיבּ דֶעם גְרָאבְּן סִידוּר, דָאס הֵייסְט אַמָאל אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרִיקְט אַ סִידוּר מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ תְּפִילוֹת, אוּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ זָאגְן אַלֶע עֶרְלֵיי תְּפִילוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת וָוארוּם עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? אִיז גֶעוֶוען נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט פָּשׁוּט, אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַלֶע עֶרְלֵיי תְּפִילוֹת וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַלֶע סִידוּרִים, אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט 'וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוּוִיסְט אִין דִי יוּגְנְט צוּ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר אִים אוּן גֶערֶעדְט צוּ אִים וָואלְט אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין אַ יָאר.

**אִיבֶּערְדֶעם** שִׁיק אִיךְ יֶעצְט צוּ עֶנְק דִי תְּפִלָּה פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ וָואס עֶר הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ זָאגְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן וָואס דֶער תְּפִלָּה אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער. וְויסְן דַארְפְט אִיר וְויסְן דָאס חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ

אָן מִיט זִיךְ, אַז מֶען וויל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין מְחַנֵךְ זַיין כְּדֵי צוּ זַיין אַ בֵּייִשְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶערְלֶעךְ קוּקְן נָאךְ ווִי דֶער טַאטֶע פִירְט זִיךְ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אִים נָאכְטוּן, אַז עֶר אִיז מְזַלְזֵל אִין דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוְוענֶען, אַז עֶר וֶועט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען וֶועלְן דִי קִינְדֶער בִּכְלַל נִישְׁט דַאוְוענֶען, אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט זֶען ווִי דֶער טַאטֶע מַאכְט אוֹיף אַ סֵפֶר אַ מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אַ גְמָרָא, אָדֶער אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן לֶערְנְט, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ, וָוארוּם קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ דֶעם טַאטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טֶעכְטֶער מַאכְן נָאךְ דֶעם מוּטֶער, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סג.) רְחֵילָא בָּתַר רְחֵילָא אָזְלָא כְּעוֹבָדֵי אִמָא כַּךְ עוֹבָדֵי בְּרַתָּא; אַזוֹי ווִי דֶער מוּטֶער פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט זִיךְ פִירְן דִי טָאכְטֶער; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיף חִינוּךְ מֶער ווִי אוֹיף אַלֶע זַאכְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, בַּיי אִים אִיז חָשׁוּב דִי עֲבוֹדָה פוּן חִינוּךְ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי עֶס אִיז חָשׁוּב בַּיי אִים דִי עֲבוֹדָה פוּן תִּיקוּן חֲצוֹת, (ווִי בַּאוואוּסְט אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֲבוֹדָה בְּעֵת תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְט זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת), פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דִי חִינוּךְ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב ווִי דֶער עֲבוֹדָה פוּן חֲצוֹת, אַז וואוּיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי לֵייגְן אַרַיין

מִי און כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם און דֶּרֶךְ אֶרֶץ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ד) צָרִיךְ לְלַמּוֹד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו; מֶען דַארְף אויסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶּרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ קְלֵיין, ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב) "חֲנוֹךְ לְנַעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" אַז וואוּיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

**תְּפִלָּה לְכָל עֵת, וּבִפְרַט לְעֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, לְהִתְפַּלֵּל עַל עַצְמוֹ וְעַל צֶאֱצָאָיו לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי יְשָׁרִים מִסֵּפֶר שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ:**

אַתָּה הוּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁלֹּא בָרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֱלֹהֵינוּ מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וּמֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם אַתָּה אֵל, וּבָרָאתָ עוֹלָמְךָ בִּגְין לְהִשְׁתְּמוֹדָעָא אֱלָקוּתְךָ בְּאֶמְצָעוּת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "בְּרֵאשִׁית", בִּשְׁבִיל תּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, כִּי הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בָּהֶם מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְנָתַתָּ לָהֶם תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וְקֵרַבְתָּם לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל:

וְעַל קִיּוּם הָעוֹלָם וְעַל קִיּוּם הַתּוֹרָה בָּא לָנוּ מִמְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ שְׁנֵי צִוּוּיִים, כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ "פְּרוּ וּרְבוּ", וְכָתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ "וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם", וְהַכַּוָּנָה בִּשְׁתֵּיהֶן אֶחָת, כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאתָ כִּי אִם לָשֶׁבֶת, וְלִכְבוֹדְךָ בְּרָאתָ יְצַרְתָּ אַף עָשִׂיתָ, כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ:

וּבְכֵן אָבוֹא אֵלֶיךָ יְיָ מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, וְאַפִּיל תְּחִנָּתִי, וְעֵינַי לְךָ תְּלוּיוֹת עַד שֶׁתְּחָנֵּנִי וְתִשְׁמַע תְּפִלָּתִי לְהַזְמִין לִי בָּנִים וּבָנוֹת, וְגַם הֵם יִפְרוּ וְיִרְבּוּ הֵם וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְתַכְלִית שֶׁהֵם וַאֲנִי כֻּלָּנוּ יַעַסְקוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ:

אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, תֵּן לְכֻלָּנוּ חַיִּים אֲרֻכִּים וּבְרוּכִים, מִי כָמוֹךָ אָב הָרַחֲמִים זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים כְּמוֹ שֶׁהִתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אָבִינוּ "לוּ [יִשְׁמָעֵאל] יִחְיֶה לְפָנֶיךָ", וּפֵרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "בְּיִרְאָתֶךָ": כִּי עַל כֵּן בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר, וְאַל יִמָּצֵא בִי וּבְזַרְעִי וּבְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם שׁוּם פְּסוּל וָשֶׁמֶץ, אַךְ שָׁלוֹם וֶאֱמֶת וְטוֹב וְיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וּבְעֵינֵי אָדָם, וְיִהְיוּ בַּעֲלֵי תוֹרָה, מָארֵי מִקְרָא, מָארֵי מִשְׁנָה, מָארֵי תַלְמוּד, מָארֵי רָזָא, מָארֵי מִצְוָה, מָארֵי גוֹמְלֵי חֲסָדִים, מָארֵי מִדּוֹת תְּרוּמִיּוֹת, וְיַעַבְדוּךָ בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה פְּנִימִית, לֹא יִרְאָה חִצוֹנִית, וְתֵן לְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה מֵהֶם דֵּי מַחְסוֹרָהּ בְּכָבוֹד, וְתֵן לָהֶם בְּרִיאוּת וְכָבוֹד וָכֹחַ, וְתֵן לָהֶם קוֹמָה וְיֹפִי וְחֵן וָחֶסֶד, וְיִהְיֶה אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, וְתַזְמִין לָהֶם זִוּוּגִים הֲגוּנִים מִזֶּרַע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִזֶּרַע צַדִּיקִים, וְגַם זִוּוּגָם יִהְיוּ כְּמוֹתָם בְּכָל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתִּי עֲלֵיהֶם, כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן:

אַתָּה יְיָ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן

תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, עַל כֵּן עֲנֵנִי יְיָ עֲנֵנִי בַּעֲבוּר הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, וּבִגְלָלָם תּוֹשִׁיעַ בָּנִים לִהְיוֹת הָעֲנָפִים דּוֹמִים לְשָׁרְשָׁם, וּבַעֲבוּר דָּוִד עַבְדְּךָ רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה, הַמְשׁוֹרֵר בְּרוּחַ קָדְשֶׁךָ:

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא יְיָ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו: יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ: הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא יְיָ: יְבָרֶכְךָ יְיָ מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ: וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל: אָנָּא יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה יְקַיֵּם בָּנוּ הַפָּסוּק וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר יְיָ רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

**הַמְּאַחֵל לָכֶם בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נָשֹׂא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן ה'תשע"א**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין מְלוּמְדוּת אִיז צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם

קִינְדֶערְלֶעךְ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי מַארֶעךְ פוּן קָאפּ פוּן דֶעם מְלַמֵד וְכוּ', נָאר דִי חָכְמָה פוּן אַ מְלַמֵד אִיז אַז עֶר מַאכְט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס לֶערְנֶען אַז דִי קִינְדֶערְלֶעךְ ווילְן לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז דִי עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ מְלַמֵד, אַז עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן זֵיי מַסְבִּיר זַיין דֶעם גַאנְצְן לִימוּד מִיט אַזַא מִין חָכְמָה אַזוֹי וִוי עֶר דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה אוּן זֵיי ווילְן הֶערְן, אוּן דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אִין זֵיי אַרַיין דָאס לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

דִי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) דָאס רַב אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַ פְּלַאץ אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם פְּלַאץ הָאבְּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר אִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין רֶעגְן, מִמֵילָא אִיז אַ הוּנְגֶער, הָאט עֶר גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען כְּדֵי עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, הָאבְּן אַלֶע גֶעהַאט צַעַר, דֶערְוַוייל אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "מַשִׁיב הָרוּחַ" הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען ווינְטְן מִיט וָואלְקֶענֶעס, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מוֹרִיד הַגֶשֶׁם" הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען אַ שְׁטַארְקְן רֶעגְן, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט דֶעם שְׁלִיחַ צִיבּוּר, "זָאג מִיר, וָואס אִיז דַיין אַרְבֶּעט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן אִיךְ לֶערְן מִיט דִי אָרִימֶע קִינְדֶער פוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט דִי רַייכֶע קִינְדֶער, אוּן וֶוער ס'קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן נֶעם אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן אִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ קְוַואְרִיוּם פוּן קְלֵיינֶע פִישֶׁעלֶעךְ, אוּן וָואסֶערֶע אִינְגֶל עֶס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען קוֹיף

איךְ אים אָפּ מִיט פִישֶׁעלֶעךְ, איךְ גֶעבּ אים אַ מַתָּנָה אַפָּאר פִישֶׁעלֶעךְ כְּדֵי עֶר זָאל וֶועלְן לֶערְנֶען, און עֶר קוּמְט און עֶר לֶערְנְט", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מִיט גוּטְן קֶען מֶען פּוּעֵלְ'ן בַּיי קִינְדֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, און זִינְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דֶער עִיקָר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, נָאךְ פוּן פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער אַרַיינְשַׁיינֶען דִי אֱמוּנָה, אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אַלְץ קִינְדְוַוייז הָאבְּן דִי מוּשָׂגִים פוּן אֱמוּנָה, וָוארוּם הַיינְט אִיז דָא אַלֶע מִינֵי חָכְמוֹת און נַארִישְׁקֵייטְן וָואס דָאס רוּפְט זִיךְ מֶעטָאדְן וְכוּ', וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', מֶען דַארְף גֵיין מִיטְן אַלְטְן אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם וֶועג אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן און עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, און קַיין שׁוּם פֶּעדַאגָאגְן, וְכוּ', וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם,** זֶע הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער און דֶערְצֵייל זֵיי אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין גֶעוֶוען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מוּסָר? הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעעֶנְטְפֶערְט, יָא, איךְ לֶערְן

"חובת הַלְבָבוֹת", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע גֶעזָאגְט, "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, אִיךְ מֵיין אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי-רֶבִּי זוּשָׁא'ן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זי"ע". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, צִיט עֶס זֵיי דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס גֶעבְּט אַרַיין אַ תְּשׁוּקָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדְן קִינְד עֶקְסְטֶער עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה.

זֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵד, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן רֶבִּי יַעֲקֹב קַאלְמַאנָאוִויטְשׁ ז"ל מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט "רֶבִּי יַעֲקֹב מְלַמֵד", אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ בַּיי אִים גֶעלֶערְנְט, אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּיי אִים אַלְץ גֶעלֶערְנְט גֶעדֶענְק אִיךְ בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג. יָארְן שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, פְלֶעגְט עֶר דֶערְצֵיילְן אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ רְשִׁימָה פוּן דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַז עֶר זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶערְנֶען אוּן אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַּרְבּוּת רָעָה, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אַז קַיין שׁוּם קִינְד וָואס בַּיי אִים הָאט גֶעלֶערְנְט אִיז נִישְׁט אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה.

זָעט מֶען פון דֶעם דִי כֹּחַ פון תְּפִלָּה וָואס אַ מְלַמֵד בֶּעט
אויף דִי קִינְדֶער הָאט עֶס אַ גְרויסֶע הַצְלָחָה, אִיבֶּערְדֶעם
זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הָאב גֶעדולְד, אויב דו בִּיסְט אַ מְלַמֵד
מִיזְטו הָאבְּן גֶעדולְד, און זָאלְסְט אַסַאךְ זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער,
און נִישְׁט פְּרֶעמְצְן (נֵייטְן) דִי קִינְדֶער אַז זַיי מוּזְן לֶערְנֶען
וְכוּ', וַוייל דָאס טוּט נָאכְדֶעם דִי פַּארְקֶערְטֶע ווירְקוּנְג וְכוּ',
מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אויף יֶעדְן קִינְד אַז עֶר
זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה, און מֶען דַארְף מִיט זַיי לֶערְנֶען אויף
אַזַא אופַן אַז זַיי זָאלְן וֶועלְן לֶערְנֶען, און דָאס קֶען מֶען טוּן
נָאר דוּרְךְ מַעֲשִׂיוֹת, אַז מֶען אִיז מַלְבִּישׁ דֶעם גַאנְצְן לִימוּד
מִיט אַ מַעֲשֶׂה און אַזוֹי לֵייגְט מֶען אִין זַיי אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס
הַצְלָחָה, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס
גְרויסְקֵייט פון אַ מְלַמֵד תִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס שַׁיינְט
אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר זֵייעֶר
חָשׁוּב, אַזוֹי ווִי מִיר זֶען דָא, אַז רַב הָאט גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶועזְן
אַז עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן און עֶס הָאט נִישְׁט גֶענִיצְט, און אַ
מְלַמֵד הָאט זִיךְ נָאר גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען און עֶר הָאט
גֶעזָאגְט "מַשִּׁיב הָרוּחַ" אִיז גֶעקוּמֶען ווִינְטְן מִיט וָואלְקֶענֶעס,
און וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט "מוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן
צוּ גִיסְן אַ גְרויסֶע רֶעגְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט
גֶעהַאט אַ קְוָוארְיוּם פון פִּישֶׁעלֶעךְ, און עֶר הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט
דִי קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט פִּישֶׁעלֶעךְ, און זַיי הָאבְּן גֶעוָואלְט לֶערְנֶען,
און אִין דֶעם זְכוּת אִיז גֶעקוּמֶען רֶעגְן, זֶעט מֶען דָאס

גְרויסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, אַז וואויל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואויל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁשִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נָשֹׂא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן וְכוּ' וְכוּ'.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית, קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעפִירְט אַלֵיין, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעֲלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְל, אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף כַאפְּן יֶעצְט אַ קְלַאפּ, דָאס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן בְּשֵׂכֶל אֱנוֹשִׁי ווִי אַזוֹי דִי הַשְׁגָחָה גֵייט, דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ

רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען אִים דֶערְצֵיילְן, אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער זָאלְסְטוּ אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אַזוֹי וְוִי מֶען רֶעדְט פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד.

**גְלֵייבּ** מִיר וֶוען דוּ וָואלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט דַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן גֶעגַאנְגֶען אַנְדֶערְשׁ, אוּן דָאס הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוְוייסְט צוּ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג, דָאס הֵייסְט עֶר וָואלְט זִיךְ אַזוֹי בַּאפְלַייסְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִין אֵיין טָאג וָואלְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן מִתְחַנֵן גֶעוֶוען עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן וְכוּ' וְכוּ', זֶעט מֶען וְוִי גְרוֹיס אִיז דִי עֲבוֹדָה הַקְדוֹשָׁה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זָאלְסְטוּ זֶען אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, נָאר זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, בֶּעט, אוּן ווִידֶער בֶּעט, אוּן וַוייטֶער בֶּעט, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**הַמְאַחֵל לָכֶם בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# רד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִּׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נָשֹׂא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) וֶוען אַ אִיד הָאט אַ לֶעבְּטִיגְן פָּנִים אוּן שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלְט עֶר, קֶען מֶען זֶען אִין זַיין פָּנִים דֶעם לֶעבְּט פוּן צַדִיק, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אִין מֶענְטְשְׁן אַרַיין שְׁטֶענְדִיג שִׂמְחָה, אַ אִיד דַארְף מְקַבֵּל זַיין יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס פָּנִים מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְחַיֶה אַן אַנְדֶערְן אִיד, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קי"א:) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ט י"ב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב" טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁינַּיִם לַחֲבֵירוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד וַוייזְט זַיינֶע וַוייסֶע צֵיינֶער פַאר זַיין חַבֵר, דָאס הֵייסְט עֶר שְׁמֵייכְלְט פַאר יֶענֶעם, דָאס אִיז בֶּעסֶער ווִי וֶוען עֶר וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ טְרוּנְקֶען אַ גוּטְן גְלָאז מִילְךְ, וָוארוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען אַ אִיד, עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹי פִּיל פַארְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַז מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ זֵיי אִיז מֶען זֵיי פָּשׁוּט מְחַיֶה, אִיבֶּערְדֶעם זֶע שְׁטֶענְדִיג מְקַבֵּל זַיין דַיין חַבֵר מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן גְרוֹיסְן גָאוֹן וְצַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זי"ע אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס

אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים מִיט דֶעם לָשׁוֹן "אַ פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען קוּקְן אִין דַיין פָּנִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט לֵייגְן קַיין דָבָר הַמַזִיק בִּרְשׁוּת הָרַבִּים, דָאס הֵייסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגְן אוֹיסְזֶען, וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיף יֶענֶעם", אִיבֶּערְדֶעם זֶע שְׁטֶענְדִיג צוּ שְׁמֵייכְלֶען, שְׁטֶענְדִיג מְקַבֵּל צוּ זַיין דַיין חַבֵר מִיט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, אוּן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מְחַיֶה זַיין אִידְן.

**זָאלְסְט** זֶען אַרוּמְגֵיין נָאךְ צְדָקָה, וָוארוּם מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים, וֶוען אַ אִיד גֵייט נָאךְ צְדָקָה אִין דִי פִיר זַייטְן פוּן שְׁטָאט, דָאס הֵייסְט מִזְרָח, מַעֲרִיב, צָפוֹן, דָרוֹם, וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין, סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, חֶנֶק. פְרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז נִישְׁט וֶוערְד אַז מֶען זָאל אַרוּמְגֵיין נָאךְ צְדָקָה ווי חָלִילָה וְחַס בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן פוּן אֵיינֶע פוּן דִי אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין? דִי חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה יד סִימָן ו') אַף עַל פִּי שֶׁבָּטְלוּ סַנְהֶדְרִין וּבָטְלוּ אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין, אֲבָל דִין אַרְבַּע מִיתוֹת לֹא בָטְלוּ; אֶמֶת מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין סַנְהֶדְרִין אוּן מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין, אָבֶּער חָלִילָה וְחַס אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מִיט אַ גֶעווִיסְן זִינְד וְכוּ', דֶערְטְרֶענְקְט עֶר זִיךְ אִין יַם וָואס דָאס אִיז כְּנֶגֶד חֶנֶק, אַ גוֹי הַרְגֶעט אִים דָאס אִיז כְּנֶגֶד הֶרֶג, עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אִין אַ פֵייעֶר דָאס אִיז כְּנֶגֶד שְׂרֵיפָה, עֶס פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אִים אַ מַפּוֹלֶת

פון שְׁטֵיינֶער דָאס אִיז סְקִילָה וְכוּ' וְכוּ', מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן וָואסְפַּארַא אוּמְגְלִיקְן מֶען הֶערְט הַיינְט, און קֵיינֶעם פַּאלְט נִישְׁט אַיין אַז דָאס אִיז אַלְץ גֶעבֶּעךְ וַוייל מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין, פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זָאלְסְט אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דַיין בִּיטֶער הַארְץ, זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַאר אִים, וְעַל כּוּלָם זַיי מְשַׂמֵחַ אִידְן, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מִצְוָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל נִתְרַחֵב וֶוערְן בְּגַשְׁמִיוּת און בְּרוּחְנִיוּת, און מֶען זָאל הֶערְן פוּן דִיר גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נָשֹׂא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר וֵויי, אַ בָּחוּר וָואס עֶר דַארְף זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם וְכוּ' וְכוּ', דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָן אַ טַלִּית

קָטָן וְכוּ'? דַיין פָּאטֶער הָאט גְרויס טַעֲנוֹת אויף דִיר, און עֶר אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט וְכוּ'! דוּ מֵיינְסְט אַז מִיט דֶעם וָואס דוּ פָּארְסְט אִין אוּמַאן אִיז שׁוֹין אַלֶעס בְּסֵדֶר? עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ און מְקַיֵּים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דוּ מֶעגְסְט זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אָן אַ טַלִּית קָטָן, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער קַלוּת, און עֶס וַוייזְט אַז אַ אִינֶעוֵוייניג בִּיסְטוּ פַארְפוּילְט וְכוּ'. אִיךְ מוּז דִיר שְׁרַייבְּן אַזוֹי שַׁארְף, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט, און אִיךְ זֶע אִיךְ פּוֹעֵל נִישְׁט, מוּז זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין בְּלָאזֶער וְכוּ'.

זְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אויף אַ גֶעוִויסְן מַגִיד וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן, אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין פִּינְק אִידִישְׁקֵייט, הָאט אויף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט "אַ פִּינְק הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, נָאר מֶען דַארְף עֶס אוֹיפְבְּלָאזְן, און דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין פִּינְק, מִן הַסְתָּם אִיז עֶר נִישְׁט זֵייעֶר בְּלָאזֶער" זָאג אִיךְ דִיר אוֹיבֶעט, אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִיר פְּשׁוּט אִידִישְׁקֵייט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה, נָאר אִיךְ מִן הַסְתָּם בִּין אִיךְ נִישְׁט דַיין בְּלָאזֶער, אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט אוֹיפְבְּלָאזְן

דַיין פִינְק וָואס עֶס אִיז דָא אִין דִיר; אִיבֶּערְדֶעם טוּ מִיר אַ טוֹבָה אוּן גֵיי צוּ אַן אַנְדֶערְן. וָואס דַארְפְסְטוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוּן אָנְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט? מַיין צַייט אִיז צוּ טֵייעֶר וְכוּ' וְכוּ'.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר וָואס אִיךְ לֶעבּ מִיט דִי מַחְשָׁבָה אַז "הַיינְט אִיז מַיין לֶעצְטֶער טָאג", אִיבֶּערְדֶעם כַאפּ אִיךְ אַרַיין יֶעדְן טָאג וָואס אִיךְ קֶען, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן אַז עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אֵיינֶער צִי צְוֵויי צִי דְרֵיי וְכוּ' וְכוּ' אוּן אִיךְ דַארְף רֶעדְן מִיט זֵיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, רֶעד אִיךְ מִיט זֵיי. וָוארוּם סוֹף כָּל סוֹף אַז מֶען רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגְן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס אִיז דֶער מַעְלָה פוּן אֵיינֶער וָואס עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ תְּשׁוּקָה אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וֶוען אִיךְ קֶען רֶעד אִיךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען סְ'קוּמְט צוּ מִיר אֵיינֶער אוּן וִויל הֶערְן רֶעד אִיךְ מִיט אִים וְכוּ', וְכוּ'. אָבֶּער סְתַּם רֶעדְן אוּן ווידֶער רֶעדְן אוּן וַוייטֶער רֶעדְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן נִישְׁט פָּאלְגְן? אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ: זִיךְ דִיר אַן אַנְדֶער פְּלַאץ וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ'.

**עֶס** ווערְט דֶערְצֵיילְט, דָאס דֶער הֵיילִיגֶער חַתַם סוֹפֵר זי"ע וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מְפוּרְסָם מִיט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, וַיְהִי הַיּוֹם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד

וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער, אוּן עֶר הָאט מִיט אִים צוּזַאמֶען אַלְץ אִינְגְל גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִיז עֶר אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַן עַם הָאָרֶץ, ווִי גֶעוֶוענְדְלִיךְ אִיז אַן עַם הָאָרֶץ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט, זוּכְט עֶר מִיט וֶועמֶען אָנְצוּבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען עֶר וֶועט אַרֵיינְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר אַבִּיסְל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' וְכוּ'. נוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וָואס עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר אַנְטְקֶעגְנְגֶעקוּמֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ מִיט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר מִיט אִים גֶעזֶעגֶענְט, אוּן צוּ מָארְגֶענְס אִיז דֶער אִיד וַוייטֶער דָא, הָאט עֶר וַוייטֶער מִיט אִים אַבִּיסְל גֶערֶעדְט, אוּן הָאט אִים אַוֶועק גֶעשִׁיקְט. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן טָאג, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר, "וָואס ווִילְן זִי?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטְרַייבְּן דִי צַייט", הָאט אִים אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר "אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִישְׁט, אוּן אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט צַייט; טְרַייבּ דוּ צַייט צוּ מִיר"...

**זָאג** אִיךְ דִיר אוֹיבֶּעט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ "אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִישְׁט, אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט צַייט, טְרַייבּ דַיין צַייט צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען".

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן

זָאלְסְט וֶוערְן אַן אֱמֶתְ'ן יְרֵא שָׁמַיִם וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט וֶוער עֶס וֶועט זַיין אוֹיף זַיין צִיוּן וֶועט עֶר אִים פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַרוֹיסְנֶעמֶען, אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:) הַכֹּל בִּידֵי שָׁמַיִם חוּץ מִיִּרְאַת שָׁמַיִם; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מוֹרָא הָאבְּן פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען זָאל הָאבְּן דֶעם אֱמֶתְ'ן יִרְאַת שָׁמַיִם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ז) דָאס יִרְאָה אוּן אַהֲבָה, מוֹרָא הָאבְּן פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס בַּאקוּמְט מֶען נָאר פוּן צַדִיק, אוּן אַז בַּיי אֵיינֶעם אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי יִרְאָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָדֶער סְ'אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן פוּן אִים דִי אַהֲבָה עֶר לִיבְּט זִיךְ נִישְׁט מִיט בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז בַּיי אִים אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דֶער לֶעבְּט פוּן צַדִיק, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בְּוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# רו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר בְּהַעֲלֹתְךָ ג׳ סִיוָן ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעצְט מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ וֶועל נָאר שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת וָואס דוּ זָאלְסְט פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען רְמָזִים פַּאר דִיר.

אַ סְגוּלָה אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי, אִיז זִיךְ צוּ לֵייגְן פְּרִי. ווִי אַזוֹי מֶען לֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף; אַז מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע עֶרְלִיךְ כְּפִי נוּסַח הָאֲרִיזַ״ל אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה - וָואס עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט, אוּן מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס שְׁטֵייט מֶען אוֹיף פְּרִי, אוּן דָאס אוֹיפְשְׁטֵיין אִיז אַן אַנְדֶערְן אוֹיפְשְׁטֵיין, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט ״וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בוֹקֶר״, וָואסֶערֶע נַאכְט מֶען גְרֵייט צוּ, אַזַא אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען.

וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן סִידוּר מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה אוּן מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן הַיינְט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֶען וָואסֶערֶע אִינְדֶערְפְרִי דוּ וֶועסְט הָאבְּן.

מֶען דַארְף דַאוְוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַוְקָא, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס הֵייסְט דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) 'אֵימָתַי עֵת רָצוֹן? בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּיבּוּר מִתְפַּלְלִין'; דָאס הֵייסְט וֶוען דִי צִיבּוּר אִיז מִתְפַּלֵל, דֶעמָאלְטְס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דָאס וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן אָנְפַאנְג דַאוְוענֶען בִּיזְן סוֹף אוּן עֶר הָאט אִינְזִינֶען פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת וָואסֶערֶע נַחַת רוּחַ עֶר אִיז גוֹרֵם פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר אִין דֶעם מוֹרָא'דִיג נִזְהָר גֶעוֶוען.

**זָאלְסְט** זִיךְ מַאכְן אַ פּוּשְׁקֶע פוּן צְדָקָה, אוּן זָאלְסְט זַיין גֶעוואוֹינְט פַאר יֶעדְן דַאוְוענֶען אַרַיינְוַוארְפְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיים עֶסְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת, אוּן פַארְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אַפָּאר פְּרוּטוֹת, אוּן דִי אַלֶע פְּרוּטוֹת וֶועט זִיךְ אָנְזַאמְלֶען זָאלְסְטוּ עֶס בְּרֶענְגְן צוּ מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל נוּצְן דִי פְּרוּטוֹת צוּ טֵיילְן פַאר אָרִימֶע לַייט וָואס זֵיי הָאבְן בֶּאֱמֶת נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא בַּתְרָא י.) רַבִּי אֶלְעָזָר יָהִיב פְּרוּטָה לֶעָנִי וְהָדָר מַצְלִי; פַארְן דַאוְוענֶען מוּז מֶען גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה, אוּן דָאס מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל.

זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, זַיי נִישְׁט מִיט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אַדְרַבָּה, זוּךְ נָאךְ בַּיי דִיר דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת, זוּךְ נִישְׁט

דִי שְׁלֶעכְטֶע נְקוּדוֹת, וֶועסְטוּ זֶען דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן דַיינֶער וֶועט זַיין אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּן.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מְחַבֵּר רְמָ"א אִין אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס הֵייסְט זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן אוֹרַח חַיִּים נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ סִימָנִים, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ 'אוֹרַח חַיִּים', דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן 'יוֹרֶה דֵעָה', אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן 'יוֹרֶה דֵעָה' זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן 'אֶבֶן הָעֶזֶר', אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן 'אֶבֶן הָעֶזֶר' זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן 'חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט', אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן 'חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט' זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ עֶנְדִיגְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א, אַזוֹי וֶועסְטוּ וִויסְן פוּן וָואס יֶעדֶע סִימָן רֶעדְט זִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט דַארְפְן אַמָאל וִויסְן עֶפֶּעס אַ הֲלָכָה וֶועסְטוּ וִויסְן וואוּ צוּ זוּכְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט דַארְפְן עֶפֶּעס פְרֶעגְן וֶועסְטוּ וִויסְן אַז סְ'אִיז דָא וָואס צוּ פְרֶעגְן, אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערְן קָאפּ אַ שְׁוֶוערְן פַארְשְׁטַאנְד דַארְף זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ אִין לִימוּד הֲלָכָה, עֶר זָאל וִויסְן הֲלָכָה, סְ'קֶען דוּרְכְגֵיין דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן אוּן מֶען הָאט נִישְׁט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אֵיינְמָאל אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אִיז קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען דוּרְכְלֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ"א, אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען מִיט מָגֵן אַבְרָהָם אוּן טוּרֵי זָהָב וְכוּ' וְכוּ'.

**וַוארְף** פוּן דִיר אַוֶועק דָאס עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן זָאלְסְט זֶען צוּ פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ג' סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן וֶועגְן דֶעם לִימוּד קַבָּלָה קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן בָּרַבִּים, וּבִפְרַט אַ זַאךְ וָואס מֶען גֵייט דְרִיקְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מַסְבִּיר זַיין בִּכְתַב, אָבֶּער אַזוֹיפִיל וֵוייסְן מִיר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אֲפִילוּ דִי וָואס זֵיי לֶערְנֶען קַבָּלָה אוּן עֶר אַלֵיין הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען קַבָּלָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דַאוְוענֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קַ"ב) אַז מֶען זָאל דַאוְוענֶען פָּשׁוּט פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, אִינְזִינֶען הָאבְּן פַּשְׁטוּת וָואס מֶען זָאגְט, "בָּרוּךְ אַתָּה הַוַיָ"ה וְכוּ', - גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין גָאטֶענְיוּ". וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, דַאוְוענֶען בִּלְשׁוֹן נוֹכַח, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם צְוֵוייטְן אוּן עֶר וִויל אַז יֶענֶער זָאל אִים פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעם גַאנְצְן דַאוְוענֶען, "אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם

דַעַת' וְכוּ', - דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבְּסְט פַארְן מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, בֶּעט אִיךְ דִיךְ 'חָנֵּנִי מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת' וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר גֶעבּ מִיר אוֹיכֶעט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד וְכוּ'".

**הָאט** דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער עִיקָר פוּן דַאוֶונֶען אִיז פָּשׁוּט, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ. רֶעדְן, אוּן פַארְשְׁטֵיין וואס מֶען רֶעדְט, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן דָאס דַאוֶונֶען.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ צוּ לֶערְנֶען כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל וְכוּ', אָבֶער מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נַארְן זִיךְ, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט נַארְן יֶענֶעם, וָוארוּם מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר שְׁנֶעל גֶענַארְט וֶוען זֵיי הֶערְן לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וְכוּ', אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וְכוּ', טְרַאכְטְן זֵיי "אָט זִיצְט אֵיינֶער אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל אוּן עֶר אִיז מַסְבִּיר טִיפֶע עִנְיָנִים אִין קַבָּלָה" וְכוּ', אוּן לְבַסּוֹף נִישְׁט עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן נִישְׁט דֶיעַ וָואס זֵיי הֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן וָואס זֵיי הֶערְן וְכוּ', אוּן מֶען נַארְט אָפּ מֶענְטְשְׁן. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ד) אַזוֹי ווִי אֵיינֶער זָאגְט פְּשַׁט אִין גְמָרָא רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת פַאר עַמֵי אֲרָצִים אוּן זֵיי הֵייבְּן נִישְׁט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי זָאגְן פִּלְפּוּלִים, אוּן דִי וָואס זֵיי הֶערְן הֵייבְּן נִישְׁט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דָא גֵייט פָאר, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן וְכוּ',

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי זֶענֶען מַשְׂכִּילִים וְכוּ׳, אוּן פְרֶעגְן טִיפֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף אֱמוּנָה וְכוּ׳, אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים אוּן הַבְלֵי הֲבָלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט קַיין פַארְגֶרֶעבְּטְן מֹחַ וָואס אִיז פוּל מִיט צוֹאָה אוּן טִינוּף פוּן הִרְהוּרִים רָעִים רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ׳ וְכוּ׳ קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין רוּחְנִיּוּת אֱלֹקוּת. אַזוֹי אוֹיכֶעט אִיז בַּיי כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל.

**אַוַודַאי** אִיז דָא אִין דֶעם אַ טִיפְן לִימוּד, אוּן מֶען דַארְף שְׁטַייטְלֶעךְ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן כִּתְבֵי הָרְשַׁ״ש (רַבֵּינוּ שָׁלוֹם שַׁרְעֲבִּי זי״ע) וָואס עֶר הָאט דֶערְגַאנְגֶען דֶעם פְּנִימִיּוּת פוּן דֶעם לִימוּד פוּן כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל, וָוארוּם עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם גַאנְצְן לִימוּד בְּדֶרֶךְ יִחוּדִים אוּן שֵׁמוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אַז** אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז זִיךְ מְזַכֵּךְ דִי אוֹיגְן דִי אוֹיעֶרְן דֶעם חוֹטֶם מִיטְן מוֹיל, דֶעמָאלְטְס לַייכְט אִין אִים שְׁטֶענְדִיג דִי שֵׁמוֹת ע״ב ס״ג מ״ה ב״ן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דָאס קֶען מֶען צוּנֶעמֶען אוֹיף אָן אַ שִׁיעוּר פְּרָטִים, ב״ן דב״ן וְכוּ׳, מ״ה דב״ן וְכוּ׳, ס״ג דב״ן וְכוּ׳ אוּן ע״ב דב״ן וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ טִיפְן לִימוּד, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט שְׁטַייטְלִיךְ קֶען מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין.

**דֶער** עִיקָר אִיז אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, "וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס אַלֶעס וְכוּ׳? וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז וֶוען מֶען

זָאגְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא זָאל מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן גָאט?", און דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס זַייעֶר גֶעטְרֵייסְלְט, און הָאט אוּנְז בַּאווִיזְן אַ דֶרֶךְ אַז וֶוען מֶען אִיז מַזְכִּיר דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ טְרֵייסְלֶען פַאר פַּחַד אַז עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען, אַז ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

**דֶער** עִיקָר אִיז מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און רֶעדְן בִּלְשׁוֹן נוֹכַח, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען בֶּעטְן פוּן אִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אַוֶועקְוַוארְפְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, וָואס כְּלוֹמֶר'שְׁט אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין עֶר הָאט שֵׂכֶל, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', וּבִפְרַט אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ' און זַיין גַאנְצֶער מֹחַ אִיז פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין רוּחְנִיוּת וְכוּ' וְכוּ', אִיז וָואס פֶעלְט אוֹיס וְכוּ', בִּשְׁעַת מֶען קֶען זִיךְ מִתְחַזֵק זַיין אִין דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וּבִפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת אִיז זַייעֶר גְרוֹיס, און רַחֲמָנָא לִיצְלָן מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, דִי מִינִים און אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זֶענֶען מְלוּבָּשׁ אִין דִי רַע-בָּנִים וְכוּ' וָואס זֵיי בַּאלַאנְגֶען צוּ דִי "רַבָּנוּת" וְכוּ', וָוארוּם אַ "רָב מִטַעַם" אִיז אַ קַל שֶׁבְּקַלִים, עֶר טוּט גָארְנִישְׁט נָאר וָואס מֶען שְׁרַייבְּט אִים אָן, און זֵיי פַארְפִירְן דֶעם פָאלְק מִיט כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען קַלִים וּפוֹחֲזִים, אַלֶעס אִיז בַּיי זֵיי גְרִינְג: דִי מִקְוֶה אִיז נִישְׁט קַיין מִקְוֶה וְכוּ', מְמֵילָא אִיז נִישְׁטָא קַיין טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה וְכוּ', מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף כְּרִיתוּת; דִי עֵירוּב אִיז נִישְׁט קַיין עֵירוּב, אוּן מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף חִילוּל שַׁבָּת, אִיסוּרֵי כְּרִיתוּת; דָאס כַּשְׁרוּת אִיז נִישְׁט קַיין כַּשְׁרוּת, עֶסְט מֶען נְבֵילוֹת וּטְרֵיפוֹת וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין יַבְנְאֵל וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, זִיצְט זִיךְ דָארְטְן אַ קַל שֶׁבְּקַלִים וָואס עֶר דַארְף זַיין דֶער "רָב" אוּן בַּיים סוֹף אִיז עֶר נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט ווינְצִיגֶער וִוי דֶער "שְׁטְרָאף" רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן. עֶר אִיז מַכְשִׁיל דִי אַיינְוואוֹינֶער מִיט אִיסוּרֵי כְּרִיתוּת אוּן אִיסוּרֵי סְקִילָה אוּן טְרֵיפוֹת וּנְבֵילוֹת וְכוּ' וְכוּ', וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה וּמְצַפְצֵף, אַדְרַבָּה מֶען הָאט מוֹרָא צוּ רֶעדְן וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם הַיינְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן נָאר פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דֶער עִיקָר אוּן יְסוֹד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים נֶעבְּן אִים, אוּן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן נִישְׁט דִמְיוֹנֶען קַיין שׁוּם דִמְיוֹנוֹת, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר קוּמֶען צוּם אֱמֶת.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן לֶערְן זֵייעֶר אַסַאךְ סִפְרֵי חֲסִידוּת פוּן תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וֶועסְטוּ דָארְטְן זֶען גִילוּי אֱלֹקוּת בְּתַכְלִית מַדְרֵיגָה עֶלְיוֹנָה, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע סְפָרִים. דֶער עִיקָר לֶערְנֶען אַלֶע סִפְרֵי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם אוֹיף דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ לַייכְטְן דֶעם מֹחַ, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע, דֶער אוֹר שִׁבְעַת הַיָמִים אִיז גֶעוֶוען נָאר צוּ אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען גִילוּי אֱלֹקוּת בְּתַכְלִית מַדְרֵיגָה עֶלְיוֹנָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) "דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק, אִיר זָאלְט זֶען אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן!".

**אוּן** סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזוֹי גֶעעֶנַארְט זִיךְ ווִי בַּיי כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, מֶען קֶען אַיינְרֶעדְן יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ' כָּל מִינֵי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', נִישְׁט עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶר זָאגְט אוּן דִי וָואס זֵיי הֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן וָואס זֵיי הֶערְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי פַארְפִירְט מֶען מֶענְטְשְׁן אִין בְּלָאטֶע, אוּן דֶערְוַוייל רֶעדְן זֵיי נִישְׁט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֶענֶען מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל, אוּן סְ'קוּמְט זֵיי אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ'. אִיבֶּערְדֶעם זֶע זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# רח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ג׳ סִיוָן ה׳תשע״א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט מִיךְ נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן נִישְׁט אִין יוּ-טוּבּ, אוּן נִישְׁט אִין פֶּעיִסְבּוּק, אוּן נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם מָקוֹם טִינוֹפֶת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָוארוּם אַ אִיד טָאר זִיךְ דָארְטְן נִישְׁט דְרֵייעֶן וְכוּ׳, נִישְׁט אוֹיף אַזַא אוֹפָן קוֹיפְט מֶען כָּבוֹד. בִּכְלַל הָאבְּן דִי חֲזַ״ל גֶעזָאגְט (עֵירוּבִין יג:) כָּל הַמְחַזֵּר עַל הַגְּדוּלָּה הַגְּדוּלָּה בּוֹרַחַת מִמֶּנּוּ; אַז אֵיינֶער לוֹיפְט נָאךְ כָּבוֹד אַנְטְלוֹיפְט פוּן אִים דִי כָּבוֹד; אוּן סְ׳אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין כָּבוֹד אַז אַ אִיד זָאל קוּקְן אִין אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ׳, אוּן עֶר זָאל הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי מָקוֹם הַטִּינוֹפֶת וְכוּ׳ וְכוּ׳. אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד אוֹיף דֶעם, מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ נִישְׁט קְלֵיין וֶוערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ״א:) ״לֹא מְקוֹמוֹ שֶׁל אָדָם מְכַבְּדוֹ אֶלָּא אָדָם מְכַבֵּד אֶת מְקוֹמוֹ״; מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט מִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אִין פֶּעיִסְבּוּק, אָדֶער אִין יוּ-טוּבּ, וֶועל אִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס וֶוערְן. אַדְרַבָּה, דָאס אִיז אַ מָקוֹם טִינוֹפֶת וָואס אַ אִיד טָאר דָארְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין וְכוּ׳ וְכוּ׳. אִיבֶּערְדֶעם זֶע אוֹיפְצוּהֶערְן מִיט דִי נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען

נָאכְלוֹיפְן נָאךְ כָּבוֹד, וָוארוּם סְ'אִיז זֵייעֶר עֶקְלְדִיג וֶוער סְלוֹיפְט נָאךְ נָאךְ כָּבוֹד אוּן פִּרְסוּם, וְכוּ', וְכוּ'. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אוֹיפְן תַּכְלִית אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי טָאג דִי שָׁעָה דִי רֶגַע וָואס עֶר וֶועט דַארְפְן אַרוֹיסְהוֹיכְן דִי נְשָׁמָה אוּן צוּרִיק גֶעבְּן פַּאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואסֶערֶע פָּנִים וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶר הָאט דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן נָאכְגֶעלָאפְן נָאךְ נַארִישֶׁע כָּבוֹד אוּן פִּרְסוּם?

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס יֶעדְן טָאג וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה בַּיי דֶעם פָּסוּק "תֵּצֵא רוּחוֹ יָשׁוּב לְאַדְמָתוֹ בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו" הָאט עֶר זִיךְ צוּזִינְגֶען אוֹיפְ'ן קוֹל "בַּיּוֹם הַהוּא, בַּיּוֹם הַהוּא, בַּיּוֹם הַהוּא..." אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען אַסַאךְ מָאל. הָאט אִים אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט, "וָואס הָאט אִיר זִיךְ אַזוֹי צוּזִינְגֶען בַּיים 'בַּיּוֹם הַהוּא'?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וֶוען אִיךְ זָאג דֶעם פָּסוּק בִּין אִיךְ זִיךְ מְיַישֵּׁב אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס עֶס וֶועט זַיין "תֵּצֵא רוּחוֹ יָשׁוּב לְאַדְמָתוֹ", אוּן דֶעמָאלְטְס'דִיגְן טָאג "בַּיּוֹם הַהוּא" עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אָפְּשְׁטֶעלְן, "אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו" יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מַחְשָׁבוֹת אוּן פְּלֶענֶער וָואס צוּ טוּן אִין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער "בַּיּוֹם הַהוּא" דֶעם טָאג וָואס מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט וֶוערְט שׁוֹין פַארְלוֹירְן אַלֶע גֶעדַאנְקֶען, אַלֶע פְּלֶענֶער, אוּיס קַאפֶּעלִיטְשׁ מַאכֶער...". אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת פוּן כָּבוֹד אוּן פִּרְסוּם; וָואסֶערֶע בּוּשָׁה וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעמָאלְטְס?

**אִיבֶּערְדֶעם** לָאז דִיךְ אָפּ פוּן דִי כְּלֵי שׁוֹפְכִים וָואס הֵייסְט צֵייטוּנְגֶען וְכוּ׳, זְשׁוּרְנַאלְן וְכוּ׳, אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ׳, פֶּעיְסְבּוּק וְכוּ׳, יוּ-טוּב וְכוּ׳; גֶעבּ זִיךְ בֶּעסֶער אָפּ מִיט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בַּמִּדְבַּר רַבָּה פָּרָשָׁה ד׳ סִימָן כ׳) כָּל הַמַּרְבֶּה כְּבוֹד שָׁמַיִם וּמְמַעֵט כְּבוֹד עַצְמוֹ כְּבוֹד שָׁמַיִם מִתְרַבֶּה וּכְבוֹדוֹ מִתְרַבֶּה, וְכָל הַמְמַעֵט כְּבוֹד שָׁמַיִם וּמַרְבֶּה כְּבוֹד עַצְמוֹ, כְּבוֹד שָׁמַיִם בִּמְקוֹמוֹ וּכְבוֹדוֹ מִתְמַעֵט.

**אַז** וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וָוארוּם עֶס אִיז גָאר קַיין תַּכְלִית נִישְׁט בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר גָאט בָּרוּךְ הוּא צוּ דִינֶען.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## רט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם רִאשׁוֹן לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ג׳ סִיוָן ה׳תשע״א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ הַיינְט גֶעזֶען דִי מַאשִׁינֶען וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט כְּדֵי צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל וָואלְט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע מַאשִׁינֶען וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דְרִיקְן, וָוארוּם עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶר אַלֵיין מִיט זַיין זוּן ר׳ שַׁכְנָא זַ״ל מִיט נָאךְ אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, דִי דְרֵיי הָאבְּן גֶעדְרִיקְט אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִין רֶבִּי נָתָנְ׳ס זַ״ל הוֹיז, עֶר הָאט

אויפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן אַ דְרִיקֶעְרֵיי בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעמַסְרְ'ט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר הָאט אַלֵיין גֶעדְרִיקְט דִי אַלֶע סְפָרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶע זִיךְ זֵייעֶר צוּ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט וָואס סוֹף כָּל סוֹף בִּיסְטוּ מַחֲזִיר אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת בִּתְשׁוּבָה, וָואס דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶע, יֶעדֶער וָואס עֶר הָאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלַק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלַק הָכִי בַּר נַשׁ אַחְרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכַּפְיָיא סִטְרָא אַחְרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחְרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיה, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כַּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ

אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאַל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בְּיָדֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי מַאשִׁינֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס מַיינֶע אוֹיגְן זֶען, ווִי עֶס דְרִיקְט זִיךְ דִי סְפָרִים, אַזוֹי שֵׁיין אוּן לֶעבְּטִיג, (אַ בָּחוּר הָאט מִיר בַּאווִיזְן ווִי אַזוֹי מֶען דְרִיקְט, עֶס אִיז וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער), אִיבֶּערְדֶעם פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, וֶועסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# רי

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ד' סִיוָן ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר גְלַייךְ וֶוען דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעצְט יוֹרֶה דֵעָה הִלְכוֹת צְדָקָה סִימָן רנ"ה, וָואס דֶער מְחַבֵּר זָאגְט אַז אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין צְדָקָה פוּן מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם וֶוער עֶס נֶעמְט צְדָקָה פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר פָּאפְּט אוֹיס מֶענְטְשְׁן וֶועט בְּסוֹף מוּזְן זַיין אַן אָרֶעמַאן אוּן אַ בַּעַל יִסּוּרִים, אוּן עֶר וֶועט מוּזְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן. אִיז וָואס דַארְפְּסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין דֶעם? פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוען אֵיינֶער נֶעבֶּעךְ הָאט גָארְנִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, עֶר אִיז אַרָאפּ אִין אַ נִידְרִיגֶע מַצָּב בִּיז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג פַארְן גְרָאסֶערִי וְכוּ' אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ שְׁפַּייזְן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דֶער מוּז נֶעמֶען צְדָקָה, וָוארוּם וֶוען עֶר נֶעמְט נִישְׁט אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ שׁוֹפֵךְ דָמִים וּמִתְחַיֵּיב בְּנַפְשׁוֹ וְכוּ', וְאֵין לוֹ בְּצַעֲרוֹ אֶלָּא עֲווֹנוֹת וְחַטָּאִים וְכוּ'.

זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען צְדָקָה אוּן עֶר נֶעמְט צְדָקָה וֶועט עֶר בַּיים סוֹף זַיין אַזַא אָרֶעמַאן מִיט אַ בַּעַל יִסּוּרִים רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, עֶר וֶועט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן

מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט אוֹיף אִים רַחְמָנוּת הָאבְּן. אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר פָּאפְּט נִישְׁט אוֹיס קַיין מֶענְטְשְׁן.

**דָאס** וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ', קוּק אַרַיין דָארְטְן אִין שַׁ"ךְ וָואס עֶר זָאגְט "אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער אוּן עֶר דַארְף זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן אָדֶער זֵיי אוֹיסְהַאלְטְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר מֶעג נֶעמֶען צְדָקָה וְכוּ'", עַיֵּין שָׁם. אָבֶּער סְתָם אַזוֹי אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעלְט אוּן וִויל סְתָם קְלוֹיבְּן צְדָקָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן זַיין זִינְד אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן דֶעמָאלְטְס וֶועט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן שֶׁפַע.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## ריא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שֵׁנִי לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ד' סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**גְלֵייבּ** מִיר עֶס טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וֵויי וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְן מִיר זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן דָאס מִיר

הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, וָוארוּם יֶעדֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַ רֶעצֶעפְּט פַאר אַנְדֶערֶע מַחֲלוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחְנִיּוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֵוייניג, אוּן נָאר אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דָאס בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, ווִיפִיל דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ בְּתוֹךְ הַסֵּפֶר, אִין דִי דִיבּוּרִים פוּן צַדִיק דָארְטְן אִיז דָא זַיין מֹחַ, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וויל הָאבְּן אַ הַשָּׂגָה אִין אַ צַדִיק, זָאל עֶר לֶערְנֶען אַסַאךְ זַיינֶע סְפָרִים בִּיז עֶר זָאל דָאס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֵוייניג.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי דַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן וְכוּ' וְכוּ'. הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ הֶפְקֵירוּת מֶען לָאזְט גֵיין דִי וַוייבּ מִיט לַאנְגֶע שֵׁייטְלֶעךְ אִיבֶּער דִי אַקְסְלֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִי קְלֵיידֶער גֵייעֶן זֵייעֶר שְׁמָאל וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גֶעפֶּערְלִיכֶע פְּרִיצוּת אוּן אַ גֶעפֶּערְלִיכֶע עַזּוּת, אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'. אוּן בִּכְלַל אַ שְׁטוּב וָואס עֶס פִירְט זִיךְ נִישְׁט עַל פִּי הַתּוֹרָה, וַואקְסְן אוֹיף דָארְטְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר, אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט אָן אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין בִּצְנִיעוּת, מֶען זָאל אִיר נִישְׁט בַּארֶעדְן דִי שְׁכֵנוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**קוֹים** קוֹים וָואס מֶען הָאט מַתִּיר גֶעוֶוען גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל וֶוענְן כַּמָּה טַעֲמִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער גֵיין אַ לַאנְגֶען שֵׁייטְל אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְּרִיצוּת, מִכָּל שֶׁכֵּן מִיט שְׁמָאלֶע קְלֵיידֶער, און מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין.

**שְׁטְרִימְפּ** (זָאקְן) דַארְפְן הָאבְּן אַ הֶיכֵּר אַז מֶען גֵייט מִיט זָאקְן וְכוּ', נִישְׁט חָלִילָה וְחַס גֵיין דִינֶע זָאקְן וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען גֵייט בָּארְפִיסִיג רַחֲמָנָא לִישֵׁיזְבָן, וָואס דָאס אִיז אַ עִנְיָן פוּן עֶרְוָה בְּעַשִׁישִׁית וְכוּ', וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין בְּרָכָה דָארְטְן. אוֹיבּ דוּ ווילְסְט הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זֶען דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין בִּצְנִיעוּת, און בִּכְלַל דַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער הָאבְּן גְרוֹיס צַעַר פַארְוָואס דַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי צוּלָאזְן וָואס עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר קַיין אִידִישֶׁע טָאכְטֶער, און בִּפְרַט וֶוען מֶען וואוֹינְט אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג צְווִישְׁן הֵיימִישֶׁע אִידְן וְכוּ' וְכוּ', אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער דָאס דִי שְׁכֵנוֹת בַּארֶעדְן אִיר. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז הָאר טָאר מֶען בִּכְלַל נִישְׁט זֶען, וָואס דָאס אִיז בֵּיי-הָאר אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְבּ, וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכ"ה) שֶׁעלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ מִיט אַ קְלָלָה, אַז אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט מִיט דִי הָאר און מֶען זֶעט אַרוֹיס דִי הָאר, אִין דֶעם שְׁטוּבּ וֶועט זַיין עֲנִיוּת וְדַחְקוּת, אִין דֶעם שְׁטוּבּ וֶועט שׁוֹין קַיין גוּטֶע קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, אִין דֶעם שְׁטוּבּ וֶועט דִי בְּרָכָה נִישְׁט זַיין וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ

זֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין גְרִינְג בַּיי דִיר דִי זַאךְ.

**אַז** דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אִין אַ שְׁטוּבּ וִוי סְ'אִיז דָא צְנִיעוּת דָארְטְן רוּהט דִי שְׁכִינָה, אוּן וִוי דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן אִיז דִי בְּרָכָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל, זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, וָוארוּם וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אוּן וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, בִּיסְטוּ שוּלְדִיג; דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דַיין וַוייבּ אַ קַאלְטְקֵייט. קִילְסְט אִיר אָפּ פוּן אִידִישְׁקֵייט, קִילְסְט אִיר אָפּ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר שְׁטַארְק: אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט אוּנְז, זָאלְסְטוּ זֶען אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין בִּצְנִיעוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן חָלִילָה וְחַס זָאל דַיין וַוייבּ נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין אֵייגֶענֶע הָאר, נָאר זִי זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשוֹירְן, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז מֶען מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד מֶער וִוי אַלֶעם, וָוארוּם בַּיי-הָאר אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זִינְד וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** מוּז מְקַצֵר זַיין אִין אַ פְּלַאץ וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶּער אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה וֶועגְן, כְּדֵי אִין דַיין שְׁטוּבּ זָאל רוּעֶן דִי שְׁכִינָה. דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר אִין אַ שְׁטוּבּ וִוי עֶס

אִיז דָא צְנִיעוּת, אַז וואוּיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס זִי גֵייט מִיט צְנִיעוּת, און זִי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט און אִין צְנִיעוּת פַאר אַ פְרוֹי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד.**

# ריב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ח' סִיוָן (אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת) ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**מִיר** דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא לֶעכְטִיגֶע יוֹם טוֹב פוּן מַתַּן תּוֹרָה. דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זַ"ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז אַ יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען מִיט שִׂמְחָה דִי יוֹם טוֹב" וְכוּ', מֶען דַארְף זָאגְן "עֶס אִיז אַרַיין אִין מִיר דִי יוֹם טוֹב" וְכוּ', וּבִפְרַט יֶעצְט דָאס אוּנְז הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען פוּן נַיי מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז אַמָאל יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן צוּגֶעפַאלְן צוּ דִי סֵפֶר תּוֹרָה און מִיט אַ גְרוֹיס דְבֵיקוּת הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מִיר גֵייעֶן יֶעצְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ

תּוֹרָה" און עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה מִיט אַזַא שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, און דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט מִיטְגֶעטַאנְצְט מִיט אִים אַזוֹי ווִי שִׂמְחַת תּוֹרָה; ווָארוּם אַזוֹי דַארְף זַיין קַבָּלַת הַתּוֹרָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

**דֶער** אֲרִי זַ"ל זָאגְט דָאס יֶעדֶעס יוֹם טוֹב ווֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט, קוּמְט אַרָאפּ דִי זֶעלְבֶּע הֶאָרָה אַזוֹי ווִי עֶס אִיז שׁוֹין אַמָאל גֶעוֶוען; דָאס הֵייסְט פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט אַרָאפּ דִי הֶאָרָה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אַזוֹי אִיז הַיינְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח ווֶוען דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַזוֹי אִיז הַיינְט; און דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז שָׁבוּעוֹת קַבָּלַת הַתּוֹרָה ווָאס אִידְן זֶענֶען אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט און מֶען וַוארְט צוּ דַאוֶוענֶען ווָתִיקִין, און נָאכְדֶעם אִיז מֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

**דֶער** עִיקָר קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז, נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דָאס פוּן הַיינְט אָן ווֶועט מֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי ווָאכֶעדִיגֶע סֶדְרָה חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, און אַזוֹי אוֹיכֶעט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, און אַסַאךְ סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ'; יֶעדֶער אֵיינֶער ווָאס עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר. און אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ טָאג ווָאס מֶען קֶען נִישְׁט קַיין סַאךְ לֶערְנֶען, לֶערְנְט מֶען כָאטְשׁ אַבִּיסְל, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זַ"ל "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט"; וָוארוּם פַארְוָואס לֶערְנְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ קַיין תּוֹרָה? וַוייל עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אַז עֶר דַארְף לֶערְנֶען זַייעֶר אַסַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר קֶען נִישְׁט, לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען אֲפִילוּ אַבִּיסְל, אִיז לַאנְגְזַאם מַאכְט עֶר אַ חֶשְׁבּוֹן אַז נָאךְ אַבִּיסְל אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אִיז נָאךְ בֶּעסֶער.

זָוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא פִּנְחָס י"א) לָמָּה נִמְשְׁלָה תּוֹרָה לִתְאֵנָה? שֶׁרוֹב הָאִילָנוֹת הַזַּיִת וְהַגֶּפֶן וְהַתְּמָרָה נִלְקָטִין כְּאֶחָד, וְהַתְּאֵנָה נִלְקֶטֶה מְעַט מְעַט; וְכָךְ הַתּוֹרָה, הַיּוֹם לוֹמֵד מְעַט וּלְמָחָר הַרְבֵּה, לְפִי שֶׁאֵינָה מִתְלַמֶּדֶת לֹא בְּשָׁנָה וְלֹא בִּשְׁתַּיִם; פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ פַייגְן בּוֹים? נָאר אַלֶע פְּרוּכְט בֵּיימֶער וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אוֹיף אֵיין מָאל פוּן בּוֹים, נָאר אַ פַייגְן בּוֹים וֶוערְט גֶעצַייטִיגְט צוּבִּיסְלִיךְ, אוּן מֶען נֶעמְט אַרָאפּ יֶעדֶעס מָאל אַבִּיסְל פוּן דָא, אוּן אַבִּיסְל פוּן דָא; אַזוֹי אוֹיכֶעט דִי תּוֹרָה וֶוערְט גֶעלֶערְנְט הַיינְט אַבִּיסְל, מָארְגְן אַבִּיסְל, בִּיז מֶען לֶערְנְט דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט דוּרְכְלֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין אֵיין מָאל. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִקְרָא אַבִּיסְל מִשְׁנָה אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ', דִי אַלֶע בִּיסֶעלֶעךְ קְלוֹיבְּן זִיךְ צוּזַאם, בִּיז עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם אַסַאךְ; דָאס הֵייסְט לַאנְגְזַאם קֶען מֶען דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכוֹת, וְאַגָדוֹת, וְכוּ', וְכוּ', אַז ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט זִיךְ

פָּאר פוּן יֶעצְט שָׁבוּעוֹת קַבָּלַת הַתּוֹרָה אַז עֶר וֶועט יֶעדְן טָאג נִישְׁט פַּארְפֶעלְן פוּן צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אַבִּיסֶעלֶע, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער טִיף אִין הַארְצְן אַרַיין, וָוארוּם דֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹסִי בֶּן קִיסְמָא הָאט גֶעזָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד; וָוארוּם נָאר דִי תּוֹרָה בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## ריג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ח' סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו מִיטְן פִּדְיוֹן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר אַלֶע דִינִים דוּרְךְ פֶּלֶא עֶלְיוֹן.

**זֶע** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אָרָאפְּוַוארְפְן, חַזֵר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר, וְעַל כּוּלָם

זָאלְסְט זֶען צוּ זַיין בָּקִי אִין אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ. זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מְחַבֵּר רְמָ״א כְּסִדְרָן דִי אַרְבַּע חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ בְּעוֹמֶק הָעִיוּן; דָאס הֵייסְט זָאלְסְט נֶעמֶען אַ הֲלָכָה אוּן דוּרְכְ'חַזֶרְן. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז, אַז אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל דוּרְכְ'לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף הִלְכוֹת נִדָּה עֶר זָאל עֶס קֶענֶען קְלָאר, עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם אִין הִלְכוֹת כְּרִיתוּת, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס שׁוֹין הָאבְּן גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אוּן זִיךְ פַארְהֶערְן אוֹיף דֶעם, זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, וָואס דָאס אִיז הֲלָכוֹת חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, אוּן מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נִכְשָׁל אִין חִילּוּל שַׁבָּת חָלִילָה וְחַס וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין הִלְכוֹת שַׁבָּת, מֶען דַארְף אַסַאךְ אַסַאךְ חַזֶרְן הִלְכוֹת שַׁבָּת כְּדֵי צוּ זַיין בָּקִי אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט) אַז אַ יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר גְרִינְג דִי זַאךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

זֶע צוּ גֶעבְּן יֶעדְן טָאג פַאר יֶעדְן דַאוֶוענֶען אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, אוּן אוֹיבֶּעט פַארְן עֶסְן זָאלְסְטוּ אַרַיינְוַוארְפְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה אִין דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, וָוארוּם

דִי פְּרוּטוֹת וָואס דוּ גֶעבְּסְט, דָאס וֶועט דִיךְ אַקֶעגְן גֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. פַארְוָואס גֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין צְדָקָה? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶר דַארְף גֶעבְּן גְרוֹיסֶע סְכוּמִים, גֶעבְּט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַארְן דַאוֶוענֶען, אוּן פַארְן זָאגְן תִיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן בַּיים עֶסְן, אוּן אֵיידֶער מֶען פָארְט אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג, דֶייע צְדָקָה וֶועט אִים אָפְּהִיטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ בַּאפְלַייסְט אוּן וָואלְט גֶעגֶעבְּן יֶעדְן טָאג פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, מֶען דַארְף נִישְׁט נָאר פְּרוּטוֹת. בְּוַודַאי כָּל הַמּוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם.**

## ריד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שִׁישִׁי עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ ח' סִיוָן ה'תשע"א**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** וואוּנְטְשׁ דִיר אַ הַארְצִיגְן מַזָל טוֹב אוֹיפְן גֶעבוּרְט פוּן דַיין קִינְד, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דֶער בְּרִית זָאל זַיין בְּעִתּוֹ וּבִזְמַנּוֹ, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה וָואס דוּ גֵייסְט מְקַיֵים זַיין, מִצְוַת מִילָה, וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, וָואס עֶס הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קל"ז:) הַמָל אוֹמֵר "אַשֶׁר קִדְשָׁנוּ בְּמִצְווֹתָיו וְצִיוָנוּ עַל הַמִילָה", אֲבִי הַבֵּן אוֹמֵר "אֲשֶׁר קִדְשָׁנוּ בְּמִצְווֹתָיו וְצִיוָנוּ לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", הָעוֹמְדִים אוֹמְרִים "כְּשֵׁם שֶׁנִכְנַס לַבְּרִית כֵּן יִכָּנֵס לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים". אוּן אַזוֵי וֶוערְט גֶעפַּסְקֶנְט אִין רַמְבַּ"ם פֶּרֶק ג' מֵהִלְכוֹת מִילָה הֲלָכָה א', אוּן אוֹיכֶעט אִין טוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רס"ה סְעִיף א', אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן דָארְטְן זָאגְן דֶעם נוּסַח "כְּשֵׁם שֶׁנִכְנַס לַבְּרִית כֵּן יִכָּנֵס לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּן דֶעם וָואס מֶען זָאגְט 'כְּשֵׁם שֶׁנִכְנַס לַבְּרִית', אַזוֵי וִוי עֶר אִיז אַרַיין בַּיים בְּרִית, 'כֵּן יִכָּנֵס לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים'? נָאר מֶען קֶען זָאגְן בְּדֶרֶךְ אֶפְשָׁר 'כְּשֵׁם שֶׁנִכְנַס לַבְּרִית' דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דֶעם גוּף אוּן מֶען קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ אִיד, 'כֵּן יִכָּנֵס לְתוֹרָה' אַזוֵי דַארְף עֶר אַרַיינְגֵיין אִין תּוֹרָה, אַז דִי תּוֹרָה זָאל זַיין אַרַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי אִים אִין זַיין לֶעבְּן, אַז סְ'קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים, אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אַז עֶס זָאל וֶוערְן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אִים אַז דָאס קֶען פוּן אִים נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין. וִוי קוּמְט אַרַיין 'וּלְחוּפָּה'? נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט אַ בָּחוּר אוּן עֶר טְרֶעפְט אַ זִיווּג, וֶוען מֶען שְׁטֵייט בַּיי דִי חוּפָּה אִיז שְׁטֵייט מֶען זִיכֶער מִיט אַ גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, מִיט שָׁלוֹם, מֶען הָאט

נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אַ חָתָן כַּלָּה זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אִינְטֶער דִי חוּפָּה, אַדְרַבָּה אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִי חָתָן כַּלָּה וִוי זֵיי שְׁטֵייעֶן וִוי דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי דַארְף זַיין אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְן דֶעם עִנְיָן פוּן חוּפָּה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי דִי פָּארְפָאלְק, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְן; אוּן אַזוֹי וִוי בַּיי דִי חוּפָּה אִיז דִי פָּארְפָאלְק גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט אוּן מִיט אַ שָׁלוֹם, אַזוֹי זָאל דָאס זַיין בַּיי זֵיי אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אַ גַאנְץ לֶעבְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז ווִיפֶער מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן עֶס גֵייט אַדוּרְךְ אַ יָאר צְוֵויי אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט מֶען הָאט אַ קִינְד, הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ זַיין מַחֲלוֹקֶת אוּן וִויכּוּחִים, אוּן הֵייבְן הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן ווִיאַזוֹי גֶעבְן אַ נָאמֶען וְכוּ׳, אוּן נָאךְ וֶועמֶען גֶעבְן אַ נָאמֶען וְכוּ׳, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִתְוַוכֵּחַ צוּ זַיין. דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן ׳וּלְחוּפָּה׳ אַזוֹי וִוי בַּיי דֶער חוּפָּה אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שָׁלוֹם אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִיבְשַׁאפְט, אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ קְרִיגְן, וָוארוּם אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן אוֹיפְן חָתָן כַּלָּה וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן אִינְטֶער דִי חוּפָּה, אַזוֹי זָאל זַיין אַרַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי דִי פָּארְפָאלְק אַז זֵיי זָאלְן זַיין בְּשָׁלוֹם וַאֲהָבָה דֶעם גַאנְץ לֶעבְן, אוּן זִיךְ פִירְן בִּקְדוּשָּׁה וְטַהֲרָה. ׳וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים׳, אַ אִיד דַארְף זֶען צוּ הָאבְן גוּטֶע מַעֲשִׂים, טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן דָאס וֶועט זַיין אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אִים, נִישְׁט סְתָּם עֶר טוּט דָאס מַחֲמַת נוֹיט, נָאר דָאס זָאל זַיין אִין אִים אַרַיינְגֶעקְרִיצְט.

**און** מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם הֶמְשֵׁךְ: 'כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לַבְּרִית' וָואס דָאס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אִים, 'כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה' אַזוֹי זָאל וֶוערְן אִין אִים אַרַיינְגֶעקְרִיצְט תּוֹרָה; 'וּלְחוּפָּה' אַזוֹי וִוי בַּיי דִי חוּפָּה הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת און לִיבְּשַׁאפְט און מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, אַזוֹי דַארְף זַיין אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, און זִיךְ נִישְׁט מִתְוַוכֵּחַ זַיין, 'וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים' אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִּירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אִידְן וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ.

**דֶער** גְרֶעסְטֶער צְדָקָה וָחֶסֶד וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט אַ אִיד אִיז אִים מְשַׂמֵחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז אַלֵיין פְרֵיילִיךְ און מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע.

**אִיךְ** וואוּנְטְשׁ דִיר אַז דוּ מִיט דִי בְּנֵי בַּיִת זָאלְן מְגַדֵל זַיין דָאס קִינְד גְרִינְגֶערְהֵייט, און עֶטְץ זָאלְטְס זֶען פוּן אִים אַסַאךְ נַחַת.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם.**